STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07441

KINE UN TAYVE

Isaac Meir Weissenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. מ. ווייסענבערג.

קנאה און תאוה

און אנדערע ערצעהלונגען.

ווארשע — ניו-יארק

תרע"א 1911

איבערזעצען אהן דער ערלויבעניש פון אויטאר איז שטרענג
פערוועהרט.
מיט אנפראגען זיך צו ווענדען צום פערלעגער, פאר דעם אויטאר

Copyright 1909 by J. Lidski Washington U. S. A.

פערזאנען:

אננא.

עללא.

דן, משרת ביי אננא'ס פאטער.

אדאלף, עללא'ס קוזין.

ה' היגער, אננא'ס פאטער.

ה' ריינער. עללא'ס פאטער.

הדסה, אננא'ס דיענסט.

קארטען־לעגערין.

פאליציי און נאכט־וועכטער.

עֶרשְׁטֶער אַקְט.

(אַ שטוב אין ה' הינערם הויז).

ערשטע סצענע.

אננא און הדסה.

הדסה (קומט אריין דורך דער גלעזערנער טהיר וואס געהט ארויס אויף א באלקאן): א גערודער דאס איז עס הונטען. א יוד א סאדאווניק האט זיך אנידערגעשטעלט מיט א פוהר אויבם אונטער'ן סאמע באלקאן, און די געשרייען פון די ווייבער, וואס בעלעגערן די פוהר, מאכען דול דעם קאפ.

אננא: וואס דא טהוט זיך אב אלע אין דער פריה!

הדסה: וועה צו מיר! וואס דא האט זיך שוין היינט אבגעטהון; עס האט זיך שוין א וועלט איבערגעקעהרט; צייט ווען מענשען זענען אויף!

אננא: עס איז שוין גוט שפעט?

הדסה: אוודאי.

אננא: און איך בין אזוי אבגעמאטערט פון שלאף.

הדסה: פאר וואס זענט איהר אזוי לאנג געשלאפען. איך האב מיך שוין א פאר מאל איינגעהערט אונטער דער טהיר פון אייער שלאף־צימער פאר וואס מען הערט אייך נישט. איז אייך עפיס געוועזן?

אננא: ניין, גאר נישט. א דאנק הדסה'שי.

הדסה: נישט דא פאר וואס. (פויזע)

אננא: צי איז דא קיינער נישט געוועזן היינט?

הדסה: ניין, ווער האט דען דא געזאלט זיין?

אננא: איך ווייס אליין נישט ווי אזוי איך שלאף עפיס די צייטען; עפיס האלב אין שלאף און האלב אין וואך, נאר אינגאנצען אין פלאנטער. מיר האט זיך געדאכט, אז איך הער דא עמיצענס א שטיל רודער'ן אונטער דער טהיר און א שטיל סוד'ען זיך וועגען מיר — און איך האב מיך נישט געקענט אויפכאפען.

הדסה: געהט שוין געהט, ווירטהין! דאס האט זיך אייך נאר געדאכט.

אננא: אבער געוועזען איז דא נישט קיינער?

הדסה: קיינער נישט.

אננא: און דער טאטע איז עפּיס פריה אוועקגעגאנגען פון שטוב?

הדסה: ער האט מיך געוועקט פון געלעגער אראב, אז איך זאל געהן פערמאכען די טהיר אויפ'ן קייטעל נאך זיין אוועקגעהן, אזוי פריה איז נאך געוועזען.

אננא (ווי פאר זיך): מיין ארעמער טאטע, מיהט זיך נעבּיך זיין וועלט, מיהט זיך — און מיין מאמע ליגט אין דער ערד... (פויזע) געה הדסה'שי, גיב מיר די לעטשלעך וואס שטעהען דארט אהין צום בעט, — איך וועל מיך אנטהון. (הדסה געהט און קומט צוריק מיט א פּאר לעטשלעך).

ה' היגער און דן (קומען אריין): גוט מארגען! גוט מארגען!

אננא: גוט מארגען גוט יאהר. (דן גיט אננאן די האנד)

אננא (צו הדסה'ן): שטעל אוועק די לעטשלעך דא אויף דעם שטוהל, איך וועל מיך שוין אצינד סיי ווי סיי נישט אנטהון; (הדסה שטעלט אוועק די לעטשלעך געהט אוועק אין קיך) זיצט, ליבער דן.

דן: דאנק.

היגער: טאכטער, דו ביסט שוין לאנג אויף?

אננא: ניין. וואס איז דען?

היגער: איך פאהר היינט ארויס אין וואלד.

אננא: דוקא היינט?

היגער: איך זאל נישט מוזען וואלט איך גאר איינגאנצען נישט געפאהרען קיינמאל — קינד מיינס, מען שטעלט זיך היינט שיילען דעם דאמב.

אננא: און אהן דיר קען מען נישט שיילען?

היגער: ניין, מען מוז דארט שטעהן און אכטונג געבען.

אננא: נו מילא, פאהר געזונדטערהייט.

היגער: נאר קענען וואס איז דען?

אננא: גאר נישט, דו וועסט דאך אוודאי באלד צוריק קומען?

היגער: מיט גאטס הילף! — נאר וואס איז דיר עפּיס טאכטער?

אננא: מיר איז גאר נישט. מיר איז נאר א ביסעל אומעדיגליך.

היגער: נו פאר וואס זשע שלאפסט דו אזוי לאנג אויפ'ן טאג? זעה נאר ווי בלאס דו זעהסט אויס — יעדעס גליד טהוט דאך וועה פון ליגען אזוי לאנג אויפ'ן בעט, ווען די זון שיינט שוין אריין ענטקעגען איבער דעם פענסטער.

אַ נ נ אַ: נײַן, אין מײַן צימער איז אַראָבגעלאָזט די גאַרדינען; נאָר איך בין אַזוי שלעכט געשלאָפען. מען האָט די נאַכט געשפּילט צו דער חופה ערגעץ...

ה י ג ע ר: נו, האָסט דו נישט געקענט שלאָפען?

אַ נ נ אַ: נײַן.

ה י ג ע ר: נו גײה טהו דיך אָן.

אַ נ נ אַ: איך גײה שוין, ענטשולדיגט, ליבער דן, וואָס איך זיץ נאָך אַזוי אין אַזאַ נישט אַנגענעהמער, פאַר אײַך, פּויזע.

ד ן: אויב נישט מעהר, ווי נאָר פאַר מיר, קען איך עס אײַך שוין ענטשולדיגען, און קען מיר אַלע מאָל ווינשען אַזעלכע נישט אַנגענעהם-ליבקײטען.

אַ נ נ אַ: דאָך האַלט איך עס אַלײן נישט פאַר אַזאַ אָמת'ן וואונש פון אײַך. איך האָב אײַך שוין געוואָלט שעצען פאַר פרימער.

ד ן: די פרומע האָבען שוין אויך לאַנג געוואוסט וואו עס איז גוט נישט פרום צו זײַן. —

אַ נ נ אַ: פאַר וואָס זשע דען וועהט מען אײַך נישט אָפטער אַרײַנ-קומען אַהער?

ד ן: דאָס בין איך פערטהון געווען.

אַ נ נ אַ: נו מאַטישי, וואָס זשע זאָגסט דו ווײַטער וועגען פאָהרען?

ה י ג ע ר: גאָר נישט. איך הײַם הדסה'ן מיר אײַנפּאַקען דעם רײַזע-טאַש און איך פאָהר שוין אַרוים.

אַ נ נ אַ: עס וואָלט אָפּשר געווען אַ יושר אַז איך זאָל אויך מיט-פאָהרען? — וואָרען סײַ ווי סײַ זיץ איך דאָ אײנע אַלײן, קײנער קומט נישט אַרײַן צו מיר...

ה י ג ע ר: אוי, אוי, מײַן ליבע טאָכטער, גאָר אָהן שום שפּאַס — דו וואָלסט דאָרט אַרומגעקראָכען צווישען די בוימער און די גרינע בלעטער אין וואַלד! די לופט שמעקט דאָך אַזוי, אַז דו וואָלסט גאָר טאָפּעל מענש געוואָרען: אי פרעהליכער, אי פרישער, אי געזינדטער.

אַ נ נ אַ: אויף מײַן וואָרט, עס איז אַ שטיקעל יושר. ווער פאָהרט אַלײן?

ה י ג ע ר: ווער זאָל פאָהרען — איך אַלײן פאָהר; און וואָסט דו נישט געגנוג? איך מיט דיר וועל'מיר זײַן צוויי.

אַ נ נ אַ: און איהר דן פאָהרט נישט?

דן: נײַן איך מוז בלײַבען דאָ אויפ'ן פלאַץ געהילץ.

אַננאַ: וואָס איז עפּיס טאָג מיט נאַכט נאָר מיט'ן פלאַץ און גאָר מיט'ן געהילץ.

דן: אַזוי איז געשעפט, גוטע אננאַ.

היגער: נו, קום דו אַלײן מײַן טאָכטער — אין דער אמת'ן ער קען נישט, דן, ער מוז דאָ איבערבלײַבען.

אַננאַ: און איך קען אויך נישט, איך מוז אויך דאָ בלײַבען; עס איז דאָך קײנער נישט דאָ אין שטוב.

היגער: פאַהרסט דו נישט, הײסט עס?

אַננאַ: איך װײס נישט; אז איך קען נישט.

היגער (רופט): נו, הדסה!

הדסה (קומט אַרײן).

היגער: נעם פּאַק מיר אײן אין רײזע-טאַש עטליכע איבער-העמדער אַ װײַס האַלאַטעל אין וואַלד אַרום-צו-געהן און נאָך עפּיס װאָס דו פערשטעהסט.

הדסה: גוט. (רוקט אַפּער אַ רײזע-טאַש פון אונטער דער קאַנאַפּע און עסט זיך צום אײנפּאַקען).

היגער: הדסה'שי, קום, וועסט דו מיר געבען אַ שיסעל וואַסער אין קיך אויף אַרומצוואַשען זיך וועט מיר זײַן קיהלער אויפ'ן וועג. (הדסה און היגער, אויסטהוענדיג דעם מאַנטעל פון זיך, געהען אַוועק אין קיך).

אַננאַ: נו וואָס זשע זאָגט איהר, ליעבער פרײַנד, ווי איז אײַך געפעלען די נעכטיגע חופּה? איהר האָט זיך חנ'טש גוט געוויילט אויף דער חתונה?

דן: גאָר נישט שלעכט.

אַננאַ: און איך, זעהט איהר, האָב אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט קײן אויג צוטהון, ווײַל דאָס שפּילען אין דער גאַס העךט זיך אין די שטובען, וואָס זענען אויף אַ גאָרען, נאָך שטאַרקער ווי אין דער נידער.

דן: איך האָב מיך גאַנץ גוט געוויילט.

אַננאַ: און מיט עללישקאַ'ן?

דן: אַ שטײגער?

אַננאַ: איך מײן, צי האָט איהר זיך מיט איהר אויך עפּיס גוט געוויילט?

דן: וואָס הײסט גוט געוויילט? איך האָב מיך געוויילט, ווי געװעהנליך מען וויילט זיך.

אננא: איהר קומט שוין לאנג אריין צו זיי אין שטוב?
דן: גאר נישט לאנג, א חודש זעקס.
אננא: און איך, זעהט איהר, בין עס ערשט געוואָהר געוואָרען, איהר מוזט דאָרט פערברענגען גאר נישט קשה; עס מוז דאָרט זיין א גאנץ פרעהליכע שטוב!
דן: א גאנץ פרעהליכע שטוב.
אננא: און דאָס מיידעל אויך גאר נישט קיין מיאוסע, א גאנץ פרעהליכע?
דן: ווער עללישקא — א, יא, א גאנץ פרעהליכע
אננא: און איך, זעהט איהר, האָב עס גאר נישט געוואוסט. נאָר פון צייט אָן איהר קומט דאָ אהער אזוי ווענינ אריין, אָדער בעסער געזאָגט, איהר קומט דאָ אהער גאר נישט אריין — האָב איך אָנגעהויבען צו בעמערקען, אז איהר קומט דאָרט. צי איז טאקי דאָרט אזוי גוט, אנגענעהם?
דן: איך קען נישט זאָגען, אז נישט. אָבער אריינקומען קום איך דאָרט אלס א גוט-היימישער און גוטער פריינד, וואָס געהט נישט צו יענעם זוכען דוקא פערוויילונג, נאָר וואָס וויל איינפאך א קוק טהון: וואָס מאכען דאָרט די מענשען.
אננא: און פאר וואָס קומט איהר דאָ אהער נישט אריין?
דן: נו, איהר דארפט וויסען, אז איך בין א פערנומענער מענש — אז אויף קיין הונדערט ערטער א טאג געה איך נישט. און אזוי ווי יענע שטוב איז מיר שוין אזוי איינגעבאקען, איז וואָס עס בלייבט מיר א פרייע שעה גיב איך זיי אוועק דאָרט אהין.
אננא: און די שטוב, די הינטענדיגע, איז אייך ווי גאר נישט בעקאנט?
דן: איהר זענט גערעכט, ליעבע אננא, איך בין שוין דאָ טאקי נישט געווען א לאנגע צייט.
אננא: וואָס טויג מיר דאָס גערעכטיגקייט — טהיילט בעסער צו יענער שטוב דאָס גערעכטיגקייט און אהער קומט.
דן: א שעהנעם דאנק.
אננא: נו טאָ קומט זשע, ליעבער דן, פערגעסט נישט צו קומען! דער טאטע מיינער פאָהרט א צינד אוועק אין וואלד, איך מיין און ווי איהר ווייסט אייך, וועט ער זיך דאָרט דארפען זוימען א פאר טעג — און

עס װאָלט מיר זעהר געװאונשען געװען אז איך זאָל נישט דאַרפען בלײַבען אין די אַלע שטובען אײנע אַלײן.

דן: איך װעל קומען, איך דאַנק זעהר.

אַננאַ: נאָר װאָס זשע, עללישקאַ, זאָגט איהר אָבער, איז אַ שעהן מײדעל, אַ לוסטיגע — און איהר װעט זיך אַלײן נישט געדענקען.

דן: עס מאַכט נישט אויס, זאָל זי בליהען און לוסטיג זײן; איך קען מיר זײן אַ מענש פאַר מיר, דאָס שעהנע עפּעלע פרעהט דאָס אויג אפילו פון דער װײַטענס.

אַננאַ (מיט אַ שמײכעלע): און ציהט אָבער דאָס האַרץ אין דער נאָהנטענס. און דאַרום, ליעבער דן, פערגעסט נישט, איהר װײסט, אַז פון נעכטען בײַ נאַכט אַן געטרױ איך אײך שױן נישט אין אײער אויסגערעכענטקײַט און אין אײער זכרון. איהר האָט מיר צוגעזאָגט צו קומען מיך אַראָפּרופען פון שטוב, װען מען װעט שפּיעלען צו דער חופּה, אַז איך זאָל אויך געהן זעהען, װאָס בײַ מיר איז אַזױ זעלטען — און צום סוף: װאו זענט איהר געװען?

דן: ענטשולדיגט! װי איהר זעהט מיך אַלס עהרען־מענש, אַז איך האָב פערגעסען און איך דערמאַהן מיך ערשט אַצינד, װען מיר שטועסען.

אַננאַ: און איך זאָג אויך נישט אַנדערש, װי איהר האָט פערגעסען...

דן: נו, יאָ, איך האָב פערגעסען.

אַננאַ: נו װאָס דאַרף מען שױן מעהר? און מײנט נישט, אַז איך האָב נישט געזעהן אײך שטעהן נעכטען בײַ נאַכט בײַ דער חופּה.

דן: װי, איהר זענט געװען בײַ דער חופּה.

אַננאַ: איך בין געװען. איהר זענט געשטאַנען אויף די שוהל־טרעפּלעך, עללישקאַ נעבען אײך, איהר האָט זי געהילט מיט איהר שװאַרצען טוליענעם שאַל אַרום דער גאָמבע, אַז זי זאָל זיך נישט פערקיהלען — און דאָ אין דער מיט שוהל־הויף איז געשטאַנען דאָס קופּקעלע מענשען מיט הבדלות ברענענדיגע אין די הענד און די חופּה אין דער־מיט, אונטער װעלכער עס איז געשטאַנען דער יונגער־מאַן שטאַר און צוגעהאַלטען די אויגען מיט אַ כאַטשײַלכעל, און די ברענענדיגע הבדלות האָבען װי צוגעטריפט און צוגעקנאַקט מיט שפּריצען פײַערלעך צו דער שטילקײט, װאָס אַרום איז געװען.

דן: האָט איהר אונז געזעהן?

אַנְנאַ: יאָ, עס מאַכט נישט אויס. נאָר זאָגט מיר, פאַר וואָס איז עס אַזוי שטיל בײַ דער חופּה. עס זעהט דאָך אויס ווי מען וואָלט עמיצען געבּרענגט צום בּעגראָבען אויף אַ בּית עולם.

דן: ווי צום בּעגראָבען אויף אַ בּית עולם? יענע מענשען געהען ערשט לעבען.

אַננאַ: פאַר וואָס זשע דען וואָגט נישט קיינער אַ וואָרט צו רעדען. עס זעהט אויס, ווי זיי וואָלטען פערגליווערט געוואָרען אין דער נאַכט אַריין. מיט אַזוינע שוואַרצע אויגען קוקען אַלע אין דער ווייטער פינסטערקייט צום אויסגעשטערנטען הימעל. עס הערט זיך נישט מעהר ווי דער טריף־פון די בּרענענדיגע הבדלות — אַזאַ שטילקייט איז. און עס זעהט זיך נישט מעהר, נאָר ווי אַ שטילע ווייסליכע פּאַרע געהט אויף פון די מחותנים׳ס מײַלער אין דער קיהלער לופט אַריין. און עס פרעגט זיך אַליין: צי איז דער חופּה־פּלאַץ טאַקי אַ בּית עולם, נאָר אַנ׳אַנדערם, וואָס בּעגראָבּט פּאָארען־ווייז, און דער וועג צו דער חופּה, אַ זעלכער, וואָס חאָטש מען קעהרט זיך נאָך אום פון איהם צוריק אָבער דאָך קוים האָט מען שוין אַרויפגעטרעטען אויף איהם — איז דאָס שוין דער וועג וועלכער פיהרט גלײַך צום קבר, נאָר דאָ איז די ערשטע סטאַציע — און שפּעטער וועט זיין די צווייטע, שוין די לעצטע וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען מיט דער ערשטער, שטעהענדיג שוין פאַר דער טהיר צום אַרויפגעהן אויף דעם וועג און ענדיגט זיך מיט׳ן צוריק פערמאַכען די טהיר שוין אויף יענער זייט, אַריבּערגעהענדיג דעם וועג? זאָגט מיר, ליעבּערדן, צי איז דאָס טאַקי שוין אַ צייבען פון טויט, וואָס אַלע מענשען שווייגען דעמאָלט אַזוי ווי פערשטיינערט, ווי זיי וואָלטען געפיהלט, אַז דאָ איז שוין נישט זייער מאַכט?

דן: און וואָס קען איך אייך זאָגען, ליעבּע אַננושקאַ, עס איז טאַקי אַ נאַכט פול מיט סודות, פול מיט געהיימנישען.

אַננאַ: דאָס איז נישט קיין נאַכט פול מיט סודות, דאָס איז נישט קיין נאַכט פול מיט געהיימנישען — דאָס איז נאָר אַ נאַכט פון אַנ׳איינלאַדונגס־צעטעל, פון גרייט דיך מענש! די צייט איז קורץ...

דן: אוי אוי אוי, דאָס לעבען!

אַננאַ: און מען זאָגט חאָטש, אַז מען טרעפט צו זיך צו אין דער נאַכט אַ גוטען שותּף מיט וועמען דאָס לעבען צו פערבּרענגען. וואָס טהוט מען אָבער, אַז אויב דאָס אויך נישט? ווי אָרעם, ווי קלעגליך! און דאָס לעבען איז אַזאַ קליינע ווײַלע, אַז אויב נאָר איין מאָל קלעגליך — איז

שוין אפילו נישט דאָ קיין צייט ווען עס זאָל ווערען צוריק בעסער. דאָרורך האַלט אייך צוריק, ליעבער פריינד! בעסער אַ גאַנצע נאַכט בעטען און איין שעה צו שלאָפען.

דן: און איין שעה צו שלאָפען.

אַננאַ: נאָר פונדעסטוועגען, ווען מען טרעפט צו זיך צו אַזאַ שטיינער מיידעל ווי עללישקאַ, אַזאַ אונשולדיג שטילע און פרעהליך גוטמיטהיגע, איז עס נישט אַזוי שלעכט נאָך; קען מען נאָך אפשר לעבען גליקליך אויך.

דן: עס קען אפשר מעגליך זיין, אַז עללישקאַ, לעבענדיג מיט אַ מאַן קען פערזיכען אי זיך אי איהם דאָס לעבען, עס זאָל זיך חאָטש די איינע קליינע ווייללע לעבען גרינג און פריי, ווי אין שעהנסטען חלום.

אַננאַ: צי דאָס איז נאָך נישט פעסט ביי אייך, אַז עללישקאַ קען פערזיסען דאָס לעבען?

דן: ניין, עס איז ביי מיר קיין שום ספק נישט.

אַננאַ: אַז זי קען פערזיסען דאָס לעבען?

דן: יאָ אַז זי קען עס פערזיסען.

אַננאַ: און אַזוי האָב איך אויך געמיינט... (פויזע) אַך, אומגליקליך לעבען! וואָס פאַר אַ שעהנער מיאוסער חלום ביסט דו עס! —

דן: וואָס זעהט איהר היינט אויס אַזוי אויפגערעגט מעהר ווי שטענדיג, און שמועסט מיט הארץ מעהר ווי אַלע מאָל?

אַננאַ: איך שמועס נישט מיט הארץ מעהר ווי אַלע מאָל און בין נישט אויפגערעגט — נאָר וואָס פאַר אַ שעהנע אילוזיעס אויף דער וועלט איז עס פערהאַנען: אָט נעכטען ערשט האָב איך די אילוזיעס דערזעהן און האָב מיך אין זיי גוט איינפערשטאַנען...

ה' היגער (קומט אריין זיך ווישענדיג אָן האנדטוך דאָס פנים מיט די הענד): נו. וואָס שמועסט איהר גוטע קינדערלעך?

אַננאַ: אָט נאַרישקייטען, טאַטעליו. מען שמועסט וועגען חלומות, גוטע און בעזע.

היגער: אַ חלום איז דאָס גאַנצע לעבען. און אויב איהר וועט נאָך שמועסען דערפון אויך, וועט זיך אייך נישט קיין צייט האָבען אפילו ווען צו חלום'ען גאָר. גלויבט מיר, ליעבע קינדער, אַז איך דארף קיין סך נישט האָבען; גענוג נאָר איין קוק אויף דיר, מיין טאָכטער, ווי ענהליך דו ביסט צו דיין מאַמען, עליה השלום, אום איך זאָל דאָס בעשטעטיגען.

און בעשטעטיגען בײדע: דאס וואס איז געוועזען איז שוין ענטלאפען אזוי גיך ווי א חלום, און דאס וואס איז דא, רוקט עס זיך אזוי גיך, אז עס איז נישט מיט דעם אויג צו דערהאפען און עס איז אפילו נישטא קײן צײט ווען צו חלום'ען; ווארען ווען ביסט דו, מײן טאכטער, שוין אזוי אויסגעוואקסען אזא בוים? איך האב דאך דיך ערשט נישט לאנג, אפשר אוודאי געטעגן — נאך ארומגעטראגען אויף דער האנד, און הײנט ביסט דו שוין אזוי ענליך צו דײן מאמען.

אננא (אויפשטעהענדיג און אבגעהענדיג אן אזײט): אוי מײן מאמע, מײן אומגליקליכע מאמע! ווען זי שטעהט אצינד אויף און גיט אקוק אויף איהר טאכטער; צי וואלט זי מיך נישט געפרעגט. וואס אין מײן הארץ טהוט זיך? נאר א טאטען זענען ווײט די סודות פון א טאכטער. און ווידער, וואס קען מיר מײן אומגליקליכער טאטע דען העלפען?

היגער: נו, הדסה, האסט שוין אײנגעפאקט?

הדסה: אלץ איז פארטיג!

היגער: נו אננא'שי, זײ נישט אזוי טרויעריג, לעב דא גוט, וואהל און גליקליך. בלײב געזונד (צוקושט זיך מיט איהר).

דן (גיט אננא'ן די האנד): א גוטען טאג, ליעבע אננא.

אננא: א גוט יאהר — פערגעסט נישט ארײנצוקומען, גוטער דן.

דן: דאנק (היגער און דן געהען ארויס, טראגענדיג צווישען זיך דעם רײזע-טאש, הדסה געהט זײ נאך).

אננא (בלײבענדיג אלײן): אוי א גוטען גורל האב איך מיך דער-ווארט. איך האב גאר נישט געוואוסט, ווי קען אזא שטײגער יונגער מאן אזוי גלײכגילטיג זײן אין געגענווארט פון זײן בעל הבית'ס שעהנער טאכטער. ערשט די נעכטיגע נאכט האט מיר די אויגען געעפענט. (קלינגט אן אויפ'ן גלעקעל).

הדסה (קומט ארײן): וואס פערלאנגט די ווירטהין?

אננא: רוף מיך נישט מעהר ווירטהין, איך בין שוין ערנידעריגט ביז אין דער לעצטער שטופע — און די מאכט איבער דאס וואס איך האב פערלאנגט, האט זיך שוין אויסגעלאזט אדער אפשר גאר באלד נישט אנגעהויבען. נאר אײן קלײניגקײט וועל איך נאך בעטען: געה רוף מיר אהער עללישקא'ן, זאג איהר אז איך האב זי שטארק געבעטען קומען.

הדסה: גוט (אב. אננא געהט אויך ארויס אין איהר שלאף-צימער).

צווייטע סצענע.

אין דער זעלבער שטוב. אננא און עללא קושען זיך:

אננא: דו ווייסט, עללישקא, ווי צוגעוואקסען דו ביסט אין דער לעצטער צייט? — דו ביסט שוין גאר א שעהנע מויד אויסגע־וואקסען! —

עללא: יא, אננושקא, איך ווייס עס.

אננא: טאקי? — זעהסט שוין... קום נאר אהער, לאָמיר זיך גאר פרובען מעסטען...

עללא (זיך מעסטענדיג מיט איהר): איך פרוב מיך אלע נאכט אין מיין בעטעל, איז עס אקוראט מיט מיר, ווי אבגעמאסטען.

אננא: ווי יעדע זאך דערגרייכט אזוי דאס זייניגע. אט ביסט דו, עללישקא, נאך גאר קינדעריש געוועזען מיט איין יאהר צוריק — און היינט זעהסט דו שוין אויס — א פעליג מיידעל: וויפיעל דו האסט געהאט צו וואקסען ביסט דו שוין דערוואקסען — און וויפיעל שעהנער צו ווערען, ביסט דו עס שוין געווארען... וועסט מיר גלויבען, עללישקא, אז איך פערגין מיר נישט אויף דיר א קוק צו געבען!...

עללא: אזוי! — און מיין טאטישי זאגט, אז איך וועל נאך וואקסען, און מיינע מוהמע'שים — אז איך וועל נאך שעהנער ווערען.

אננא: און דו ווייסט, עללישקא, אז דו וועסט שוין באלד א חתן אויך ווערטה זיין? (קושט זי).

עללא: איך בין דאך נאך א קינד, אננושקא!

אננא: געה שוין, עללישקא! די היעגע בחורים וועלען זיך שוין באלד די נעזער אברייסען דורך דיר, און דיר דאכט זיך נאך אלץ, אז דו בינסט נאך א קינד.

עללא: אבער א חתן? — און מיט א חתן דארף מען דאך החתונה האבען...

אננא: נו וואס איז — האט מען...

עללאַ: גנעה, מאַכסט דיר אַ געליעבטער — איך וויל נאָך נישט חתונה האָבען.

אננאַ: איז נישט חתונה האָבען, איז נישט קיין חתן, נאָר אַ געליעבטען קען מען דערוויל האָבען, דו פערשטעהסט, עללישקאַ — אַנ׳ אויסקוק אויף שפּעטער? (פּויזע).

עללאַ: איך וויל דיך עפּיס פרעגען...

אננאַ: נו פרעג, טייערע.

עללאַ: אַט דאָס, וואָס דו זאָגסט...

אננאַ: נו זאָג, עללישקאַ, דו שעמסט דיך עפּיס?..

עללאַ: ניין... נאָר דאָס, וואָס דו זאָגסט — ס׳איז עפּיס אַנ׳ אונטערשייד פון אַ חתן ביז אַ געליעבטען...

אננאַ: ביז אַ געליעבטען, מיינסט דו? — ניין, עללישקאַ, קיין שום אונטערשייד — אַ חתן האָט ליעב און אַ געליעבטער האָט ליעב. נו, קענען וואָס מיינסט דו דאָס?

עללאַ: גלאַט אַזוי...

אננאַ: גלאַט אַזוי. (פּויזע) עללישקאַ! דו ווייסט, ווי אַזוי דו זעהסט אצונד אויס?

עללאַ: איך ווייס נישט...

אננאַ: פערטראַכט...

עללאַ: מאַקי?

אננאַ: יאָ, זיץ ווייטער אַזוי, מאַך ווייטער אַזוי... איך האָב אַזוי ליעב צו קוקען — — טרעף — אַזוי ווי וואָס זעהסט דו אויס אצונד?

עללאַ: אַזוי ווי וואָס?

אננאַ: דו האָסט שוין אמאָל געזעהן אַ יונג בלימעל אין אַ גאָרטען זיצען מיט אַ האַלב אָפען מוילכעל אויפ׳ן שטענגעל?

עללאַ: דאָס, וואָס עפענט זיך אַזוי — מיינסט דו?...

אננאַ: יאָ... דו זעהסט ווי פערטראַכט עס זעהט אויס טיילמאָל אין אַ זומער בעגינען, ווי דאָס מוילכעל שטעהט אַזוי אָפען פער׳חידושט קענען בלויען הימעל?..

עללאַ: יאָ...

אננאַ: אַזוי ביסט דו ערשט געזעסען מיט אַנ׳אָפען מוילכעל...

עללאַ: נו פאַר וואָס איז דאָס?

אננאַ: דאָס איז דערפאַר ווייל דאָס בלימעלע איז נאָך יונג און עס האָט זיך ערשט איבער נאַכט פונאַנדערגעוויקעלט. די ראָזע בלעטעלעך

זעען ערשט מיט דער פרישער טוי בעפּייכט געוואָרען, פּונקט ווי קינדער-שע ליפּעלעך מיט דער מאַמעס מילך — און אַצונד בעגינען, ווען די זון הויבט-אָן אויפצוגעהן, און אין מזרח דער הימעל צושפּילט זיך אין א פּורפּור-רויטקייט — דערזעהט דאָס בליהמעלע פאר זיך א שעהנע פאַנטאַס-טישע וועלט, און עס חלומט, און עס שווייגט פערטראַכט...

עללא: שווייגען די בליהמעלעך אויך?

אננא: אַלץ אויף גאָט'ס שעהנער וועלט שווייגט. (פּויזע) און דו עללישקא, — דו שווייגסט שוין אויך אמאָל וועגען עפּיס?..

עללא: וועגען וואָס?

אננא: וועגען וואָס שווייגט א בליהמעלע? — וועגען וואָס עס טראַכט... דו פערשטעהסט?.. און וועגען וואָס טראַכט א בליהמעלע? — וועגען לעבען, וועגען שעהנע פאַנטאַסטישע וועלטען... און זאָג מיר, עללישקא, דו טראַכסט שוין אויך אמאָל וועגען עפּיס?.. זאָג מיר.

עללא: איך טראַכט...

אננא: פרעהט מיך זעהר — (קושט זי) וואָרום כל זמן מען טראַכט נישט, הייסט מען נאָך א פערמאַכט בליהמעלע...

עללא: נו, וואָס איז בעסער?

אננא: אַוודאי, איז בעסער שוין אַנ'אויפגעוויקעלט בליהמעלע מיט רויטע סאַמעטענע קליידעלעך און מיט ראָזע בעקעלעך — נאָר צום קושען... אַוודאי, איז בעסער, ווען עס האלט שוין אָפען דאָס מוילכעל און דערזעהט פאר זיך א ליכטיגע זון.

עללא: איז בעסער אַז מען טראַכט?

אננא: אודאי איז בעסער! ס'שאַדט נישט... מען מעג טראַכטען...

עללא: אַלע מיידלעך טראַכטען?

אננא: שעם דיך נישט, עללישקא, קוק מיר גלייך אין די אויגען אריין — — אַלע מיידלעך טראַכטען... פון זעכצעהן יאָהר אָן טראַכט מען שוין א סך...

עללא: און איך טראַכט אויך...

אננא: גוט, עללישקא — אַוודאי דאַרף מען טראַכטען!

עללא: נאָר איך ווייס נישט, צי דאָס אייגענע מיינסט דו אויך...

אננא: דאָס אייגענע... ווייל אין אַלע מיידלעך'ס הערצער גע-פינט זיך דאָס אייגענע... דו טראַכסט שוין עללישקא, אמאָל וועגען באַנהפערשווינען?

עללא: יאָ...

אננא: האב איך דיך ליעב, עללישקא — איך האב דיך ליעב! (קוקט זיך) ביסט דאך אזוי שעהן, אזוי ריין, אזוי אונשולדיג, טאקי ווי א בליהמעלע (טוליעט זיך אין די ארעמס און קושט זיך) און טרעף, עללישקא, וואס איך וואלט געטהון מיט דיר? — — —

עללא: וואס?

אננא: טרעף!..

עללא: איך וויים נישט...

אננא: ס'איז דאך א שאד אזא בליהמעלע זאל אמאל אנגעריהרט ווערען... איז וואס זשע וואלט איך געטהון? וואס פאר אנ'עצה?..

עללא: איך וויים דאך נישט...

אננא: איך וואלט געהייסען אויפשטעלען א גלעזערנעם פאלאץ, א שלאס פון סאמע גלאז... אלץ, אלץ!.. די ווענט, דער באלקען — דו פערשטעהסט — נאר וואס איין רויטע, געבעטע שטוהל פון פלוש מיט א קליין פלושען בענקעלע פאר די פיס זאל שטעהן דארט אין דעם סאלאן — וואלט געוועזען גוט אזוי?

עללא: יא...

אננא: און דו זאלסט דיר דארט זיצען איינע אליין; אין א וויים אטלאס קלייד מיט א לאנגער שלעפע, וואס זאל ליעגען אזוי אנגעווארפען ביי דעם פוס פון דער שטוהל. די לאנגע גאלד=פארביגע האר צולאזט איבער די אקסלען, ווי די פייערדיגע שלאנגען, וואס זאלען פערשטעלען דיין ווייסען האלז, און נאר דאס פנים מיט צוויי בריליאנטענע אויגען זאלען ארויסלייכטען ווי ביי א פרינצעסין — — — — דו וואלסט געוואלט אזוי? —

עללא: יא...

אננא: וועלען דאך די ווענט פון דעם זאל זיין פון סאמע גלאז — זאלען זיי זיין בעקלעבט פון אויסענווענינג ארום און ארום מיט מאנסלייט.. אלע מיט אריינגעלעגטע פנים'ער און ארויסגעסטארטשעטע אויגען... יא, עללישקא, יא?...

עללא: יא...

אננא: נאר דו זאלסט דיר דארט זיצען, און עס זאל דיך גאר נישט אנגעהן, דו פערשטעהסט?.. עס זאל דיך גאר נישט אנגעהן!.. נאר די ברעמען אביסעלע אראבגעזונקען, דאס קעפעלע עטוואס פערלעגט אויף אנ'אקסעל... און איהר, מאנסלייט, קלעטערט אויף די גלייכע

וועט, חאַפּט זיך אויפ'ן בעליק! — נאָר דיך זאָל עס גאָר נישט אָנגעהן גאָר נישט!

עללאַ: גאָר נישט...

אַננאַ: און ווען דו וועסט זיך אויפהויבען פון דער שטוהל צוגעבען אַ טריט איבער דער פּאָדלאָגע מיט דיין קליין פּיסעל פאָראויס און מיט דיין לאַנגער שלעפּע פון הינטען, אַזוי צונויפנעמענדיג זי אין איין הענדטעל און טהוענדיג זיך אַ בויג מיט דער גאַנצער שלאַנקייט פון דער טאַליע — און אַ קוק פון אונטער די טיעפע ברעמען אַפּער איבערן גאַנצען סאַלאָן, ווי מאַכענדיג זיך אַ וועג צום אַרויסטרעטען — זאָל צווישען די מאַנסלייט ווערען אַ שטיל געדודער און אַלע זאָלען זיך אָנהויבען אַראָבצולאָזען אויף די קניען — און אַ שטילקייט זאָל ווערען, איין איינגעהאַלטענער אָטעם מיט אָפענע מיילער און אויסגעגלאָצטען אויגען — ביז זיי זאָלען אָנהויבען צו ציטערן פאַר תאוה, צו גראַבטשען מיט די פינגער איבער די גלעזערנע ווענט און שפּרינגען פון דער הויט אַרויס מיט אַ פלאַטער אין די אויגען נאָך דיין יעדען טריט, נאָך דיין יעדען בויג — נאָר צוקומען צו דיר — פאַר קיין הון אין דער וועלט, דו הערסט! — נאָר נישט צוקומען זאָל עמיצער קענען צו דיר, נאָר נישט קיין שליטה! אין דר'ערד זייט — נאָר פון דערווייטענס! דו וואָלסט געוואָלט אַזוי!?..

עללאַ: איך ווייס נישט, גוטע אַננושקאַ. — —

אַננאַ: האַ? — דו ווייסט נישט... עה — ביסט דו דאָך שוין גאָר אַ קעלבעלע, עללישקאַ... דו ווייסט גאָר נישט?.. דו מיינסט, אַז ס'איז אַן'עבירה — אויב מען קען מאַנסלייט אָבדריקען די הערצער און מען טהוט עס? ס'איז גאָר קיין עבירה נישט! — —

עללאַ: ס'איז גאָר קיין עבירה נישט?..

אַננאַ: ניין! און דו מיינסט אָפּשר, אַז ס'איז אַן'עבירה זיך אָבצוגעבען מיט מאַנסלייט, אויב מען ליעבט עמיצען? — אַ סך נישט, נאָר איינעם... איינעם דאַרף מען ליעבען...

עללאַ: איינעם יאָ?

אַננאַ: איינעם... און זאָג מיר, עללישקאַ, דו האָסט שוין עפּים עמיצען?..

עללאַ: איך האָב...

אַננאַ: האָסט? שעם זיך נישט, עללישקאַ — דו ביסט דאָך אינגאַנצען מיט צוויי יאָהר יונגער פאַר מיר... נו זאָג מיר, ווי אַזוי האָסט

דו איהם — צי וואס דו ווייסט עס עפּענטליך, צי וואס דו טראכסט נאר פון איהם?

עללא: איך ווייס נישט אקוראט.

אננא: דו ווייסט נישט אקוראט, דהיינו, ווי אזוי ווייסט דו נישט? שטעל מיר פאר, וועל איך דיר זאגען, צי האט ער דיך אויך אין זינען...

עללא: איך קען נישט אבמשל'ען...

אננא, נו, וועל איך דיר אבמשל'ען און הער דיך דו איין — וועסט דו מיר זאגען אויף וואס עס וועט זיין אמת, אז עס איז אזוי... דו פערשטעהסט? — —

עללא: יא...

אננא: דו האסט זיך שוין אמאל געזעהן נאקעטערהייד אויפ'ן לייב... אין גאנצען נאקעט, פון קאפ ביז די פים?..

עללא: יא, ביים טייך...

אננא: ביים טייך איז גוט ווען עס באדען זיך נישט קיין ווייבער, נאר מען איז מיט דער דינסט אליין — און ארום איז שטיל, און די זון לייכט און שיט מיט גאלדענע גראטעקלעך אויפ'ן נאקעטען לייב... איז וואס האסט דו דעמאלט חשק, ווען דו קוקסט דיך ארום אויף דיין אייגען נאקעט לייב... ווען דו שפּיעלסט דיך מיט דיינע אייגענע גליד־דער, מיט דיין טאליע... איז וואס האסט דו דעמאלט חשק? —

עללא: יא איך האב חשק..

אננא: נו וואס? — און ווען שטעלסט דו דיר דעמאלט פאר... ווער וואלסט דו געוואלט זאל דיך דעמאלט זעהן, ווי קלאר און ווי שלאנק דו ביסט!..

עללא: נאקעטערהייד?

אננא: נאקעטערהייד. —

עללא: דעם אייגענעם שטעל איך מיר פאר...

אננא: דעם וואס דו האסט ליעב!

עללא: יא...

אננא: און ביי נאכט אויפ'ן געלעגער, ווען דו שלאפסט נאך נישט, נאר דו ליעגסט די ברעמען פערקיועטשט?..

עללא: אויך...

אננא: דעם אייגענעם?

עללא: יא...

אננא: און אז ס'איז שטיל אין שטוב אמאל ביי טאג, דאכט זיך דיר נישט, אז דו הערסט טריט אונטער'ן פענסטער, אז ער געהט...

עללא: יא...

אננא: דו ליעבסט, עללישקא, אויסגעצייכענט!... איך וויל דיך קושען דערפאר (האפט זי קושען) נאר זאג־זשע מיר אצונד, גוטע עללישקא, ווער איז דער גליקליכער מענש אויף דער וועלט, וואס איז אזא עללישקא'ן ווערטה? — נו זאג־זשע מיר, שעם דיך נישט...

עללא: אבער איך ווייס דאך נישט, צי טראכט ער וועגען מיר אויך.

אננא: עללישקא! ס'איז נישט מעגליך נישט צו טראכטען וועגען דיר, אפילו ווען דו ערלויבסט עס נישט, בפרט, אז דעם ערלויבסט דו יא... זאג מיר, ווער איז ער?

עללא: ער... דן...

אננא: ער... דן?! (פויזע).

עללא: נו, וואס א'ז?

אננא: ניין, גאר נישט — זעהר גוט — גליקליכער דן! (פויזע) נאר זאג מיר, ליעבע עללישקא — ווי אזוי ווייסט דו טאקי, צי ער ליעבט דיך אויך?

עללא: איך ווייס נישט.

אננא: ער האט דיר נאך גאר נישט געזאגט, אדער האסט דו נאך גאר נישט דערקענט אין זיין ארט בענעמען זיך צו דיר?

עללא: איך ווייס גאר נישט... נאר איינמאל נאר... זע'מיר געזעסען שפעט ביי נאכט אליין אונטער א בוים אויפ'ן וועג צום „דזשעדזינעץ" — און איך האב ארויף־געקוקט צום בוים, וואו צווישען די צווייגען האט אדורכגעבלישטשעט א שטערנדעל... און איך ווייס נישט, וואס ער האט דעמאלט געזעהן אין מיר, צי איך בין געוועזען אזוי פערטראכט — נאר ער האט מיך געפרעגט, וואס איך זעה... — א שטערנ־דעל — האב איך געענטפערט... און שוין, מעהר גאר נישט... און ער איז געזעסען די גאנצע צייט און קיין אויג נישט אראבגעלאזט פון מיר — —

אננא: און מעהר גאר נישט, שוין? — דאס איז עס געווען אין גאנצען?...

עללא: נו, וואס איז? — ער ליעבט מיך דען נישט?

אננא: ער ליעבט דיך, ער ליעבט דיך.

עֶללאַ: פאַר וואָס־זשע דען בּיסט דו אַזוי בלאַס געוואָרען?

אַננאַ: דאָס איז גאָר ניִשט — פאַר גרויס פרייד, פאַר גרויס אונרוהיגקייט, אַז איך זעה מיינס אַ חבר'טאָרין אַזוי גליקליך זיין! — דאָס איז דאָך אַ וועלטענע פרייד, טהייערע עללישקאַ! — און איבער דעם שלאָגען די געבליטען אין מיינע אָדערן האַסטיגער — און דאָס פּנים מוז אויסגעלעערט ווערען — בלאַסער, נו, וואָס־זשע פרעגסט דו, מיין קינד? —

עֶללאַ: אָבער ער ליעבט מיך אויך, זאָגסט דו?

אַננאַ: ער ליעבט! (פּויזע).

עֶללאַ: נאָר פון איין זאַך בין איך אונרוהיג — פאַר וואָס ער רעדט קיינמאָל ניִשט, ער זאָגט מיר קיינמאָל ניִשט, אַז ער האָט מיך ליעב...

אַננאַ: אוי, עֶללישקאַ, עֶללישקאַ, — דו ווייסט גאָר אַליין ניִשט, ווי גרויס דיין גליק איז.

עֶללאַ: זאָגסט דו, אַז ער ליעבט מיך יאָ?

אַננאַ: יאָ!

עֶללאַ: נו, דאַנק איך דיר, מיין פריינדין... איך דאַנק דיר אַננושקאַ...

אַננאַ: און דו ווייסט ווי נאָך! — דו וועסט מיר שיקען היינט אַדאָלף'ן — און איך וועל דיר שיקען דורך איהם בלומען. איך וויל זיין די ערשטע וואָס זאָל דיך גראַטולירען.

עֶללאַ: גוט, איך דאַנק דיר נאָך אַמאָל, ליעבע אַננושקאַ.

אַננאַ: צי מעג אָבער דן אויך וויסען דערפון, מחמת ער האַלט דאָך נאָך די ליעבע צו דיר בסוד?

עֶללאַ: גאָט בעהיט! — ער טאָר ניִשט וויסען. עס וואָלט שעהן אויסגעזעהן, ווען ער זאָל זיך דערוויסען, אַז איך נעם שוין בלומען אויף זיין רעכנונג... איך וואָלט מיך בעגראָבען פאַר חרפּה...

אַננאַ: נו, טאָ זאָל ער ניִשט וויסען — אַזוי האָב איך ליעב, עֶללישקאַ — נאָר שטיל און בעשיידען זיין... דו הערסט, נאָר שטיל און בעשיידען...

עֶללאַ: דאַנק.

אַננאַ: און קום אַהער, מיין ליעבע עֶללישקאַ, וועל איך דיך אַביסעל פערפלעכטען — זעה נאָר די האָר האָבען זיך דיר אַביסעלע צו־רודערט (ביידע שטעלען זיך אין שפּיעגעל) וואָס ווילסט דו: אַ גרעק צי

צעפּ? — דו ווייסט, עללישקאַ, דו ביסט שוין קיין עין־הרע אַריעזיגע
מויד! — דו ווילסט אַ גרעק?

עללאַ: ניין, צעפּ — אַזוי ווי שטענדיג.

אַננאַ: (פערפלעכט זי, קושט זי) און אַצונד, עללישקאַ, וועלען מיר עסען צוזאַמען מיטאָג ביי אונז... קום מיט מיר אין דער עס־שטוב אַריין (פיהרען זיך אַרויס געאַרעמט)



דריטע סצענע.

אין דער זעלבער שטוב. אַננאַ און אַדאָלף.

אַננאַ: ליעבער אַדאָלף, צי קאָן איך מיר עפּיס אויסבעטען פון אייך?

אַדאָלף: פאַר וואָס נישט?

אַננאַ: איך האָב עקסטרע געבעטען אייך קומען, ווייל איך ווייס, אַז איהר זענט מיר זעהר נאָהנט.

אַדאָלף: וואָס איהר וועט נאָר פערלאַנגען.

אַננאַ: איך האָב אייך ביז אַצונד גאָר נישט בעמערקט — נאָר אַז עס איז בעשערט...

אַדאָלף: איך פלעג אייך שטענדיג בעמערקען.

אַננאַ: און איך — ערשט פון נעכטען ביי נאַכט אָן, ביי דער חופּה.

אַדאָלף: איך פלעג אייך שטענדיג בעמערקען אַריינקומענדיג אין מיין פעטערס הויז.

אַננאַ: איך פלעג אייך אויך בעמערקען, נאָר רעכט בעמערקען — ערשט פון נעכטען אָן אויפ'ן שוהל-הויף...

אַדאָלף: און איך האָב אייך בעמערקט נאָך — איהר ווייסט ווען? — נאָך ביי אייך אויפ'ן באַל.

אַננאַ: נאָך ביי אונז אויפ'ן באַל? — און איך ערשט נעכטען ביי די פייער-קונצען...

אַדאָלף: טאַקי, נעכטען די פייער-קונצען זענען אייך אַזוי שעהן געפעלען?

אַננאַ: ווי שעהן, ווי ערהאַבען איהר האָט דאָס געגעבען אַלאַז דעם פלאַקער פייער אין דער הויך! — דאָס האָט אַזוי פעראינטערעסירט. נאָר פון דער צווייטער זייט, ליעבער אַדאָלף, מוז איך אייך זאָגען, אַז איך האָב מיך אַביסעל בעאונרוהיגט...

אַדאָלף: טאַקי — פון וואָס?

אַננאַ: ס'איז דאָך פייער, און מיט פייער טאָר מען זיך נישט

שפּיעלען. יעדעס מאָל ווען איך האָב געזעהן, ווי איהר מאַכט דאָס, ווי איהר גיט אַ לאָז אַרוים אַ פלאַקער פייער פון מויל — פלעגט אין מיר דאָס האַרץ ענטפאַלען ווערען, טאָמער חלילה ברענט איהר זיך דאָס פּנים אָב.

אַדאָלף: עה שוין? — נאַרישקייטען, פרײַלײַן אַננאַ! ביי מיר געהט עס שוין צו אַזוי ווי געשמירט...

אַננאַ: טאַקי? — איהר זענט שוין אַ מייסטער דערויף?

אַדאָלף: האָ, האָ!

אַננאַ: און איך זעה עס ערשט דאָס ערשטע מאָל. ווי אַזוי, איהר זאָלט מיר לעבען, ווערט עס געמאַכט?

אַדאָלף: איהר ווייסט נאָך גאָר ניט? — וואָס איז דאָ די קונץ? — מען נעמט אַן'אַלטען בעזעם, וואָס אַ בעל־בית'טע לאָזט אונטער דער טהיר נאָך אַ שאָף אויסרייבען, מען בעגיסט איהם מיט נאַפט, מען צינדט איהם אָן און מען טהוט אַלע מאָל אַ זופּ אָן אַ מויל נאַפט פון אַ פלאַש אַרוים, און אַ בלאָז אין דער הויך!..

אַננאַ: שוין, דאָס איז עס אינגאַנצען?

אַדאָלף: שוין — נאָך די גאַנצע קונץ!

אַננאַ: און ווי האָב איך געזעהן עפּיס אויסגעזעהן אויפ'ן שוהל־הויף — בלאָס, אַדאָלף?

אַדאָלף: פרעגט זיך!

אַננאַ: איהר זענט עפּיס באַלד פערלוירען געוואָרען פון פּלאַץ אַראָב!

אַדאָלף: גוטע ברידער האָבען מיך אַוועקגעשלעפּט.

אַננאַ: איך האָב אייך דערנאָך געזוכט.

אַדאָלף: טאַקי? — —

אַננאַ: און איך האָב געוואָלט, אַז איהר זאָלט מיך אָבפיהרען אַהיים...

אַדאָלף: טאַקי?

אַננאַ: נאָר ס'שאַדט ניט, ס'מאַכט ניט אויס, מיר וועלען אַצונד אַביסעל פערברענגען...

אַדאָלף: אַלץ גוטע ברידער!

אַננאַ: איהר ווייסט, אַז איהר דאַרפט נישט געהן מיט די לאָבוסעס פון גאַס?..

אַדאָלף: אַנישט — ווער האָט דען אַ געשעפט מיט זיי!

אננא: ווארען ווי קומען זיי צו אייך? — זיי זענען עפּיס אייער גליכען? — איהר זענט דאָך פאַרט פון ה' רײַנער'ס פאַמיליע!

אדאָלף: אודאי פון ה' רײַנער'ס פאַמיליע. איהר מיינט אז איך וואָלט נישט געקענט האַנדלען מיט גישער אזוי גוט ווי ער? וואָס בין איך, אָהן הענד און אָהן פים? — אַ בריה מיר, זעהסט דו, ער האט דעם גראָבען טײַסטער מיט געלד!..

אננא: לאָזט אייך נישט אָב, גוטער אדאָלף, און איהר וועט אויך ווערען אַ מענש.

אדאָלף: צי איך וועל ווערען אַ מענש? — האָ, האָ! פון היינט מאָל אָן וועט איהר אַליין זאָגען... אז איך ווער גאָר אַנ'אַנדער מענש... איך ווייס, וואָס די היגע מיידלעך האָבען ליעב — זיי האָבען ליעב נאָר וויטישע יאָלדען... אָלא איך בין פונקט פערקעהרט, ווײַל איך האָב מיך נישט ליעב צו פערשטעלען — אָבער זאָל ווער זאָגען אויף מיר, אז איך בין נישט קיין אָרענטליכער מענש...

אננא: גאָט בעהיט!

אדאָלף: אפשר יאָ — ווײַל איך האָב מיר ליעב צו געהן מיט'ן היטעלע אויף אַ זייט — אָט אזוי — מיט 'אַ שפּיצרוטעל אין דער האַנד, און אַ הינטעלע זאָל מיר נאָכלויפען — אפשר דערפאַר? — אָבער איך בין נאָך אויף נאמנות אָרענטליכער אין מײַן נעגעלע ווי אַלע מײַנע „קאָלעגעס"— טפּוי! וואָס רעד איך? — ווי אַלע היגע יאָלדען — אין די קעפּ! איך וויל מיך פאַר אייך נישט ריהמען, פרײַליין, דאָס ווייסט איהר אַליין אויך גאַנץ גוט — נאָר ווי איהר זעהט מיך לעבען! (גיט זיך אַ שטעל צום שפּיעגעל פערריכטען דעם קראַוואַט) היגע יאָלדען, ווער עס קאָן זיי נישט!

אננא: גיט אַהער, ליעבער אדאָלף, איך וועל אייך איבערבינדען דעם קראַוואַט.

אדאָלף: ווי איך בין אַ יוד געבווירען — אַזעלכע מענשען, ווי איהר זענט פרײַליין, גוסטיר איך. די היגע מיידלעך זאָלען שוין אַ מיתה משונה איינעמען, וועט מיר קיינער נישט צוגעהן איבערבינדען דעם קראַוואַט!

אננא: אָט אזוי...

אדאָלף: דאַנק, דאַנק.

אננא: זאָגט איהר, אז אויף אונזער באַל נאָך האָט איהר מיך בעמערקט.

אדאָלף: יאָ.

אננא: נו, איך האָב דעמאָלט עפּיס גוט פּרעזענטירט?

אַדאָלף: גרויסאַרטיג! אַלע היגע מיידלעך וואָלטען געמעגט בײַ אײַך די קאַמאַשען פוצען; אײַער גאַנג, מיט אײַער שטאַט, מיט אײַער טאַליע!

אַננאַ: בעסער ווי עללישקאַ?

אַדאָלף: ווי קומט עס? יענץ איז דאָך אַ מיידעלע פון צוויי פאַר אַ גראָשען — און דאָ!..

אַננאַ (שטעלט זיך אין שפּיגעל): און וואָס איז דאָ אין מיר פאַר אַזוינס?..

אַדאָלף: אָך, וואָס פאַר אַטאַליושקע, וואָס פאַר אַ גאָמבעלע... איך וואָלט, ווי איך בין אַ יוד!..

אַננאַ: שאַ'ט, שאַ'ט... ליעבער אַדאָלף — די דינסט איז דאָך דאָ אין שטוב.

אַדאָלף: נו שוין, גאָר נישט...

אַננאַ: זעהט איהר, אַדאָלף, איך האָב היינט געוואָלט בעטען בלומען.

אַדאָלף: אַזאַ קלייניגקייט?

אַננאַ: ניין. צום צייכען פון אונזער פריינדשאַפט וועט דאָס דער־וויל גענוג זיין.

אַדאָלף: נישט מעהר?

אַננאַ: דאָס איז אַ גאַנץ סך — ברענגט מיר היינט בלומען.

אַדאָלף: אין דעם זאָל עס אײַך גערן. איך קאָן אײַך ברענגען אַלע טאָג, היסט נאָר מיך אַרויפקומען צו אײַך אַלע טאָג.

אַננאַ: ניין דאָס קאָן מען נישט. איהר פערשטעהט דאָך אַליין אויך, אַז איך וואהן ביי'ם פאָטער. היינט איז ער גראָד נישט היע...

אַדאָלף: אַזוי....

אַננאַ: געוויס.

אַדאָלף: נו איז גוט — פון וועלכען גאָרטען פערלאַנגט איהר?

אַננאַ: אָהן אונטערשיעד — ס'איז מיר ליעב, פון וואַנען איהר וועט מיר ברענגען.

אַדאָלף: נו שוין. גאַנץ גוט, גאַנץ גוט, וועל איך טאַקי געהן אין הויפישען גאָרטען אַריין, אָדער אין אַפּטייקער'ס, וואו מען פלאַנצט אויף פערפומען...

אַננאַ: אַז איהר ווילט אַזוי גוט זיין...

אַדאָלף: יאָ — געה איך שוין.

אננא: יאָגט אײך נישט, ליעבער אדאָלף, עס וועט מיר זײן זעהר אנגענעהם אביסעל שפּעטער אויך.

אדאָלף: דאַנק, דאַנק זעהר.

אננא: איהר מוזט זײן זעהר אַ פלײסיגער?

אדאָלף: צי איך בין אַ פלײסיגער! — פרעגט אײך נאָך אויף מיר בײ מײן פעטער, ווי יעדעס פּיצעלע גלאַנצט בײ מיר.

אננא: יאָ, מען דערקענט...

אדאָלף: זעהט איהר שוין...

אננא: מען דערקענט אויך אָן דעם פלינקען טריט אײערן — אין דער פלינקער בעוועגונג.

אדאָלף: טאַקי אַזוי — זעהט איהר שוין. (אָן אַ זײַט) אָט, דאָס איז אַ שטיקעל סחורה, ברידער... וואָס דען אַנדערע היגע מײדלעך זענען לײט!..

אננא: איך זעה, אַז מיט אײך קען מען גאַנצע געשעפטען פיהרען.

אדאָלף: וואָס נאָר איהר וואָלט פערלאַנגט — פאַר אײך געה איך אַזוי ווײט!..

אננא: דאָס פרעהט מיך זעהר. איך האָב נאָר ליעב אַזעלכע...

אדאָלף: וואַרט איהר וועט ערשט זעהן... איך האָב מיך שוין לאַנג געוואָלט נאָהנט בעקענען מיט אײך...

אננא: נו, פאַר וואָס־זשע?

אדאָלף: מיר האָט עפּיס נישט געפּאַסט.

אננא: נישט געפּאַסט? — איהר זענט דאָך שוין עפּיס נישט קײן יונגעלע.

אדאָלף: אָבער איך האָב פײַנד מיך אײנצובעטען, איך וועל בעסער שטאַרבען!..

אננא: איהר זענט דאָך שוין עפּיס אַ „פאָלגער" מענש...

אדאָלף: געווים, און דעריבער האָב איך מיך פײַנד אײנצובעטען. מיט מײַנס־גלײַכען — איהר פערשטעהט — איז ווי עס מאַכט זיך — אַמאָל פאַל איך אַדורך, אַמאָל פאַלט יענער אַדורך, וועלען מיר זיך נישט פערשעמען אײנס פאַר דאָס אַנדערע — אָבער מיט אַ „נישט־מײַנסגלײַכען" איך זאָל אַדורכפאַלען, יענער זאָל מיר דערנאָך אַרויסשטעלען אָט אַזאַ נאָז... נײן — דאָס וועל איך נישט דערלאָזען. וואַהר איך לעב האָב איך מיך נאָך נישט אײנגעבעטען. איך קען נישט צוגעהן צו יענעם מיט אַ

שמײכעלע, מאַכען אַ קאָמפּלימענט'ל, אָדער אַזױ אונטערצונאַרען זיך... בײַ מיר, אַזױ װי דו זעהסט מיך, אַז אַזױ בין איך!..

אננא: דאָס איז אַפּילו גאַנץ גלײַך, דאָס פרעהט מיך אַפּילו זעהר זעהר — איך זעה, אַז איהר זענט אַן ערנסטער יונג.

אדאָלף: דאַנק איך אײַך טאַקי דערפאַר, װאָס איהר קענט מיך — נאָר פונדעסטװעגען אַז עס האַלט שױן דערבײַ, װאָלט איך מיך טאַקי געװאָלט זעהן מיט אײַך אַלע מאָל...

אננא: איך װאָלט עס אױך זעהר גערן געװאָלט, נאָר װאָס קומט אָבער ערױס, דער עולם װעט דאָך באַלד פרעגען קשיות, װאָס איהר טהוט דאָ, און װאָס איהר דרעהט זיך דאָ.

אדאָלף: דער עולם?

אננא: יאָ.

אדאָלף (אָן אַ זײט): זאָל ארוח אין זײַנע טאַטעס אַרײַן. (הױך) און אַ בריװעלע האָט איך איבערשרײַבען זיך?..

אננא: דאָס קען, מעגליך, גיכער זײַן... נאָר זעהט עס זאָל נישט אַרײַנפאַלען אין קײַן פרעמדע הענד.

אדאָלף: ליעבע אננא — איהר זענט אױסגעזאָרגט; אַז איך װיל, האָב איך אַ סך עצות.

אננא: װאָס?

אדאָלף: שױן, איהר װעט שױן זעהן פּאַרטיגערהײד.

אננא: נו, נו...

אדאָלף: קען איך שױן, הײַסט עס, געהן נאָך די בלומען?

אננא: ביטע!

אדאָלף: געה איך שױן.

אננא: װאַרט נאָר, װאַרט, ליעבער אדאָלף, איהר האָט דען בײַ זיך קלײן-געלד?

אדאָלף: צי איך האָב?

אננא: שאַדט אױך נישט, מאַכט אױך נישט אױס... נאַט אײַך געלד — צי דאָס שעצען, װאָס מען שעצט עמיצען בעשטעהט דען אין דעם, װער עס בעצאָהלט פאַר'ן פרעזענט?

אדאָלף: אַודאי נישט.

אננא: נו, דעריבער איז עס (גיט איהם געלד פון דער שאַנק אַרױס).

אדאָלף: זאָל זײַן אַזױ — איך בעשטעה אױף אַלעס... — —

אננא: דאָס איז דאָך נאַרישקײַטען, דער עיקר איז דאָס שעצען...

אַדאָלף: זאָל זײַן אַזוי — איך בעשטעה אויף אַלעם... אויף שוידערזעהן!

אַננאַ: קומט נאָר אַהער — איהר געהט שוין? (בויגט זיך צו איהם צו. אַדאָלף וויל זי אַרומנעמען, ווייל איהר געבען אַ קוש. זי דרעהט זיך אויס) דערנאָך, דערנאָך, אַדאָלף, ווען איהר וועט צוריקקומען... געהט, ליעבער אַדאָלף!

אַדאָלף: זאָל זײַן אַזוי — איך בעשטעה אויף אַלעם (געהט שנעל אַרויס).

ד אַננאַ (בלײַבט אַליין): און ער וועט שוין אַצונד נישט רוהען, ער וועט שוין פליהען אין דער העלע אַרײַן פאַר מײַנעטוועגען — אין טראָפּעלע קוועקזילבער, און עס וועט איהם שוין הויבען אין דער הויך. און איך בין נאָך געוועזען אונצופריעדען מיט מיר — ליעבע האָב איך מיר געוואָלט אײַנרעדען. און דער ערשטער שעהנסטער הונד פון די מאַנסלײַט איז נישט גענוג פאַר מיר? — און אָנשטאָט אַ האַרץ ליעבע זאָל בעסער אַ פײַער אין מיר ברענען צו זיי? (קלינגט אָן. הדסה קומט אַרײַן).

אַננאַ: זאָלסט זעהן צוצונעמען די בלומען, וואָס דער יונג פון ה דײַנער'ן וועט דאָ ברענגען. זאָג איהם, אַז איך שלאָף, און נאָך זײַן אַוועקגעהן, אין אַ ווײַלע אַרום, זאָלסט דו די בלומען אַוועקטראָגען עללישקאַ'ן און איבערגעבען זיי איהר צו דער האַנד. איך בין איהר שולדיג בלומען!

הדסה: גוט. (געהט אַרויס).

אַננאַ: עללישקאַ'ן בין „איך" שולדיג בלומען... (געהט אויך אַוועק אין אַ ווײַטען צימער).

פּיערטע סצענע.

אַ שטוּב אין ה׳ ריינער׳ס הויז.

עללאַ און אַדאָלף דערנאָך ה׳ ריינער און דן.

עללאַ און אַדאָלף (קומען אַריין פון אונטער דער פּאָרטיערע, וואָס געהט־אַריין אין אַ וויַיט צימער).

עללאַ: איהר קומט ערשט פון אַנאַ׳ן?

אַדאָלף: ערשט.

עללאַ: נו וואָס האָט איהר פאַר אַ געררוּם? זי וועט נישט זיין דאָ היינט, זי האָט נישט געזאָגט?

אַדאָלף: זי האָט גאָר נישט געזאָגט.

עללאַ: און איהר האָט דאָך געדאַרפט עפּיס מיטברענגען פאַר מיינעטוועגען — איהר האָט, מוז זיין, נישט געקריגען?

אַדאָלף: וואָס?

עללאַ: בלומען.

אַדאָלף: וואָס פאַר אַ בלומען?

עללאַ: איהר האָט אַנאַ׳ן געבּרענגט בלומען?

אַדאָלף: וואָס פאַר אַ בלומען?

עללאַ: זי האָט אייך גאָר נישט געזאָגט?... פאַר מיינעטוועגען...

אַדאָלף: איך פאַר אַייער׳ט וועגען בלומען?

עללאַ: האָט זי אייך גאָר נישט געזאָגט? — גאָר נישט בּעפוילען דורך אייך — וועט זי דאָ אַליין, מוז זיין, קומען?

אַדאָלף: זאָל זי זיך קומען געזונדטערהייד — — האָסט שוין געהערט עפּיס אַנ׳עסק — בלומען? ווילט איהר וויסען, הייסט עס, ווען איך ברענג בלומען? מיר קריכט מען נאָך נישט אַזוי גיך אויפ׳ן קאָפּ.

עללאַ: געהט; איהר ווייסט נישט, זעה איך!

אַדאָלף: אַוודאי נישט!

עללאַ: עמיצער געהט.

הדסה (קומט אַריין מיט אַ בוקעט בלומען): דאָס שיקט אייך מיין ווירטהין (גיט זיי איבער עללאַ'ן).

אדאָלף: אַננאַ?

הדסה: אַננאַ...

אדאָלף (פערשטעלט דאָס געזיכט מיט די הענד, קעהרט זיך אָב אָן אַ זייט).

עללאַ: נו, זעהט איהר שוין, כ'האָב אייך געזאָגט, אַדאָלף? (צו הדסה'ן) קומט מיט מיר אין קיך אַריין (בײדע אָב).

אדאָלף (בלייבט אַליין): אַזוי האָט זי מיר געטהון — איך האָב איהר געשענקט בלומען נישט פאַר איהר'ט וועגען, נאָר פאַר אַ חבר'טאָרין? וועגען דעם בין איך געלאָפען צום „אָגראָדניק”! וועגען דעם בין איך געשפרונגען איבער פלויטען און האָב מיך מיט הינד אַזוי ווי די לייבען ביי די קעפּ געריסען. עס וועט דאָך מיר נישט גוט ווערען — ס'איז דאָך נישטאָ קיין איין אמת'ע פרוי אויף דער וועלט! (הדסה קומט אַריין). הדסה'שו — איהר האָט אפשר אַ טעות געהאַט?

הדסה: וואָס הייסט?

אדאָלף: מיט די בלומען, מיין איך — מיט די בלומען.

הדסה: מיט וואָס פאַר אַ בלומען?

אדאָלף: שוין — איהר ווייסט שוין אויך נישט, וואָס פאַר אַ בלומען? די בלומען מיין איך, וואָס איהר האָט ערשט געבּרענגט — צי אַננאַ האָט זיי אייך געהייסען אַוועקטראָגען?

הדסה: ווער טהוט דאָס אומגעהייסען?

אדאָלף: שוין, דאָס האָב איך נאָר געוואָלט וויסען, צי האָט זי איך געשיקט מיט זיי.

הדסה: אודאי נישט איהר — נאָר זי.

אדאָלף: שוין דאָס האָב איך נאָר געוואָלט וויסען — זאָלט איהר איהר זאָגען, אייער אַננאַ'ן, אַז מיך פערדריסט עפּיס שטאַרק אויף איהר; וואָס — ווייסט זי שוין...

הדסה: גוט.

אדאָלף: אַזוי זאָלט איהר זאָגען: אַז וואָס, ווייסט זי שוין...

הדסה: גוט.

אדאָלף: ס'אַנדערע, הדסה, וואַרט איין מינוטקעלע... (חאַפּט אויפ'ן טיש שרייב־געצייג) איך וועל אייך באַלד פערשפּאַרען, אַז איהר

זאָלט גאָר ניִשט דאַרפֿען רעדען (שרייבט) נו, אויף אַ זעלבעם האָב איך מיך ניִשט גערעכט אויף איהר...

הדסה: וואָס איז עס אַזוינס?

אַדאָלף: גאָר ניִשט... וואָס ווייסט זי שוין — זאָלט איהר איהר זאָגען (שרייבט) ניין, איך האָב מיך ניִשט גערעכט, ביי קיין שום אופן ניִשט!.. (רייסט זיך אָב פון טיש אַוועק) נאַט איך, הדסה, דאָס גיט איהר איבער צו דער האַנד... איהר קענט לייענען?

הדסה: ניין. איך האָב מיך ניִשט געלערנט.

אַדאָלף: נו גוט, גוט!

הדסה: אַ גוטען טאָג! (געהט אַוועק).

אַדאָלף: זאָל זי חאָטש וויסען, ווי מיך פערדריסט אַזאַ זאַך. איך האָב איהר דאָרט אָנגעשריבען, וועט זי האָבען צו זינגען און צו זאָגען!

עללאַ (קומט אַריין מיט די בלומען, שוין פערזעצט אין אַ גלעזערנעם קרוג מיט וואַסער, שטעלט אַוועק אויף דעם פלעטעל פאַר'ן שפיגעל): אַדאָלף, וואָס זאָגט איהר צו מיינע בלומען — ניִשט איהר האָט זיי געבּרענגט?

אַדאָלף: ניין!

עללאַ: וואָס פאַר אַ שעהנע בלומען. (ה' ריינער און דן קומען אַריין).

עללאַ: געלויבט איז גאָט, טאַטעשי, איך קוק דיך שוין אויס, ווי מיט ליכט.

ריינער: אָט האָב איך דיר פאַר דאָס מיטגעבּרענגט דן'ען אויך.

עללאַ: טאַקי דו האָסט איהם געבּרענגט? — אַ שעהנעם דאַנק, טאַטעשי! — וואָס מאַכט איהר עפּיס, דן?

דן: וואָס זאָל איך מאַכען; איך בין געוועזען נעכטען געזונד, און בין היינט אויך דאָס זעלבע. — און וואָס מאַכט איהר, עללישקאַ?

עללאַ: איך אויך דאָס זעלבע — אַ שעהנעם דאַנק!

ריינער: און דו אַדאָלף — וואָס שטעהסט דו עפּיס אַזוי ווי ברוגז? — האָסט שוין געזעהן די פּאָר קוציקעס, וואָס איך האָב היינט געקויפט אין דער בריטשקע אַריין — אַ, יאָ, ס'איז אַפּאָר שעהנע קוציקעס — אַ שעהנע מאַשטש?..

אַדאָלף: צי דאָס איז אַ שעהנע מאַשטש?

רײנער: קום נאָר, קום נאָר אַרױס (גײען בײדע אַװעק אונטער דער פּאַרטיערע).

עללאַ: מיר איז עפּיס געלעגען אויפ'ן געדאַנק, אַז איהר װעט הײנט קומען צו אונז אויף מיטאָג.

דן: איהר האָט נאָך נישט געמיטאָגט? אַצונד האַלט שוין דער זײגער גאַנץ שפּעט.

עללאַ: איך זעה, אַז ס'איז שוין גוט שפּעט...

רײנער (קומט צוריק): קינדערלעך, איך בין הונגעריג, װי אַ גוטער הונד פון דעם אַנלויפען זיך — איך װיל גײן עסען, װער עס װיל אויך — קומט מיט מיר.

דן: איך דאַנק.

עללאַ: נו גײ, טאַטעשי, די קעכין װאַרט שוין דאָרט פון צװײ זײגער שעה.

רײנער: און דו, עללישקאַ, קום עסען.

עללאַ: גײ, גײ — איך װעל שוין אַרײנקומען גלײך מיט דן'ען.

רײנער: נו געדענקט זשע, קינדערלעך!.. (גײט אַװעק אין דער זײט פון דער קוך).

עללאַ: נו, איהר דערצעהלט דאָך עפּיס גאָרנישט, דן?

דן: װאָס זאָל איך דערצעהלען?

עללאַ: פאַר װאָס גײט איהר אַזױ פריה שלאָפען? אַלע נאַכט איז דאָ היינטען אַזױ פרעהליך — מען שפּיעלט אין קאָרטען...

דן: איך קום דען צו די קאָרטען, עללישקאַ...

עללאַ: נײן — איך װײס, אַז איהר קומט נישט צו די קאָרטען — נאָר איך מײן גלאַט אַזױ, אַזױ װי איהר קומט אַלע מאָל צו אונז אַרײן.

דן: איך מוז, עללישקאַ, אױפשטעהן בעגינען — דאַדורך קען איך נישט זוימען אין דער נאַכט אַרײן.

עללאַ: דאַדורך?

דן: אודאי.

עללאַ: איך װײס נישט — אבי איך קלער אַלע מאָל איבער...

דן: װעגען װאָס?

עללאַ: גאָרנישט, — גלאַט אַזױ...

דן: נו קלערט זשע נישט, קלערט נישט.

עללאַ: איך ווייס, אַז איך דאַרף נישט איבערקלערען —

דן: איהר זענט היינט ערגעץ געווען?

עללאַ: ביי אַננושקאַ'ן.

דן: און פון וועמען האָט איהר בעקומען די בלומען? — ס'אַרא שעהנע בלומען דאָס זענען!

עללאַ: איך האָב זיי געקריגען.

דן: פון וועמען? ס'איז זעהר שעהנע בלומען.

עללאַ: איז אמת אַז עס איז שעהנע בלומען? איך האָב זיי געקריגען...

דן: פון וועמען? — איז אפשר אַ שטיקעל סעקרעט — איז נישט נעטהיג, צו וואָס דאַרפט איהר זיך קווען?

עללאַ: נו קומט, גוטער דן, לאָמיר בעסער אריינגעהן צום טאַטעשי עסען.

(ביידע געהען ארויס).

ענדע פון ערשטען אקט.

צווייטער אקט.

ערשטע סצענע.

אין ה׳ הינגערס הויז. אננא און דן.

אננא: עס איז נאר צו שטעהן און צו קוקען אויף דער מערקוויר־דיגקייט ווי אזוי עס פיהרט זיך די וועלט. די רעגעלמעסיגקייט פון איהר און איהרע בעדערפעניסען, וואס זי דארף צו איהרע צוועקען, דאס הייסט אום דאס לעבען צו שאפען אויף ווייטער און ווייטער איז אזוי אונ־ערבארעמליך גלייך און רעכענט זיך אזוי פיעל, נאר מיט זיך אליין, גלייך עס וואלט גאר קיין שום איבערהאר נישט געווען אויף דער וועלט. אויך האט זי נישט קיין שום סאלידארנע חבר׳ליך געפיהל פאר דאס ארומיגע, וואס עקסיסטירט שוין ארום איהר. קוים עקסיסטירען שוין די זאכען, וואס זענען דורך איהר אליין געשאפען — האט זי שוין צוריסען דעם בונד מיט זיי, אום זי זאל זיך קענען פריי אויפבינדען די האנד און קענען ווייטער נייעס שאפען, אבלאזענדיג שוין דאס אלטע פון זיך אוועק גאר אהן שום מיטגעפיהל. איהר ווייסט, ליעבער דן, אז איך אליין בין נישט פון די מענשען, וואס האבען ליעב יענעמ׳ס מיטליידס־אויפמערקזאמקייט צוציהען צו זיך, נאר ווי איז מען אזוי פערשטיינערט, אזוי בלינד. מען זאגט, אז מיר מענשען זענען אויך א טהייל פון דער נאטור, אדער דאס זעלבע וואס הייסט ביי אונז נאטור — און דאך קען זי פערביינגעהן פאר אונז, ווען אונז איז דאס אויג בעטריבט, מיט אנ׳אויסגעלאסען שמייכלענדיג פנים צו איהרע צוועקען, וועלכע פערשאפען אונז אזוי פיעל קנאה, אייפער־זוכט און פיינדשאפט — דאכט זיך, אז דאס וואלט שוין, נישט נאר אונזער אייגענע טהייל, פון וועלכע מיר רעכענען זיך פאר א טהייל, נאר אפילו דער ערגסטער שונא נישט געקענט טהון?

דן: ענטקעגען וואס שמועסט איהר דאס אלץ?

אננא: ענטקעגען דאס, וואס פאר א טהייל מענשען איז דאס לעבען א שטראף־אבקומען אין אנ׳איינגעשלאסענער תפיסה, און ווי נאר דו ריהרסט דיך א ווייעלע ארויס א קוק צו טהון אויף דער פרייער שעהנער וועלט, ווערט דאס אויג אנגעזאפט מיט אזא בייסעניש, אז דו מוזט נישט

גאַנץ פריה, ווען די זון גערט אויף. דעמאָלט שלעכטער הומאָר — צורינט און צושווימט גלייך מיט דער גאַלטיגער טהוי פאַר דער ליכטיגקייט פון די שטראַהלען, און דער מענש בלייבט ריין, אָבגעוואַשען פון אַלערליי געדאַנקען, ווי דאָס פעלד פון נעכטיגען שטויב.

דן: איך שטעה אפילו אַלע מאָל אויף בעגינען.

אננא: מיר דאַכט זיך: אַזוי פיל טרייסט, אַזוי פיל ליכט, ווי פיל אַ הארץ קען אין זיך אַריינשעפּען אין איין פריה מאָרגען קען שוין גענוג זיין אויף אַ גאַנץ יאָהר. אַז אין הארצ'ס יעדען חינקעלע זאָל בלייבען, אַ לויטערע ליכטיגקייט, וואָס זאָל נישט דערלאָזען דערנאָך צוקומען אַהין קיין שום אומעט, און ווער עס איז אומעדיג אויף אַזאַ שעהנער וועלט, דער, זאָג איך, זינדיגט נור.

דן: צו איך בין עפּיס אומעדיג?

אננא: ניין. נור שלעכטליך, ווי פון אַנ'אומרוהיג שלאָפען, אָדער ווי פון נישט געזונד זיין — זעהט איהר אויס.

דן: און צו איך האָב דען גאָר אַנ'אורזאַכע פאַר וואָס צו זיין אומעדיג, אָדער פאַר וואָס נישט צו קענען שלאָפען?

אננא: ניין, פערקעהרט. יעדערער מענש און אפילו יעדעס מינדעסטע לעבעדיגע בעשעפעניש האָט מעהר שאַנסען אויף צו זיין פריילידּ, ווי אומעדיג. אפילו דאָס אָרעמע וועווער'לע, וואָס האָט נישט קיין הויז און קיין דאַך, נור אַ נעסט אויסגעבעט פון בלעטער אין אַ לאַך טיעף אין דער ערד, שפרינגט אויך פריילידּ אַרום אַ גאַנצען טאָג פון איין צווייגעל אויף דעם אַנדערן, און צוטשאַקענדיג פריילידּ מיט דעם עק'ל קנאַקט זי די ניסלעך מיט פרייד. ווייל יעדעס בעשעפענישעל האָט זיך זיינע ציעלען צו וועלכע דאָס ערוואַכט און מיט וועלכע עס איז אָנגעפילט באַלד פון פריהען מאָרגען, ביז שפּעט אין דער נאַכט. און זיי טרייבען עס אַרום פון איין אָרט צום צווייטען, פריילידּ און לוסטיג צו בעשעפטיגען זיך מיט זיי. שלעכט איז נור דעם, וואָס האָט נישט קיין ציעלען פאַר זיין מיהען זיך אויף דער וועלט, און קיין ליכטיגען פונקט אין זיין לעבען צו וועלכען ער זאָל זיך אָנשטרענגען — אָבער ווייטער אַזוי. איז די וועלט אַ פריילידע, אַ לוסטיגע און אַ שעהנע. און אַ זינד איז אַפילו נור איין מינוט אומעדיג צו בלייבען.

דן: עס קען זיין.

אננא: און אַך — ווי גליקליך זענען נאָך די מענשען וועמענס

ציעלען עם זענען צום שעהנעם געשטעלט. געבענשט זענען דעמאלט זייערע וועגען. מיט וואס איך זאל מענשען נישט מקנא זיין, מיט גליק. מיט עהרע, מיט רייכטהומער גרויסע — פאר די אבער בלייבט שטענדיג א ליעבע אונטערטהעניגקייט אין הארצען ביי מיר. איך האב ערשט היינט געזעהען א מענש איינעם א גליקליכען א זעלכען. — היינט אין דער פריה, ווען די זון איז נאר ארויס, אין פורפורנע פארבען האט דער הימעל געשפיעלט — ווען די טראפען טוי האבען נאך געבלישטשעט אויף די בלעטלעך פון דער רויז. און א זים פויגעל-געפישטשעריי האט דעם ליכטיגען מארגען אנגעפילט — האב איך שוין פון מיין שלאף ערוואכט, און ביי דעם ערשטען בליק אין פענסטער, דערזעהענדיג די ליכטיגע וועלט, האט א קוואל מארגען-ליכט אין מיין הארצען אריינגעקוועלט! — און איך בין געלעגען לאנג אויפ'ן בעטעל און געטראכט: ווי קען מען דאס זינדיגען אויף אזא שעהנער וועלט? צי קען א געליעבטע זיין פאלש איהר געליבטען — און צי קאן אין א געליעבטענס הארץ א פונקט צווייפעל ווען לעבען, און צי קאן זיך געפינען ערגעץ א פערלאזטער אין א ווינקעל, וואס די זון זאל איהם אהין איהר ליכט נישט געבען? און איך האב געטראכט: די וועלט איז א גן-עדן. פויגעלעך זענען איבער דער קווארטיר פון מיין פענסטער ארומגעשפרונגען. דאס שפיעלען האט זיך צוגאסען אין טענער פון הארציגע פריידען — דער מארגען האט געזונגען, דער מארגען האט געקלונגען — און ווי גליקליך האב איך געטראכט, זענען די, וואס ליעבען! — און זייענדיג איבערפילט מיט דער פרייד פון מארגען — האט עס מיך אויפ'ן באלקאן ארויסגעצויגען, אין די ווינקלען מארק האבען זיך די שאטענס פון דער נאכט נאך פערבארגען — א שטילע רוהיגקייט האט געהערשט, קיין צווייגעל אויף א בוים האט זיך נישט בעוואויגען. — און דעמאלט איז שוין פון איין טהיר, ה' ריינערס טהיר, אבגעשפרונגען מיט א שטארקען קלאנג איבער'ן מארק דער פרענט, אנשלאגענדיג זיך ראש אן דער וואנד — און אדאלף, אין עפעס א לייכט מארינארקעלע איז ארויס פון איהר מיט א גלעזערנעם קרוג אין דער האנד. און מיך האט געוואונדערט, צו וואס ער שטעהט אויף, ווען אין דרויסען טאגט — און ווען ער איז פערביינגעגאנגען מיין באלקאן און געזעהען מיך זיצען, האט ער מיר „גוט מארגען" געזאגט — און דערצעהלט אז ער געהט נאך פריש וואסער עללישקא'ן די בלומען צו בעשפריצען, וואס זיי שטעהען פון איבער נאכט. און די בלעטלעך העגגען שוין אודאי ארוב פער-

שמאכט. איך האב איהם מעהר נישט אויפגעהאלטען — נאר אין מיר האב איך געטראכט: אזוי וואויל און ליכטיג איז יענעמס הארץ, וואס רוהט נישט וועגען זיין געליעבטערס בלומען, אפילו ליעגענדיג אויפ'ן געלעגער ביי נאכט.

דן: נאר ווער האט איהר די בלומען געשענקט?

אננא: דאס, ווען אפילו איך זאל וויסען צו דערצעהלען, וואלט איך מיך נאך אויך בעדענקט; א טאמער איז עס יענעמס א סוד — ווארען וואס קאן איך וויסען ווער וועמען אין זינען האט?

דן: אבער טראכט ער פון איהר?

אננא: ס'איז דען וואס?

דן: ניין, איך פרעג גלאט.

אננא: נו ווער זשע ווייסט, וועמען געהט דאס אן! — איך דערצעהל אייך נאר וואס פאר א שעהנער מארגען עס איז היינט געווען און דאס ציעלען און שטרעבען פון יעדעס לעבעדיג בעשעפעניש — — איך געדענק נאך דאס אראבפליהען פון א בוידעם פון ערשטען האהן. ער שטעהט מיר נאך בולט: אט ערשט פאר די אויגען, ווי ער האט זיך געגעבען א שטעל אויף די נעגעל — און מיט וואס פאר אנ'אימפעט די פליגלען צעשפרייט — און ווי פעררייסען די קאם און דעם האלז אויסגעצויגען ער האט דאס מיט דעם ערשטען קריי דעם גאנצען מארק פערקרייט! און דערנאך, מיט וואס פאר א שטאלץ ער האט ארומגעקרייזעלט א הוהן, וואס האט זיך געדרעהט פאר איהם און קערנדלעך געקליבען פון דר'ערד — ווי איינער רעדט: ווער עס האט זיך געפעדערט — דער האט דיך זוכה געווען, דער איז דיך ווערטה, און ווען ער האט מיט א פליגעל געזעגט אן דער ערד, מאכענדיג מיט די פעדערן ריטצען — האט זי זיך געגרייט שוין צו איהם, צעלאזענדיג עטוואס די פליגעל צום זיצען...

דן: און זי האט זיך געזעצט?

אננא: און זי האט זיך געזעצט. — — אזוי וואויל איז דעם, האב איך מיר געטראכט, וואס האט זיך זיינע ציעלען צו וואס אויפצושטעהן בעגינען און האט שכל צו פעדערן זיך פאר אלעמען פריהער — און וואס האט צו זיין יענעם, זאל זיין בעסער מיר... און מעגליך דער האהן, וואס זי האט איהם נעכטען איהר ליעבע פאר א געשאנק צו זיין מענערשאפט געבראכט, — האט היינט שוין פערשפעטיגט און זיצט אויפ'ן באנט נאך פערזונקען אין חלומות פון ביי־נאכט.

דן: נו, און וואס האט איהר דערצו געזאגט?

אננא: נו, און דאס איז דאך נישט מעהר ווי א הוהן מיט א האהן!

דן: חאטש א הוהן מיט א האהן — דאך פיהלט זיך בעטרוג.

אננא: גאט האט אזוי בעשאפען די וועלט, זכר און נקבה צום פארען געשטעלט — און צווייטענס האט קיינער דער ליעבע א בענדעלע א

דרויסם נישט אָנגעטהון, אַז עמיצער זאָל קאָנען איהר זאָגען: געהערען גע־הערסט דו גישט קיינעם, נאָר מיר!

ד ן: נישטאָ אַזאַ בענדעלע...

אַ נ נ אַ: איהר זענט מודה?

ד ן: מיט'ן גאַנצען הארץ — נאָר צי איהר ווייסט נישט, ווער עס האָט עללישקאַ'ן געשענקט בלומען?

אַ נ נ אַ: און וואָס איז אייך דען געלעגען, דן? דאָ, וואו פריינד־שאַפט, דאָ איז בלומען.

ד ן: און איך קלער אויך גאָרנישט אַנדעריש. (פויזע).

אַ נ נ אַ: און ווידער וועל איך אייך זאָגען: וואָס געהט וועמען אָן פרעמדע געשעפטען? — וואָס האָבען מיר דערפון דען צו רעדען? — איך וועל מיך בעסער געהן אָנטהון.

ד ן: ליעבע אננאַ — איהר האָט נאָך צייט.

אננאַ: טאָ וואָס־זשע זיצט איהר עפּיס און דמיון'ט — טאָ זיצט־זשע נישט אַזוי — דערצעהלט עפּיס!

ד ן: און ביי וועלכער ברונע האָט ער גענומען דאָס וואַסער, אַדאָלף?

אַ נ נ אַ: צי דאָס אינטערעסירט אייך אַזוי שטאַרק?

ד ן: ניין, איך האָב נאָר געוואָלט וויסען.

אַ נ נ אַ: צו וואָס?

ד ן: ער איז, זעהט מען, אַ פאָלגענדיגער יונג.

אַ נ נ אַ: יאָ. עללישקאַ האָט מיר אויך געזאָגט דאָס זעלבע.

ד ן: אַז וואָס?

אַ נ נ אַ: אַז אין שטוב איז מען זעהר צופריעדען מיט זיין לוסטיגקייט.

ד ן: און צי זי בעזונדער?

אַ נ נ אַ: וואָס הייסט?

ד ן: גאָרנישט... נאָר אַ יונג, וואָס זאָל זיך אַמאָל צוחנפה'נען צו די שטוב־מענשען, איבערהויפּט, אַז עס געפינט זיך אַ מיידעל דאָרט.

אַ נ נ אַ: צו עללישקאַ'ן, אַ שטייגער, מיינט איהר?

ד ן: יאָ.

אַ נ נ אַ: און וועלכער מאַנספּערשוין קען עס זיך האַלטען דערוויי־טערט פון אַ שעהן מיידעל, אַז ער איז מיט איהר אין שטוב?

ד ן: און קען דאָס מעגליך זיין, אַז זי זאָל האָבען גענומען די בלומען — פון איהם?

אַ נ נ אַ: ניין — דאָס נישט.

דן: פאר וואס נישט?

אננא: ווייל ווי קומט דאס — צו וועלכען צייכען?

דן: און דאס קלער איך.

אננא: צו וועלכען צייכען?

דן: א צייכען פון פריינדשאפט, צום צייכען פון א לייכטזיניג מיידעל.

אננא: צום צייכען פון א לייכטזיניג מיידעל? — האט זי שוין קיין מעהרער מענש, ווי אדאלף נישט געקענט געפינען?

דן: וואס קאן מען זיי גלויבען, וואס קאן מען זיי געטרויען? איהר האט מיר דערצעהלט פון דער הוהן מיט דעם האהן, און מיך האט עס אין הארץ געשטאכען. איהר קוקט נאר דערויף, ווי אויף א מעשה פון א הוהן, נאר דאס האט א גרויסען אנהאנג צו אונז, מענשען. און אזוי, ווי עס קאן מעגליך זיין, אז זי זאל האבען געלאזט דעם האהן פון נעכטען נאך דרים־לען אויפ'ן באנט, און אליין איז זי זיך שוין געפלויגען שאפען אויף היינט א פרישען, קאן דען דאס אייגענע נישט מעגליך זיין אויך ביי א מיידעל?

אננא: אויב זי איז פערליעבט געווען נעכטען אין איינעם, און היינט זאל זי זיך שוין זוכען א צווייטען?

דן: און היינט שוין א צווייטען. און צי אזא מיידעל, ווי עללישקא, וואלט אזוינס נישט געקאנט בעגרייפען?

אננא: אויב עללישקא האט שוין געהאט א געליעבטען?

דן: אויב זי האט שוין געהאט א געליעבטען

אננא: וואלט עללישקא אזעלכעס געטהון?

דן: זאגט איהר, אז ניין?

אננא: ניין. און איהר וואס זאגט דען?

דן: אויך, אז נישט.

אננא: אידאי נישט.

דן: דאך, אדאלף איז מיט איהר אין איין שטוב...

אננא: צי איהר קלערט עפים איבער וועגען דעם?

דן: א סך.

אננא: איהר האט דאך ערשט געזאגט, אז איהר גלויבט נישט?

דן: און גלויבען גלויב איך נישט.

אננא: אזוי דארף זיין.

דן: נישט אנדערש.

אננא: מען זעהט דאך, אז ס'איז נישט צו דער זאך — אפילו איך בערירט עס.

דן: מיך בערירהרט עס.

אננא: און צו קלערן איז נישט דא פאר וואס — געהן שטעלען דארויף, וואס איהר זאגט, אז אדאלף איז מיט איהר אין איין שטוב, אז דערפון קאנען זיך די געבליטען ביי צוויי מענשען צושפילען זיי זאלען ווערען געררייצט איינס צו דאס אנדערע, ווייל עס ציהט זיי די בעריהרונג, שטענדיג זיך אין די אויגען?

דן: קאן מען נישט שטעלען דערויף?

אננא: ניין. צי דערויף אפילו, וואס איינס פון דאס אנדערע זאפט זיך אן מיט יענעס'ס אטהעם, מיט יענעס'ס הויך, און מיט דעם לייכטען זיפץ ביי נאכט פון די געלעגער'ס אראב, ליעגענדיג איינער געגענאיבער דעם אנדערן, ווען די פאנטאזיע גליהט?

דן: וואס, מען קאן נישט שטעלען דערויף?

אננא: ניין, געהן גלויבען אויף דערויף, וואס די גאנצע שלאנגקייט פון דער פיגור מיט דער גאנצער קערפערליכער ווייכקייט קאן זיך פארשטעלען ביי נאכט אויפ'ן געלעגער?

דן: איז דאס אויך נישט?

אננא: אודאי נישט. ווייל ווי קומט ער צו איהר, און זי צו איהם, אויב עס האלט שוין ביי עפיס ערנסטערעס.

דן: פונדעסטוועגען איז עס פייער דאס אלץ, וואס איהר רעכענט דא אויס, — פונדעסטוועגען איז עס א פונק, וואס שיסט שפעטער אויס מיט א קנאק פונ'ם הארץ!

אננא: נו, ווי אזוי זשע רעדט איהר דאס, גוטער דן? צי איהר אליין גלויבט דען אייערע אייגענע רעד?

דן: ניין — און גלויבען גלויב איך נישט!

אננא: נו, טא שוין — איז גארנישט.

דן: ניין, איך גלויב נישט?

אננא: ווארום פון אזוינע זאכען, ווי זיין נאהנט און אפילו זיין צוזאמען אין איין שטוב — וואס קאן מען דען ארויסנעמען? — אט זעענט איהר ביי אונז אויך נישט פרעמד, איהר קומט דא און זיצט דא שטונדען לאנג — און צי שפירט איהר צו מיר חאטש איין טראפען סימפאטיע?

דן: פון סימפאטיע איז קיין רעדע נישט.

אננא: נו ליעבע — זאל זיין ליעבע — איהר שפירט דאס?

דן: גלויבט איהר נישט, הייסט עס?

אננא: אז וואס?

דן: אויף זיי ביידע, אז זיי ביידע זאָלען זיך קאָנען ליעבען?

אננא: נו איך בעט אייך, דן — ציי בין איך א וועכטער איבער וועמענס הערצער? איך קען נאָר וויסען, וואָס אין מיין הארץ טהוט זיך.

דן: ענטשולדיגט.

אננא: איהר זענט עפּיס שטארק צוטראָגען.

דן: ניין, ליעבע אננא, עס דאכט זיך נאָר אייך אזוי.

אננא: דערצעהלט בעסער וואָס, דערצעהלט בעסער, וואָס פאר א נאָכשפּייזע האָט איהר נעכטען געגעסען צום מיטאָג, אָדער וואָס פאר א מענער־רעק טראָגען פרויען היינטיגען סעזאָן.

דן: ציי מיר איז דער קאָפּ צו אזוינע זאכען?

אננא: געהט, געהט, וואָס מאכט איהר זיך נאריש, דער קאָפּ איז איהם נישט צו אזוינע זאכען.

דן: ניין. איך קען נישט. האָט מיר א גוטען טאָג, אננא!

אננא: ווארט, ווארט — וואָס לויפט איהר, ליעבער דן?

דן: איך קאָן נישט לענגער — האָט מיר א גוטען טאָג.

אננא: אָבער וואָס זענט איהר אזוי צורודערט? — עס מאכט דאָך נישט אויס, אויב איהר האָט ערשט קיין צייט נישט.

דן: ניין — איך האָב קיין צייט נישט.

אננא: נו געהט, נאָר פערגעסט נישט אָפט ארייננצוקומען — טרעט אָב, ליעבער דן.

דן: דאנק, דאנק — א גוטען טאָג! (געהט שנעל ארויס).

אננא: (בלייבט אליין) און דאָ ליעגט דער הונד בעגראָבען — „דאָ־סווידאניא", דן'שו — וועל'מיר זיך נאָך זעהן, מוז זיין — דערוויילע געה דיר געזונדטערהייד!... (קלינגט אָן. הדסה קומט ארײן).

אננא: א שטארק גלאז טהע גיב מיר ארײן, איך געה ארײן אין דער עס־שטוב. (הדסה אָב).

אננא: די וועלט איז אויך א וועלט! (אָב).

צווייטע סצענע.

אין ה׳ ריינער׳ס הויז. עללא און דן

עללא: וואס דרעהט איהר זיך ארום?

דן: וואס איז דען?

עללא: צייט איהר זענט געקומען זענט איהר נאך קיין צוויי מינוט נישט געזעסען מיט מיר.

דן: און דאס טהוט דיר לייד?

עללא: וואס פרעגט איהר עפּיס, דן?

דן: ווייל איך וויים נישט. דאס טהוט דיר לייד?

עללא: אודאי טהוט דאס מיר לייד. מיר דאכט זיך, אז איהר דרעהט זיך ארום ווי א פרעמדער און איך פיהל מיך דערווייטערט פון אייך.

דן: שוין לאנג אזוי, מיין קרוין?

עללא: אז איך פיהל מיך דערווייטערט?

דן: יא.

עללא: נישט לאנג.

דן: אנ׳ערך?

עללא: פון צייט איהר געהט אזוי ארום... צי איהר האט עפּיס קרענקונג?

דן: ניין. און דו?

עללא: איך גארנישט — פון וואס?

דן: און די בלומען האסט דו שוין היינט בעשפריצט?

עללא: יא.

דן: דו קענסט מיר נישט זאגען, וואו מען קריגט פונקט אזעלכע בלומען ווי די זענען?

עללא: צו וואס דארפסט דו זיי — פאר מייגעטוועגען?

דן: יא, פאר דייגעטוועגען —— נאר עס וועט דיר נישט זיין שווער צו האבען אין דאפּעלטען?

עֶ ל ל אַ: נייִן, גוטעֶר דן — בּרעֶנג.

ד ן: גוט. איך וועֶל דיר בּרעֶנגעֶן. נאָר זאָגסט דו מיר צו, אַז עֶס וועֶט דיר נישט שווער זיין צו נעֶמעֶן אין דאָפּעֶלטעֶן?

עֶ ל ל אַ: נייִן. איך זאָג דיר צו — —

ד ן: נו אויב אַזוי בּיסט דו אַ מעֶנש — — בּין איך מיט דיר פון אויבּעֶן. (פּויזעֶ)

עֶ ל ל אַ: דן'שו, וואָס איז דאָס עֶפּיס פאַר אַנ' אויסדריק אָט דעֶר לעֶצטעֶר? איך הער איהם שוין פון דיר עֶטליכעֶ מאָל, און ס'איז נישט שעֶהן...

ד ן: וואָס פאַר אַנ'איידעֶל געֶמיטה פרויעֶן זעֶנעֶן, ווי זיי דעֶרשפּירעֶן אַזוי דאָס נישט שעֶהנעֶ... נאָר פאַר וואָס, עֶללישקאַ ליעֶבּעֶ, שטאַמעֶן אַלעֶ „היערעֶן" נאָר פון אייך?

עֶ ל ל אַ: דו בּיסט עֶפּיס בּעֶז. דן!?

ד ן: נייִן, מיין ליעֶבּעֶ! זאָל אין דעֶם דאָס האַרץ צושפּאָלטעֶן ווערעֶן, ווער עֶס קאָן אויף אַזאַ ליעֶבּליכעֶם בּעֶז זיין.

עֶ ל ל אַ: און דו בּיסט נישט בּעֶז?

ד ן: נייִן.

עֶ ל ל אַ: און דו בּיסט נישט בּיסטרעֶ אין די אויגעֶן אויך?

ד ן: נייִן.

עֶ ל ל אַ: פאַר וואָס זשעֶ דעֶן רעֶדסט דו עֶפּיס אַזוי בּעֶז?

ד ן: לאָמיך אָבּ! (אַננאַ און אַדאָלף קומעֶן אַריין).

אַ ד אָ ל ף: אָ, אָט האָסט דו איהם — וואָס מאַכסטו בּרודעֶר? מעֶן האָט געֶמייִנט אַז דו בּיסט שוין עֶרגעֶץ מיט דעֶם וואַסעֶר אָבּגעֶשוועֶנקט געֶוואָרעֶן, אָדעֶר מיט דעֶר היץ אויסגעֶטריקעֶנט געֶוואָרעֶן.

ד ן: ווער האָט געֶמייִנט, נאָר דו אַליין?

אַ ד אָ ל ף: אַלעֶ, אַלעֶ כסדר.

ד ן: וועֶלכעֶ אַלעֶ?

אַ ד אָ ל ף: די גאַנצעֶ שטאָדט!

ד ן: וואָס פאַר אַ רוח איז מיט דיר — טרעֶט אָבּ פון מיר!

אַ נ נ אַ: דן, מעֶן קעֶן דאָך מייִנעֶן, אַז איהר ווילט זיך קריגעֶן.

ד ן: נייִן. זייט רוהיג. מיט איהם האָבּ איך מיך נישט וואָס צו קריגעֶן.

אַ ד אָ ל ף: אַז דו פעֶרשטעֶהסט דיך נישט אויף קיין געֶלעֶכטעֶר'ל איז דיר ווער שולדיג. אַפּנים איך וויל מיך יאָ קריגעֶן?

ד ן: טאָ גנעה זשע אַוועק, איז געענדיגט!

אַ ד אָ ל ף: האָב איך דיר נישט געטאָרט זאָגען אַז מען האָט געמיינט, אַז דו ביסט שוין מיט דעם וואַסער אָבגעשווענקט געוואָרען?

ד ן: עס וואָלט געפּאַסט, אַז דו זאָ‚סט וואַרטען דערויף — נאָר אויב נישט, גנעה דיר געזונדטערהייד.

אַ ד אָ ל ף: האַ — האַ! איך זאָל וואַרטען דערויף. ברודער, ווען דאָס וואַסער פערנעמט דיך, וואָלט איך דיך נאָך אַליין געלאָפען ראַטעווען — אַ שווימער בין איך אַ טהייַערער!

ד ן: איך ווייס נישט וואָס זייַנע ווערטער ראַצען מיר אַזוי אין אויער — און ער האָט זיך דוקא צוגעקלעבט צו מיר — —

אַ ד אָ ל ף: איך בין דייַן „קום".

ד ן: מייַן „קום" און מייַן פריינד און מייַן?..

אַ ד אָ ל ף: אַלץ. און איך וואָלט דיך טרינקען נישט געלאָזט.

ד ן: ניין, ברודער, דו פערהסט דיך פאַר דער צייַט. איך טרינק מיך נאָך נישט אַזוי גיך. איך האָב אַ סך יאָהרען געאַרבייַט ביי געהילץ אויפ'ן וואַסער און האָב מיך אויסגעלערנט גוט בריקען לעגען, אַז איך וועל וועלען, זאָל איך קאָנען אַריבער איבער'ן וואַסער אַ טרוקענער.

אַ ד אָ ל ף: נו גוט ברודער! לעג אַ בריק קיין ארץ־ישראל, וועל'מיר ביידע געהן...

ד ן: נישט מיט מיר. היט דיך פאַר מייַן בריק. זי קען זיך אונטער דיר אונטערברעכען!

אַ ד אָ ל ף: זאָל זי זיך אונטערברעכען.

ד ן: ווער אונטערגעבראָכען — נאָר אָהן מיר.

אַ נ נ אַ: דן'שי, איהר רעדט דאָך שוין פונקט ווי מען זידעלט זיך — און איהר האָט זיך דען גאָר אין זינען צו קריגען מיט אַדאָלף'ן?

ד ן: גאָט בעהיט! פאַר מיר איז שוין גענוג.

אַ ד אָ ל ף: און פאַר מיר אויך.

ד ן: אַ גוטען טאָג! — — פרייַליין עלאַ! זאָל איך אייך נאָך בעזוכען אַמאָל, ס'איז נאָך נישט אויסגעזועצט ביי אייך די שעה'ן, ווען איהר קענט אָננעמען און ווען נישט?..

ע ל ל אַ: דן!

ד ן: ניין, איך פרעג דיך נאָר.

אַ נ נ אַ: דן, עס זעהט דאָך אויס, אַז איהר זענט הייַנט פון עפּיס אויפגערעגט?

דן: גאָט בעהיט! אדיע, מײַן ליעבע. א גוטען טאָג, אננאַ!
(געהט ארויס).

אדאָלף: און מיר נישט געגעבען די האַנד! וואָס איז מיט איהם היינט, וואָס ער האָט אַזוי אַראָבגעלאָזט די נאָז?

אננאַ: נו שוין נו, אַ געשעפט — מאַלע — אַ מענש איז נישט אין גוטען הומאָר. — נאָר וואָס איז מיט דיר, עללישקאַ? — וואָס ביסט דו עפּיס געבליבען זיצען אַזוי פערשטיינערט!

עללאַ: אננושקאַ, פרעג דיך נישט.

אננאַ: ער האָט חלילה דיך דען געמיינט, אַז ער האָט זיך איבערגעווערטעלט מיט אדאָלפ׳ן. ס׳איז דאָך נישט מעהר, ווי מיט אדאָלף׳ן! — גלויב מיר, עללישקאַ, אַז קינדער צוויי ווערטל׳ען זיך אויך אַזוי איבער.

אדאָלף: שעהנע קינדער — ווען איינער שענקט דעם אַנדערן אַ טאַפּ אין די צייהן אריין, רייסט ער איהם אַ האַלבען קאָפּ מיט. ער האָט נאָך אויך היי־יאָהר דאָס קדחת נישט געהאַט.

עללאַ: וואָס ווילט איהר, אדאָלף. איהר האָט איהם אויפגערעגט מיט אייערע חכמה׳לעך.

אדאָלף: איך, איך?...

אננאַ: קום, עללישקאַ, וואָס טויג עס דיר דאָרט. קומט איהר אויך, אדאָלף, וועל׳מיר זיך צוזאַמען אַ ביסעל אונטערהאַלטען. זעהט נאָר ווי עללישקאַ זעהט אַזוי טרויעריג אויס. וואָס איז דיר, עללישקאַ?

עללאַ: איך ווייס נישט. ער איז עפּיס די ציַיטען אַזוי געוואָרען דן... פריהער פלעגט ער גאָר קיינמאָל נישט זיין אַזוי... איך ווייס נישט, וואָס איהם איז.

אננאַ: געה, ער וועט זיך צוריק פערבעסערן, וואָס זאָרגסט דו.
(געהען ארויס).

אדאָלף (נאָך): יאָ, נאָכ׳ן טויט וועט ער שוין אַ מלך ווערען.
(אַלע אָב).

דריטע סצענע.

א וואלד, א קליין שטיבעלע. אננא און דן (קומען אן).

אננא: אויף אונזער וועלט איז אינגאנצען קיין נארישקייטען נישט פערהאנען. דאס גרעסטע נארישקייט קען דער גרעסטער ערנסט ווערען — אויב עס שטעהט איין ביי אזא מענש אין דער האנד, וואס האט אויף זיך אליין קיין רחמנות נישט און גיט זיך איבער דערצו מיט זיינע אלע געפיהלען. געפיהלען זענען נישט מעהר, ווי ביהנען אין א ביהנשטאק — מעהר דו וועסט זיי ריהרען, מעהר דו וועסט זיי רייצען, אלץ מעהר וועלען זיי דיך בייסען.

דן: איך האב מיך אויך נישט געריבט דערויף. און אצונד, אז עס איז שוין געקומען דערצו — קען שוין זיין מיט מיר אלץ.

אננא: נאר פאר וואס זשע האט איהר זיך אנפאנגס בעצויגען דערצו אזוי לייכטזיניג — און ערשט זענט איהר שוין אזוי פיעל געערגערט, אז איהר זוכט ביי קארטען־לעגערקעס הילף?

דן: איך זוך נישט קיין הילף; וואס קאן מיר א קארטען־לעגערין געבען, דאס וואס מיין ליעבעטשקים האט מיר אין איין מינוט אבגע־רויבט? — נאר זאגען זאל זי, וואס מיין אייגענער סוף וועט זיין. מיר געהט נאך אונטער די פלייצעס א געהיימע שרעק, וואס מיך ערווארטעט אויף שפעטער. זאל זי מיר דאס זאגען.

אננא: איך ווייס, אז דאס אלץ טהוט איהר אויס פערביטערונג — נאר וואס קען איך א פרעמדע זאגען, אויב איהר אליין ווייסט נישט. אייער גאנצע איצונדיגע לאגע איז דאך א בלינדער שפיעל. און פאר וואס האט איהר פון אנפאנגס אן נישט גערעדט צו דער זאך, אז איהר זענט פערליעבט אין איהר?

דן: איז דען געווען וואס צו רעדען? — מאלע עס פערלויפט זיך, אז א מיידעל קריגט בלומען — אבער אז פון די בלומען אן הויבט זיך אן מיין פערבשופטער פלאנטער — — מיין פלאנטער! אה, דאס האט מיך אין חלום נישט געדאכט.

קאַרטען־לעגערין (קומט אַרויס פון שטיבעל): צי האָבען עס בוימער געשאַרכט, צי האָבען עס מענשען גערעדט — איך האָב דאָ וואָס געהערט.

דן: דו ביסט די קאַרטען־לעגערין?

קאַרטען־לעגערין: צי איז דאָס צו מיר?

דן: צו דיר, איך בין געקומען צו דיר.

קאַרטען־לעגערין: און זי ווער איז?

דן: איז מיט מיר.

קאַרטען־לעגערין: זי איז מיט דיר — נאָר ווער איז וויַיט פון דיר?

דן: דער שלאַנג, פון וועלכען איך קום ערשט.

קאַרטען־לעגערין: פון שלאַנג קומסט דו נישט — מיט'ן שלאַנג קומסט דו — דעם שלאַנג טראָגסט דו ביַי דיר אין האַרץ — און אַ בעזער גיפט היזשעט אין דיַין האַרץ, וואָס איז שוין לאַנג פערגיפטעט, און וועסט אויך נישט רוהען ביז, דאָס וואָס איהם איז דאָס ליעבסטע און טהיַיערסטע, וועט אומגעברענגט ווערען.

דן: און וועגען דעם שלאַנג בין איך געקומען דיך פרעגען.

קאַרטען־לעגערין: דו פרעגע נישט מיך — נאָר דו היט דיך; דער שלאַנג, וואָס האָט דיך אַרומגעוויקעלט און האָט פריהער דיַינע געדאַנקען פערפינסטערט זאָל דיר אויך קיין בים נישט טהון — אַ שלאַנג האָט זיך אַרום דיר אַרומגעוויקעלט — דיַינע געדאַנקען זענען צווייעט געוואָרען, און אַ פערבלענדיגקייט איז פאַר דיַינע אויגען געקומען — און דו וועסט דיך ערשט דעמאָלט אומקעהרען צו דיַינע געדאַנקען ווען עס וועט שוין צו שפּעט זיין. מיט דיר האָט אַנ'אומגליק געטראָפען. ווי עס רוהט נישט דער שטורם, נישט ביַי טאָג, נישט ביַי נאַכט, אַזוי רוהט נישט דיַין האַרץ. די נעכט וואַרפסט דו דיך אויפ'ן געלעגער אַרום — דאָ מיט דעם קאָפּ אויפ'ן קישען, ווי אַ געשאָכטענע גאַנז, אין אַ מינוט, ווען די געדאַנקען זאָגען דיר אָב אַלע דיַינע האָפנונגען — און דאָ ווילסט דו די וואַנט פון דיַין שטיבעל אויסברעכען, ווי אַ לייב אין אַ שטייג די קראַטען, אַז דיַין בעס זאָל זיך אויסגיסען אויף יענער, וועלכע דו ליעבסט. דו וועסט דיינם דאָס ליעבסטע און טהייערסטע פון דער וועלט ברענגען, נאָר נישט פון האַרץ אַרויסרייסען.

דן: ניין! פון האַרץ אַרויסרייסען.

קאַרטען־לעגערין: זאָל דיר גאָט געבען — נאָר דאָס איז נישט

אין אונזערע הענד. אזוי ווי דו קענסט נישט דיין געליבטע צו זיך צוציהען איבער־געוואלד, אזוי וועסט דו זי אויך פון דיין הארץ נישט ארויס־רייסען איבער־געוואלד. — און פערשאלטען פון גאט און פון מענשען און מיט א פייער אין הארץ וועסט דו דיך איבער וועגען און שטעגען ארומ־דרעהען, ביז דיין פייער וועט דיין געליבטע דערגרייכען — און נאך איידער עס וועט זיך אויסלעשען — וועסט דו שוין צוזאמען דערמיט צאנקען און ביידע אין איין טאג און אין איין שעה, דו מיט דיין פייער וועט איהר פער־לאשען ווערען אויף אייביג. אלע קרענק קענען געהיילט ווערען, אלע קראנקע האבען האפנונג געזונד צו ווערען — נאר דו נישט. דו מעגסט עס וויסען!

דן: איך וויים. פאר מיר איז קיין תקומה נישט דא.

קארטען־לעגערין: און וואס נאך מעהר?

דן: שוין גענוג!

קארטען־לעגערין: און די רעשט זאל גאט מאכען, ווי גוט איז...

דן: דאנק דיר, אלטע.

אננא (דערלאנגט איהר קליינגעלד): אומעטיג דאס לעבען!

קארטען־לעגערין: פול מיט זינד. (שאקעלט אב מיט'ן קאפ קוקענדיג אויף אננא'ן — געהט לאנגזאם צוריק אין שטיבעל. שטעלט זיך נאך אב אויף דער שוועל פון הויז) קינדער איילט אהיים, עס פערציהט זיך חמארנע דער הימעל, די פויגעל זענען פערשטומט געווארען און מיט א שטילען שוידער האפען זיך אלע ווילע אויף די בוימער; — עס וועט רעגנען! (פערשווינדט אין שטיבעל אריין. אננא און דן געהען אוועק.)

פיערטע סצענע.

אין אננאַס הויז. אננאַ און עללאַ.

עללאַ: איך ווייס נישט, וואָס מיט מיין דן'ען טהוט זיך — ציי האָט איהם נישט עמיצער כשוף אָבגעטהון. איך בין געוועזען אין זיין שטיבעל און געטראָפען איהם ליגען אויף זיין בעטעל, זעהר אומעדיג, און אין די אויגען איז ער אַזוי גרוילין... אַ לאַנגע צייט איז ער געלעגען שטום, ווי ער וואָלט מיך גאָר נישט בעמערקט, און מיך האָט גע־שראָקען זיין שטילקייט. איך האָב איהם געוואָלט פון האַרץ אויסרעדען, דערגעהן וואָס אין זיין האַרץ בלוטיגט, און ער האָט אויף מיר זיך נישט געוואָלט אומקוקען — נישט אַנדערש נאָר ער איז דורך עמיצען פערפיהרט געוואָרען, אָדער מען האָט איהם כשוף אָנגעטהון, אַז זיין האַרץ זאָל ווערען אַוועקגענויגט פון מיר, און ווי איך האָב נאָר דאָס ערשטע וואָרט אויסגערעדט: „דן, וואָס איז דיר?" האָט ער אויף מיר נאָר איין שרעקליכען בליק געוואָרפען אַז דאָס בלוט אין האַרץ איז מיר פערקיהלט געוואָרען. אַ טויט־שרעק איז מיר אין געדאַנק דורכגעפלויגען אין יענער מינוט. וועה איז מיר, אַז איך זאָל דאַרפען אויף מיינס אַ געליעבטען אַזוינס צו טראַכטען... נאָר ער איז צוריק רוהיג געבליבען, איך ווייס נישט ציי האָט ער זיך געשטאַרקט דערצו, און האָט מיך נאָר געבעטען, איך זאָל פון איהם אַוועקגעהן, איך זאָל אין זיין שטוב מעהר נישט קומען. גוטע אננושקאַ, וואָס איז מיט איהם געוואָרען?

אַננאַ: ציי ער האָט דיך נאָך היינט ליעב?

עללאַ: פון וואַנען ווייס איך, גוטע אַננושקאַ, ווער דו עס געוואָהר. מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט מיך גאָר... גוטע אַננושקאַ, די טרעהרען, וואָס איך לאָז ביי נאַכט אין קישען אַריין איבערקלערענדיג וועגען דעם, מעג נאָר פאַר איין גאָט געהן — ווער עס דו געוואָהר ביי איהם. איך וועל עס דיר קיינמאָל נישט פערגעסען...

אַננאַ: איך וועל געוואָהר ווערען — נאָר דו פאַל דערווייל נישט אַראָב ביי דיר: האָב קיין מורא נישט — „וואו וואַסער איז געוועזען דאָ

וועט וואסער אויך זיין". אזא פייערדיג הארץ מיט אזוי פיל ליעבע וויפיעל אין דעם יונג איז דא, קען נישט פלוצלינג אויסגעטריקענט ווערען...

עללא: אפשר איז היינט אויך דא, נאר שוין נישט פאר מיינעט־וועגען? — —

אננא: ניין, אה, ניין. ער האט נישט פאר קיין אנדערערס וועגען. דו ביסט זיין בכור — דער עלטסטער אין זיין הארץ!

עללא: הלואי!

אננא: נאר דערווייל וויש אב דיינע טרעהרען — וויין נישט. עס וועט קומען די צייט, און ער וועט זיך אליין בעדענקען.

עללא: איך וויין גאר נישט, ווער וויינט?... איך האף נאר צו גאט — — און ווייטער, וואס קען איך טהון? (פויזע).

אננא: מען זאל אבגעהיטען ווערען וואס פאר אנ'אומגליקען עס האבען זיך אנגעהויבען אריינצוחאפען אין דער לעצטער צייט צווישען אונז היימישע. העך אויס, וואס מיט מיר פאסירט היינט — אפשר וועט דיר דאס זיין א טרייסט צו דיינע ליידען, כאטש דו דארפסט א סך א גרעסערע טרייסט — אבער ווי זאגט מען אמאל: אז „לייד מאכען פערגעסען לייד". און כאטש מיינע זעגען נישט מעהר, ווי א קאפריז, פונדעסטוועגען העך מיך אויס, עללישקא. איך ווייס נישט, ליעבע, וואס פאר א שרעקליכער געדאנק מיך יאגט עפיס אין די לעצטע טעג נאך; מיר דאכט זיך, אז אייער קוזין אדאלף, האט זיך איינגעליעבט אין מיר. עפיס ווי אנ'עקסטרע אויסגעטראכטע אינטריגע קומט מיר פאר די גאנצע געשיכטע.

עללא: אדאלף? —

אננא: אדאלף, אדאלף... און ס'איז גארנישט קיין גלאטיגע זאך מיט מיר.

עללא: ווי קען ער זיך אזעלכעס ערלויבען פאר זיך אליין?

אננא: דאס זעלבע פרעג איך אויך. ליידער איז עס א פאקט. נא לייען אין מיין טאג־ביכעל וועסט דו זעהן (גיט איהר א ביכעל פון טיש אראב). איך האב מיר דא זיינס א בריוועלע פערצייכענט, צו א טרויעריגען פאל אויף מיין גאנץ לעבען זאל דאס בלייבען. און, אז איך וועל אמאל אריינקוקען דא אהער אויף מיין עלטער, שוין געהענדיג אין ברילען אנגעטהון — זאל איך נאך אמאל בעגעגנען דאס, וואס מיט מיר האט

געקענט אין מײַן יוגענד טרעפֿען. אָט וואָס ער שרײַבט מיר אין דעם זעלבען טאָג, ווען איך האָב דיר די בלומען געשיקט...

עללאַ (לייענט שטיל, פויזע).

אַננאַ: די ליעבע געפינט שוין אַזוי איהרע מיטלען. דאָס וואָס ער וואָלט אָבלעבענדיג זיין גאַנץ לעבען, נישט געהאַט דאָס פערשאַרטקייט מיר צו זאָגען מיט דעם מויל — איז דאָס פּאַפּיער געדולדיג און נעמט אַלץ צו... אָט אַזוי איז מיט די מאַנסלײַט: פאַר יעדעם קלײניג קײט, וואָס דו ווײסט ביי זיי בעטען, ווערען זיי דיך שוין אַנקוקען מיט אַ מײַן, אַז דו ליעבסט זיי — דאָס האָט ער עס מיר די בלומען גע־ברענגט אויף אַזאַ אַרט — און דו זעהסט, ווי אײַפערזיכטיג ער שרײַבט וועגען זיי — פאַר וואָס איך האָב זיי דיר אַוועקגעגעבען?

עללאַ: איך זעה, און וואָס זאָלסט דו דיך קרענקען דערפון, ליעבע אַננושקאַ?

אַננאַ: מײַנע אויגען זאָלען אַזוינס נישט זעהן, וואָס זיי האָבען שוין יאָ געזעהן... ווער ווײסט וואָס אין אַזאַ יונג'ס האַרץ בויט זיך — און ווער ווײסט, וואָס פון אַזוינע ליעבע־בריוולעך, אויב ער האָט זיך נאָר דאָס ערשטע מאָל דערוואויגען דערצו — קען אַרויסקומען. מיר געהט עס אין גאַנצען לעבען, עללישקאַ!

עללאַ: זאָג איהם אָב, אַננאַ, זאָג איהם, אַז דו ביסט נישט צופריעדען.

אַננאַ: ווען ער האָט מיר שוין זײַן ליעבע ענטדעקט? — ווען דער סוד איז נאָך סוד — מעהר מען שטופּט אָב פון זיך, מעהר אַכטונג איז צו דיר — שטאַרבט נישט איין ליעבענדער מיט זיין סוד אין האַרץ, און דער געליעבטער וועט אפילו קײן נענעלע נישט קריגען; אָבער אַצונד — רעד פערלאַנגען ענטפער; און אָהן ענטפער, אַז מען לאָזט עמיצען, ווערט אין איהם פער'סמ'ט דאָס האַרץ און יעדעם געפיהל, און זײַנם אַ שפּײַ איז שוין געפעהרליך! דאָס געפעהרליכסטע, עללישקאַ, וואָס קען נאָר געבען אויף דער וועלט.

עללאַ: פאַר אַזוי שטאַרק האַלסט דו עס?

אַננאַ: אַך, ווי נישט געניט, ווי נאָך נאַאיוו דו ביסט. — נו זאָג, עללישקאַ, וואָס פאַר אַנ'עצה זאָל איך מיר געבען?

עללאַ: און וואָס פאַר אַנ'עצה האָסט דו?

אַננאַ: גאָר נישט — איך בין אומגליקליך! מיך איבעראַשט דער

יונג מיט זיין צערשטרײַאונג און מיט זײַנע בליצען אין די אויגען אין מײַן געגענוואַרט. אין איהם, עללישקאַ, ליעגט אַ ווילדע קראַפט.

עללאַ: נו וואָס זשע קענסט דו פאָרט טהון? — דו וועסט דאָך דיך נישט איבערגעבען צו איהם אין די הענד אויס מורא.

אַננאַ: רעד מיר בעסער נישט.

עללאַ: טאָ טהו זשע עפּיס.

אַננאַ: איין עצה נאָר איז דאָ, וואָס קען מיך פּיליַיכט ראַטעווען. נאָר דאָס, עללישקאַ, איז אָן דיר אַנבעלאַנגען דו קענסט מיך ראַטעווען.

עללאַ: אויב נאָר מעגליך, טהײַערע שוועסטער.

אַננאַ: אויב נאָר מעגליך, זאָגסט דו?

עללאַ: אויב נאָר מעגליך.

אַננאַ: טאָ בעט זשע דײַן פאָטער, אַז ער זאָל צוריק אָבשיקען זײַן שוועסטער איהר זוהן; זאָל ער איהר שרײַבען, אַז ער קען איהם נישט האַלטען, אַז ער איז צו ווילד פאַר איהם און זאָל ער איהם נישט אַרײַנלאָזען אין שטוב, וועט ער זיך דאָך נישט אַרומדרעהען אונטער די ווענט און שטאַרבען פאַר הונגער, אַבי נאָר מיך אָנצוקוקען — וועט ער מוזען אָבפּאָהרען. ווײַטער איז גאָר נישטאָ וואָס צו מאַכען — דאָס איז דאָס איינציגע מיטעל, טהײַערע עללישקאַ!

עללאַ: אָבער דערבאַרעם דיך, בײַ גאָט! מײַן פאָטער'ס שוועסטער איז דאָך אַנ'אָרעמע און מײַן פאָטער האָט אַ ווייך האַרץ. טאָ ווי אַזוי זשע קען ער איהר אַ זעלכעס טהון?

אַננאַ: איז נישט גוט. (פּויזע).

עללאַ: ס'אַנדערע — איך וואָלט דיר שוין אפילו געהאָלפען בײַ'ם טאַטען — אָבער אַ טאָמער שטעלט זיך אַדאָלף אַנידער ווײַנען פאַר איהם — טאָ ווי אַזוי וועט דאָס מײַן טאַטע קענען צוקוקען?

אַננאַ: איז נישט גוט מיט מיר, איז נישט גוט! אָבער געהן, זאָגסט דו, געהט עס נאָר אין דעם צומײַנסט, וואָס אַדאָלף וועט זיך אַנידער־שטעלען ווײַנען? אָבער ווי באַלד אַדאָלף וועט בעשטעהן — זאָגסט דו עס מיר צו צו מאַכען?

עללאַ: ווי באַלד אַדאָלף וועט בעשטעהן, זאָג איך עס דיר צו מיט דעם גאַנצען האַרץ.

אַננאַ: נו שוין זשע, עללישקאַ, געדענק זשע — איך האַלט

דיך ביי דעם ווארט. נאר זאג עס נאך פארלויפיג נישט דעם טאטען, ביז וואנען איך וועל דיך הייסען. (פויזע).

עללא: ווי שפעט קען שוין זיין אצונד?

אננא: דער טאג האלט שוין — נישט פריה.

עללא: איך מוז שוין געהן. דער קאפ איז מיר אזוי פערשלאגען, און דאס הארץ אזוי פערצאגט, אז איך פיהל אליין נישט וואס מיט מיר טהוט זיך...

אננא (בעגלייטענדיג זי אין דער טהיר אריין): צו א שווער הארץ טאר מען זיך נישט געהן אויסרעדען — אנשטאט, וואס איך האב דיך געראפט טרייסטען — האב איך נאך מיין ביטער געמיטה אויך אין דיר אריינגעגאסען. מיין טהייערע עללישקא (קושט זי), און ערשט געהט אויף דיר א זא שווערע נאכט... (עללא געהט ארויס).

אננא (בלייבט אליין): די זון געהט שוין אונטער — און ווער ווייסט וואס פאר א נאכט אויף דן'ען רוקט זיך ערשט אן... (שטעהט א ווײלע מיט די הענד איבער'ן פנים אין מיטען שטוב).

פינפטע סצענע.

אננא און אדאלף.

אננא: אדאלף, ליעבער אדאלף — ווי געהט דאס אייך עפים?
אדאלף: גאט צו דאנקען.
אננא: און מיט אייער היע זיין זענט איהר צופריעדען?
אדאלף: הלואי נישט ערגער.
אננא: יא גוט?
אדאלף: יא, גאנץ גוט. (פויזע).
אננא (זיפצט שטיל).
אדאלף: איך זאל אייך נישט בעליידיגען וואס איך פרעג אייך, קענען וואס מיינט איהר דאס, צי איך בין צופריעדען?
אננא: גלאט אזוי — — (זיפצט) איהר זענט דאך נישט מיינם קיין פרעמדער — אינטערעסירט מיך...
אדאלף: מיר געהט זעהר גוט.
אננא: נאר מיר... (פויזע).
אדאלף: וואס איז אייך, פרייליין?
אננא: אזוי... נו וואס קענט איהר מיר דען העלפען!
אדאלף: זאגט נאר מיר, פרייליין — אזוי ווייט געה איך פאר אייך.
אננא: דא היע איז קיין לעבען נישט. דא היע איז קיין שטאדט נישט...
אדאלף: דא היע?
אננא: דא היע.
אדאלף: און דאס שריי איך דאך שוין לאנג, אז אין אנדערע שטעדט לעבט מען, אזוי ווי עס בעדארף צו זיין...
אננא: דא היע, אך דא היע. אזא ארעמע עללישקא אפילו, אז איך גיעב א קוק אויף איהר שניידט מיך אויך ביי'ם הארץ — — אפילו אן

איהר איז אויך צו דערקענען, אַז עס איז שוין פון איהר האַלב מענש געוואָרען ...

אַדאָלף: וואָס איז איהר?

אַננאַ: גאָר נישט. ס'איז אומעדיג דאָ היע דאָס לעבען — — ציז דן איז עפּיס געווען ביי איהר איבער דער גאַנצער צייט?

אַדאָלף: אַך, וואו דן — ווען דן? ער איז גאָר אין גאַנצען צוטראָגען. די לעצטע צייט, אַז ער איז שוין יאָ געווען אַמאָל אין שטוב פלעגט ער זיך צווישען אַלע שטוב-מענשען אַרומדרעהען איינער אַליין מיט אַ פערקוועטשטען שטערן, עפּיס ווי אַ מענש פאַר זיך. און פלעגט ער בלייבען אַליין האָט מען געהערט דאָס קריצען מיט די צייהן ווי ווייט — אַ מענש דרעהט זיך אויף און אָב ווי אַ משוגע'נער און קריצט צו זיך אַליין מיט די צייהן — וואָס קען דאָס זיין מיט איהם?

אַננאַ: ווער קען דאָס וויסען — ס'לעבען ווערט דערעסען. און עללישקאַ'ן, נעביך, איז אויך נישט דאָ וואָס מקנא צו זיין. ס'איז איהר אויך אַזוי טרויעריג אויפ'ן האַרץ ווי מיר ... אין אַנ'אַנדערע שטאָדט וואָלט דאָך אַזוינס געלעבט, און דאָ היע ווייגט עס נאָר אָב די טעג.

אַדאָלף: וואָס איז איהר?

אַננאַ: וואָס קען מען דאָ היע וואהלטאָגען — וואָס קען מען דאָ היע געניסען, אַז מיט קיין יונגען מענש קען מען נישט און ס'איז נישטאָ וואו צו פערברענגען. און אַזוי ווי דאָס שמוץ איז אויף דער גאַס, אַזוי איז אויך אויפ'ן האַרץ. ציז האָט אונזערס אַ מיידעל, אַ זעלכע אַ שטייגער, ווי איך, נאָך איין מאָל פערברענגט אַזוי, ווי עס וואָלט איהר ליעב און טהייער געווען? אָדער אַזאַ עללישקאַ — וויפיעל וואָלט זי בעזוכט קלובען, אָדער אַנדערע פערוויילונגס-ערטער, אַז צו איהר וואָלט אַריינגעקומען אַזאַ שטייגער יונגער מענש ווי דן, נאָר אַז דאָס וואָלט געווען אין אַ גרויסער שטאָדט ...

אַדאָלף: אָבער ליעבע אַננאַ, איך איז דאָ „סקוטשנע?"

אַננאַ: און וואָס פרעגט איהר, גוטער אַדאָלף ... ציז מיר איז דאָ „סקוטשנע!" ... אוי גאָט, מיין גאָט — — ס'איז עפּיס גוט אַרויסצוקוקען טיילמאָל ביי נאַכט דורכ'ן פענסטער צו זעהן ווי גליטשיג און נאַס עס איז, צו הערען דאָס פייפען פון ווינד אויף דער גאַס, אַז עס כאַפּט אַזש ... און דערצו נאָך, ווען ערגעץ ציטערט צו אַ האַלבע אויסגעבראָכענע שויב פון אַ שטיבעל, וואו אַ שטיל אומעדיג פייערל קוקט אַרויס? —

אַדאָלף: אָבער וואָס ווילט איהר, ליעבע אַננאַ?

אננא: ס'איז מיר א גרויס חידוש, ליעבער אדאלף — איהר זענט דאך יא נישט געבוירען אין דעם היעגען קעסעל־גרוב, אין אזא פינסטערניש, אז איהר זאלט נאך פרעגען וואס איך וויל... און אייך אליין איז דען נישט פערמיאוסט דאס היעגע לעבען?

אדאלף: הערסט דו, דאס שריי איך דאך שוין פון לאנג, אז דא היע איז קיין לעבען נישט — אבער צי איהר ווילט דען אויך אזוי?...

אננא: אה, ליעבער אדאלף, צי איך וויל אויך אזוי?... נאר לאזט מיך בעסער אב... איך זעה שוין, אז מיר איז אזוי בעשערט דאס לעבען צו פערברענגען... מיר איז שוין אזוי בעשערט, אז ווען איך וועל מיך אויפכאפען מיט'ן טאג צוגלייך, ווען די ליכטיגע זון טרעט נאר ארויס די וועלט צו דערפרעהען, ווען א פויגעלע אויפ'ן צווייגעל וועקט זיך ערשט און די גאנצע וועלט רוהט נאך פון שטילקייט — זאל מיך שוין דורך מיין פענסטער בעגעגנען דאס געזויש און האקען פון רעדער אויף דעם שטיינערנעם ברוק פון גאס. און אז איך געה גאר ארויס אויפ'ן באלקאן אב צו שעפען א ביסל פרייערע לופט — שטעהט מיר שוין הינטען א יוד פון אויבם מיט א געלער בארד, ווי אנ'אשמדאי — ארום זיין וואגען שטעהען שוין בעלעגערט ווייבער, און ער מאכט אזוינע קולות, אזוינע געוואלדען, אז איך מוז שוין צוריק אריינגעהן אין שטוב און איינזעצען זיך אויף א גאנצען טאג, ווי איהר זעהט אמאל א הוהן, וואס מען פערשפארט זי הינטערן קוימען מיט'ן קוימען־ברעטעל, נאר דערשטיקט צו ווערען.

אדאלף: נו, טא טהוט זשע עפיס, ליעבע אננא — איהר ווילט? — —

אננא: אך, ווער וועט מיר העלפען, ווער וועט מיר טהון? עללישקא'ן א שטייגער, איז דאס נישט קיין נויט צו ליידען — צו איהר קומט אריין א יונגער מענש אין שטוב, אזא דן, וואס וואלט זי ארוסגענומען אין א גרויסער שטאדט, ווען זי פערלאנגט עס נאר... און זיך דארט בעזעצט מיט איהר. אבער מיר, מיר?...

אדאלף: אבער איהר ווילט, איהר פערלאנגט?

אננא: נו וואס קומט דערפון...

אדאלף: וואס קומט דערפון?... איהר ווייסט, פריילין אננא, וואס איך וועל אייך זאגען, אז איך וואלט אויך געשלאגען מיט דער היעגער שטאדט פאר א כפרה.

אננא: איהר?

אדאלף: ווי איהר זעהט מיך לעבען!... איך וואלט מיך אויך בעזעצט אין אגרויסער שטאדט. וואס איז, איך בין נישט דער אייגענער פלאקען־שיסער, וואס דן? מיין פארשוין צאהלט נישט? האט נישט קיין מורא — איך וואלט נאך נישט פערפאלען געווארען אין ערגיץ.

אננא: אבער אייער פעטער, וואס וואלט געזאגט?

אדאלף: מיין פעטער — זעהסט דו, אגרוים געשעפט האב איך דא מיט איהם.

אננא: אבער וואס וואלט איהר איהם געזאגט, ווען ער פרעגט אייך, וואו איהר פאהרט — איהר ווייסט, ער איז דאך היינט ווי אייער „אפוטרופס", אז אייער מוטער האט אייך אהער געשיקט שטודירען...

אדאלף: וואס פאר א שטודירען? — איך האק איהם די ציינער! ער וועט מיך פרעגען וואוהין איך פאהר! פאר מיין לעבען, פאר מיין געברויך וועט זיך מיר ווער אקעגען שטעלען?

אננא: נו זאגט איהר, אז נישט!

אדאלף: ווי הייסט, אז יא?!

אננא: נו שא'ט, שא'ט, ליעבער אדאלף — נאר מיט גוטען.

אדאלף: איך ווייס נישט פון אזעלכע גליקען — — ביי מיר אז פאהרען איז געפאהרען — און נאך קיינעם נישט געפרעגט.

אננא: נו דענקט איהר עס נאך היינט צו וויסען געבען אין שטוב?...

אדאלף: נאך היינט — — שוין, איך געה שוין!...

אננא: נו, גוט, ליעבער אדאלף. איך וועל אויך דארט נאך היינט זיין, וועל איך אייך בעהילפיג זיין, אויב איהר ווילט...

אדאלף: אך, מיט דעם גרעסטען פערגעניגען, פריילייין, איך בעט אייך.

אננא: איך דענק, אז עס וועט גאר נישט אזוי שווער זיין, מען וועט נאך קאנען אפשר אויסמיידען, אז מען זאל זיך גאר נישט דארפען אנזאגען אן אייער פעטער...

אדאלף: זאל זיין יא אנזאגען — וואס פרעגט איהר נאך איהם?

אננא: אבער איך וויל נישט, אז עס זאל זיין א גערודער — איך וויל נישט, אז עס זאל גאר עמיצער וויסען — איהר פערשטעהט...

אדאלף: טאקי?

אַנגאַ: אַוודאַי אַזוי, איך האָב שוין געשמועסט מיט עלליִשקאַ'ן אויף וועגען דעם, אַז עס זאָל זיין שטיל, בסוד...

אַדאָלף: טאַקי?

אַנגאַ: און ס'איז דאָ אַ מיטעל — אַזוינע זאַכען טהוט מען נישט הויך. נאָר ביי נאַכט, אָהן אונטערשיִעד אין וועלכער שעה, דאָס ווענדט זיך נאָר אויף ווען מען וועט אָבשמועסען... וועט מען בעשטעלען אַ פוהרמאַן צו דער באַהן — און ווען עלליִשקאַ'ס פאָטער וועט שלאָפען וועט איך עלליִשקאַ שוין העלפען די טהירען אויפמאַכען, די פוהר וועט צו־פאָהרען און זי וועט איך שוין די זאַכען אַרויס דערלאַנגען — אַ קישען דאָרט און אַ קאָלדרע און אַ טשעמאָדאַן... איהר פערשטעהט, אַזוינע זאַכען, וואָס מען בעדאַרף האָבען אין וועג אַריין.. דערנאָך וועט זיך עלליִשקאַ צוריק פערמאַכען די טהירען, שטיל, שעהן... און איהר וועט זיך אַוועקפאָהרען, אַז קיין האָהן וועט אפילו קיין קרעה נישט טהון.

אַדאָלף: אָט אָ דאָס וואָלט גוט געוועזען, דאָס וואָלט טהייער געוועזען, ווי איך בין אַ יוד... אָט אָ דאָס וואָלט געהייסען אָבגעטהון אַ זאַך אויף דער וועלט...

אַנגאַ: און מיט עלליִשקאַ'ן דאַרף איך מיך נאָך אַמאָל זעהן... נאָך אַמאָל רעדען דערפון...

אַדאָלף: און איך, איך זאָל אויך עפּיס רעדען מיט איהר וועגען דעם?

אַנגאַ: ניין, איהר זאָלט שווייגען.

אַדאָלף: נו שוין — גוט, גוט... נו געה איך שוין. הייסט עס, אַז ס'איז געענדיגט?

אַנגאַ: געענדיגט! (בעגלייט איהם אַרויס פון צימער, ביידע אָב).

זעקסטע סצענע.

אננא און דן.

(קומען אן פאר דער שיין פון א לאמטערן, ביי נאכט אין מארק).

דן: א פערשאלטענע נאכט איז געקומען אויף מיר.

אננא: מיך שרעקט זעהר... מען הערט שוין נישט קיין טריט פון קיין מענש.

דן: נישט שרעקט אייך — איהר זענט געווען מיט מיר אין מיין אומגליק פון אנהויב אן, זייט אצונד אויך.

אננא: וואו ציהט איהר מיך, דן?

דן: קומט צו פאר דער שיין פון לאמטערן.

אננא: זעהט ווי שטום די היינטיגע נאכט איז — ווי אלץ איז אויסגעשטארבען.

דן: דאס האט גאט אליין געוואלט אזוי — א פינסטערער שלאף זאל אויף דער וועלט קומען, אז מיין טהייערע זאל מיך קענען בעגנבה'נען מיט א רוהיג הארץ. שלאף וועלט! — זאל זיך מיין טהייערע נישט דארפען שרעקען פאר עמיצענס א שארך, פאר אנ'אונבעקאנטען טריט אונטער איהר לאדען, זיצענדיג ביי זיך אין שטיבעל און שפיעלענדיג אין ליעבע מיט מיין נישטיגען בעטריגער.

אננא: מיך ציהט עס אהיים, גוטער דן. מיך שרעקען אצונד דער ציגאנקע'ס רייד.

דן: נישט שרעקט — נישט די ציגאנקע האט מיך פערשאלטען און נישט די פינסטערע נאכט טרייבט מיך אזוי שפעט ביי נאכט פון דער היים ארויס — די ציגאנקע האט נאר געזאגט, דאס וואס זי האט געמוזט און אין דער היינטיגער נאכט געשעהט נאר אויך דאס, וואס מוז. גיט מיר דאס בריוועלע, אננא.

אננא: איך קען ערשט נישט צוקומען דערצו.

דן: איך וועל זיין שריפט דערקענען — פאר דער שיין פון דער לאמטער'ן וועל איך עס לעזען.

אננא: דאָס פלעמעל, ליעבער דן, צוטערט דאָך.

דן: צום בעשטעטיגען מיך אלס גענארטען און בעטריגטען פון איהר, ווערט עס גענוג זיין — ניט אהער דאָס בריוועל.

אננא: ליעבער דן — לאָזט אייך נישט אַזוי אריין אין דעם. דאָס בריוועל איז פילייכט נאָר גלאַט אַזוי אָנגעשריבען געוואָרען.

דן: גוט, נאָר גיט עס!

אננא: דאָס בריוועל איז נישט בעטראַכט, דאָס בריוועל איז אָהן אַ מיין אָנגעשריבען געוואָרען, ווי איינער זיצט אַמאָל ביי'ם טיש און מאַכט קייקעלעך פון ווייך ברויט, ס'איז אָהן אַ זינען.

דן: גיט עס, איך וויל זעהן דעם אונזין.

אננא: שווערט, אַז דאָס וועט אייך נישט אויפרעגען.

דן: זאָל מיין ליעבעטשקע עללישקאַ די נאַכט געטויט ווערען, אויב דאָס וועט מיך אויפרעגען.

אננא: דן — עס ברענט אַ פייער אין אייער הארץ!

דן: זאָל עס די נאַכט פערברענען מיין ליעבסטע, אויב דאָס וועט זיך שוין נאָך אַמאָל אָנצינדען!

אננא: נישט גוט איז מיר —— גאָט אין הימעל — צו וואָס האָסטו מיך אין אַזאַ פינסטערניש פערפיהרט. דן'שי, גוטען דן, וואָס איז זי דען שולדיג, אויב דאָס בריוועל איז אפילו פון זיין האַנד געשריבען? ציא איז זי אין זיינע געדאַנקען שולדיג?

דן: גיט דאָס בריוועל!

אננא: אָבער איהר זענט נישט אויפגערעגט?

דן: ניין!

אננא: איך מוז עס אייך געבען. קיין גוטס זעה איך שוין אַזוי ציא אַזוי נישט אַרוים. גרויסער גאָט אין הימעל! (גיט עס איהם. דן לייענט).

אננא: גרויסער גאָט אין הימעל, צו וואָס אַנ'אונרוהיגער מענש קען ברענגען — איך זאָל דאַרפען אַ סוד פון אַנ'איינענער חבר'טאָרין אויסגעבען.

דן: איך שווער אייך, אַז דער סוד בלייבט ווייטער סוד. קיין שטיין פון ברוק וועט דערפון נישט וויסען, אַז איהר גיט מיר וואָס איבער. מיר זענען אַצונד אַליין אין גאָטס פערשאָלטענער וועלט! (לייענט).

אננא: מען הערט די טריט פון די נאַכט-וועכטער...

דן: (לייענט) „ליעבע עללישקא — די בלומען, וואס איך האב איך געבראנגט צום צייכען, פון אונזער פריינדשאפט" — טויט און מארד!

אננא: שטילער, מען הערט די טריט פון די וועכטער.

דן (לייענט)... „האב איך געמיינט, אז דו וועסט זיי שטעלען אין דיין שלאף־צימער, און זיי וועלען דיר צושמעקען אין שלאף, אז דו זאלסט מיך אין שלאף אויך געדענקען"... אומגליק, אומגליק!

אננא: שא'ט־ט־ט...

דן: אומגליק און אומגליק — אה, דער גאטס־געשטראפטער נאר, א טויט איהם.

אננא: לייענט ווייטער, לייענט...

דן: „צום סוף האסט דו מיינע בלומען אזוי פערעפענטליכט... דו האסט אליין געזאגט, אז דו הימסט דיך פאר די שכנים, אפילו פאר די שטוב מענשען און אז קיינער זאל נישט וויסען פון אונזער זעהן זיך...

אננא: ס'הייסט פערבארגען זעהן...

דן: פערבארגען זעהן... פערבארגען... און צום סוף, צום סוף... (ווארפט דאס בריוועלע אן דר'ערד) א טויט איך מיינע בעטריגער!

אננא: און בעקוקט זשע גוט דאס שריפט!

דן: זיין שריפט — וואו איז דאס בריוועלע געלעגען?

אננא: אין איהר זשאקעטעל — זי האט עס ביי אונז אויסגעטהון און דאס איז איהר פון קעשענע ארויסגעפאלען — אז איהר נויט מיך שוין יא!...

דן: א, ווער פערשאלטען, גאטס נאכט און בלייב הענגען איבער מענשענס קעפ!

אננא: דן — מיך שרעקט עס, מיך ציהט עס צוריק אהיים.

דן: וואס האט איהר זיך צו שרעקען — נארישע, עס קען דאך די נאכט גאר נישט געשעהן. איהר זעהט, ווי שטום, ווי פינסטער די נאכט איז? מיין טהייערע שלאפט דארט גאנץ בערוהט! וואס איהר פאלש הערצעל האט אגאנצען טאג געטראכט האט די נאכט מיט איהר פינסטער־קייט פערהילט. און אין שטוב אונטערן שלאס שלאפט זי זיך אצונד גאנץ רוהיג. פאר וועמען האט זי מורא? — און שרעקט איהר אויך נישט, גוטע אננושקא — עס וועט גאר נישט זיין...

אננא: קומט אוועק פון דאנען, גוטער דן.

דן: ניין, אננושקא — מיר זענען איינע אליין אין דער היינטיגער נאכט. איך וועל צוגעהן אונטער איהר לאדען הערען מיין געליעבטערס

שטילען אטעם, און דאס שטילע לײדענדע זיפצען פון שלאף ארוים — איך האב שטארק חשק דערצו!

אננא: נישט גוט איז מיר — גוטער דן!...

דן: מיך ציהט עפּיס...

אננא: די װעכטער פון דער נאכט װעלען אונז טרעפען...

דן: קומט מיט מיר אונטערן לאדען פון מײן געליעבטער... איך װיל הערען צי שלאפט זי רוהיג. צי זעהט זי איהר געליעבטען אין חלום א שלאנקען, א פרעהליכען, אדער א ליעגענדיגען אויף דער ערד אין בלוט אײנגעטונקען.

אננא: גאט אין הימעל — װאס רעדט איהר, דן!

דן: גאר נישט, טהײערע אננושקא. איך װיל נאר הערען, װי אזוי מײן געליעבטע שלאפט.

אננא: דערבארעמט איך, דן — פיהרט מיך צוריק אב אהײם.

דן: דא שטעה איך! דא זאלען מײנע פיס צוגעשמידט װערען, ביז דער מארגען װעט נישט אויפװאכען. אז איך זאל קענען מײן געליעבטער א קוק טהון אין פנים ארײן. דא שטעה איך!

אננא: איהר װעט זי זעהן, מארגען. איהר ציטערט דאך אין גאנצען, דן!

דן: איך ציטער נישט, ליעבע אננא. מײן האנד װעט קײן אײן ציטער נישט טהון, אויסגעשטאהלט איז זי שוין.

אננא: גאט דערבארעמדיגער! פון װאס רעדט דער מענש! הא? —— ש-ש-א... דאכט זיך מען פאהרט!... (עס הערט זיך א רודערן פון א װאגען איבער די שטײנער פון ברוק פון יענער זײט מארק). מען פאהרט! נישט גוט איז מיר! (עס הערט זיך א בלײבען שטעהן פון א פוהר און א פוהרמאן מיט א קאפטער אויפ'ן קאפ בעװײזט זיך געהענדיג צו ה' רײנערס טהיר).

דן: אננא, װאס זאל דאס בעדײטען?

אננא: נישט גוט איז מיר

דן: װאס איז דאס אננא?

אננא: דן'שי —— קרוין — פרײנד!..

דן: אננא, װאס איז דאס?

אננא: שא—א—ש—ש..טי--ל—ער... (די טהיר פון ה' רײנער מאכט זיך לאנגזאם אויף, עס פאלט א ליכטיגער שײן איבערן מארק און עללישקא'ס קעפעל שטעקט ארויס אין דער נאכט ארײן. אננא ציהט דן'ען אונטער א װינקעל-הויז ארונטער). פון דאנען װעל'מיר זעהן װאס עס װעט זײן...

נאָר געדולד, געדולד, דן'שי... צו פערכאַפּען וועט נאָך שטענדיג צייט זיין... נאָר געדולד, דן'שי...

אַדאָלף (שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון אונטער עללאַ'ן).

עללאַ: ס'איז שטיל, מען הערט נישט קיינעם.

דן: ס'איז שטיל, שטיל, מיין ליעב...

אַננאַ: דן, האַלט איך, ווי גאָט איז איך ליעב, פערליערט איך נישט. איהר וועט זי נאָך מאָרגען אויך האָבען.

דן: איך וועל זי האָבען, איך וועל זי...

אַדאָלף: מען הערט נישט קיינעם...

עללאַ: ניין (עס הערט זיך דעם וועכטערס טריט) שאַ—אַ—— מען געהט...

אַדאָלף: ווער געהט?

עללאַ: דעם וועכטער הערט מען...

אַדאָלף: ער געהט שוין אַרונטער אונטער דער מויער...

עללאַ: ש—ש—אַ... (צום פוהרמאַן) צי דאָס געזעס איז געמאַכט?

פוהרמאַן: געמאַכט...

דן: אַ דונער און אַ בליץ!

אַננאַ: געדולד, געדולד —— מאַנספערשוין!

עללאַ: אַדאָלף, טראָגט אַרויס די זאַכען...

אַדאָלף (טראָגט איינגעבויגענערהייד דורכקריכענדיג אונטער עלליִשקאַס אָרעם, וואו זי שטעהט מיט ביידע הענד אויסגעשפרייט די טהירען צו פערהאַלטען — אַ קאָלדערע, אַ קישען, וואַרפט זיי צום פוהרמאַן. דער פוהרמאַן טראָגט זיי אַרונטער צו דער פוהר, אַדאָלף קעהרט זיך אום, קומט ווייטער אַרויס מיט אַשווערען רייזע=טאַש און אַ פלאַשטש).

דן: אָה, איך האָב פערשפּיעלט מיין וועלט. פאַלען וועט מיין געליעבטע פון מיין אייגענער האַנד! (טהוט זיך אַ ריס פאָראויס).

אַננאַ (פערהאַפּט איהם): דן, איך בין פערלוירען —— ראַטעוועט! האָב געדולד —— נישט אַזויערנאָך, איך לויף, צווישען די וועכטער וועט מען זיי פערהאַלטען...

דן: ניין. איך וועל זי נאָר פרעגען וואו זי לויפט מיט אַדאָלף'ן—— אַננאַ! איך וועל זי נאָר פרעגען פאַר וואָס מיין געגענוואַרט איז איהר אַזוי ענג געוואָרען, אַז זי מוז לויפען מיט איהר געליעבטען.

אַננאַ: דן, נעמט שעכט מיך, הרג'עט מיך... לאָזט מיך —— איך וועל זי אָבראַטעווען —— דן, דן!..

ד ן : וואָס טויג זי מיר שוין, וואָס טויג זי מיר שוין... (רײַסט זיך אָב פון איהר, געהט אוועק).

אַ נ נ אַ (אין מאַרק אַרײַן): מען גנב'עט!.. מען גנב'עט!.. געוואַלד—ד־—ד—ד—ט! (פערשווינדט). ————————————

ד ן (פון אונטער דער סצענע): וואָס טויג זי מיר שוין, וואָס טויג זי מיר, וואָס טויג זי מיר!..

עס ווערט אַ געריש, עס הערט זיך אַ געפײַפערײַ פון אַ סטראַזשניצקע פײַפעל, אַ געלויף פון נאַכט־וועכטער, דער פוהרמאַן שמײַסט צוריק די זאַכען אויפ'ן פלאַץ אַרויס, עס הערט זיך אַן'ענטלויפען מיט'ן פערד און וועגעלע פון מאַרק אַראָב. וועכטער מיט שטעקענס אין די הענד און איין פּאָליציאַנט קומען אָן צו לויפען.

(פאָרהאַנג פאַלט).

ענדע פון צווייטען אקט

דריטער אקט.

ערשטע סצענע.

פאַר אַ וואַלד אַ גרויס פעלד. דן און עללאַ קומען אָן.

דן: דאָ קענען מיר שוין בלייבען שטעהן.
עללאַ: לאָמיר זיך זעצען, דאָס גראָז שמעקט דאָ אַזוי.
דן: דו ווילסט זיצען?
עללאַ: יאָ. דאָ איז אַזוי שעהן, אַזוי ליכטיג!
דן: צי דער טאָג איז היינט אַזאַ שעהנער?
עללאַ: אַ גאָלדענער טאָג.
דן: און קענסט דו דיך ריכטען, אַז אין היינטיגען טאָג איז אַ שוואַרצער פלעק אויף דער זון?
עללאַ: ניין, דן׳שי... די זון פינקעלט אין בלאָהען הימעל ווי אַ גאָלדענער טעלער.
דן: איז זי נישט שוואַרץ?
עללאַ: ניין.
דן: נו קום אַ ביסעל ווייטער.
עללאַ: דן, וועגען וואָס פרעגסט דו דאָס אַלץ?
דן: וועגען גאָר נישט.
עללאַ: ס׳איז גאָר נישט?
דן: גאָר נישט. קיין לאָך אין הימעל אודאי נישט.
עללאַ: דן, עפּיס רעדסט דו היינט מיט מיר אַנדערש...
דן: קום מיט מיר אין עק וועלד׳ל.
עללאַ: צי דיר איז נאָך נישט בעסער, דן,... דו קוקסט ווייטער אַזוי בעז...
דן: קום!
עללאַ: עפּיס האָט דאָרט דאַכט זיך מיר, אין דער לופט אַ ציטער געטהון...
דן: דאָס איז אַ פויגעל אַראָבגעפלויגען פון אַ צווייג. האָט אַ ציטער געטהון דער גלאַנץ פון די פליגלען קעגען דער שיין פון דער זון.

עללאַ: מיך שרעקט.

דן: קום!

עללאַ: איך וועל דאָרט אהין נישט צוגעהן... דאָ איז בעסער צו זיצען...

דן: קום, דאָרט קיהלט דער שאָטען.

עללאַ: אין יענעם שאָטען איז אַמאָל געלעגען אַ גע'הרג'טער...

דן: קום! דאָרט איז טונקעלער...

עללאַ: מיך שרעקט יענע אָרט... דאָ איז ליכטיג, דאָ איז שעהן.

דן: נו זעטיג דיך דאָ מיט דער שעהנקייט, זאָל זיין דאָ.

עללאַ: מיך שרעקען שטענדיג אַזעלכע ערטער, ווי דאָרט איז. מען זאָגט, אַז אַנ'אָרט איז טייל מאָל אַ גורם... מען דערצעהלט אַ מעשה פון אַ יוד אַ סוחר, וואָס איז אַמאָל פערביי געפאָהרען מיט אַ גוי-ישען פוהרמאַן פאַר אַ וועלד'ל — האָט זיך דער גוי אָבגעשטעלט און גע-וואָלט דעם יוד דערהרג'נען... כאָטש ער האָט גאָר נישט געהאַט צו איהם.

דן: נאָר דיר איז דאָך דאָ אַליין אַיינס, צי פאַר'ן וועלד'ל צי אין וואַלד, דו ווילסט נישט געהן?

עללאַ: ניין, דן. וואָס איז דיר דן'שי, וואָס דו קוקסט נאָך אַלץ אַזוי בעז?

דן: אָ, מיין געליעבטע קינד, מיר איז גאָר נישט... (פויזע).

עללאַ: און פאַר וואָס זשע איז דאָ עפּעס אַזוי שטיל געוואָרען אַרום און אַרום — און איך ווייס נישט ווער עס קוקט עפּעס אַזוי בעז, צי דו, צי דער וואַלד... דן'שי!

דן: דאָס קוקט דער וואַלד אַזוי בעז. און זאָל ער שרעקען דיך מיט'ן טויט פון אונטער די טונקעלע בוימער אפּער!

עללאַ: דן'שי, פאַר וואָס?

דן: און זאָל ער נישט קענען פערטראָגען די טריט פון פאַלשע מענשען נעבען זיך!

עללאַ: דן! צי דאָ האָט היינט נישט עפּעס צו געשעהן? דן, קום אוועק פון דאנען.

דן: עלליִשקא, מיין טהייערע! איך וועל פאַר דיר נישט פערבאָרגען: דו ביסט און בלייבסט מיין הערצענס-געליעבטע ביז אין דעם איצטיגען שטעהן דאָ אויף דעם אָרט... דו זעהסט ווי שעהן ס'איז אויף דעם אָרט?

עֶללאַ: נו זאָג מיר ווייטער, ליעבער דן.

דן: ניין. איך וועל דיר נישט זאָגען.

עֶללאַ: דו שווייגסט? — נאָר וואָס קוקט פון דיינע אויגען אַרויס — אוי גאָט ליעבער?

דן: זיין!

עֶללאַ: איך בין אונרוהיג, דן.

דן: דו האָסט נאָר איין מינוט אַנ'אונרוהיגע דערלעבט — און דו רייסט דיך שוין, נשמה'לע מיינס!

עֶללאַ: דו ליעבסט מיך נישט!

דן: איך ליעב דיך!

עֶללאַ: נו פאַר וואָס זשע איז אַזוי שטיל געוואָרען, דן, מיך שרעקט. זעה נאָר ווי שטיל ס'איז אויפ'ן פעלד.

דן: ס'איז מיטאָגס־שטונדע — די פויערן זענען אוועק מיט די אָקסען אַהיים.

עֶללאַ: אָבער דו ליעבסט מיך?

דן: איך ליעב דיך!

עֶללאַ: און וואָס קוקסט דו אַלע מאָל אַזוי אַרום זיך, וואָס זעהסט דו דאָרט אין וואַלד? דו פערבאָרגסט פון מיר עפּיס — דו ליעבסט מיך נישט.

דן: שטיל, לייקען נישט מעהר אַ וואָרט.

עֶללאַ: דו בּיסט שרעקליך, דן! קום מיט מיר נעהנטער צום ישוב...

דן: איך בין שרעקליך.

עֶללאַ: מיך גראָזשעט דער טויט

דן: שטאַרב! (נעמט אַרויס אַ מעסער) בלוטיג זון! פערגעה אין בלוט היינטיגען פאַר נאַכט!

עֶללאַ: אוי... (פאַלט אין אָהנמאַכט).

דן (וועצט זיך קעגען איבער, לעגט דאָס מעסער נעבען זיך): בערוהיג דיך הארץ מיינס — דו זעהסט דאָס בלייכע פּנים'ל פון דיין בעטריגערין? שטעה אויף מיין בעטריגערין — איך וואַרט אויף דיין לעצטען הויך. שטיל מיין האַרץ, זעטיג עס מיט דיין שוואַרץ בלוט! וואַש דערמיט מיינע פינסטערע געדאַנקען. שטעה אויף, ראָזע ליפּעלעך, דו — שעפּטשע שוין מעהר נישט אין שלאָף וועגען זיסע חלומות. דו וועסט שוין קיינמאָל דיין אַדאָלף'ן נישט דערגרייכען. קיינמאָל וועסט דו שוין אין זיינע אָרעמס

ניִשט ליִעגען — אַט דאָס מעסער שנײַדט איבער אַלץ, וואָס צווישען דיר און איהם — און דער טויט וועט דיַין בלאַס פּנים'ל אין זיַין פיִנסטערן שאָטען איינהיִלען — און פערדעקען פון איהם אויף אייביִג — — שטעה אויף! דו וועקסט דיך?...

עללאַ: וואו איז מיַין דן?... אַך, דן!...

דן: איך בין דאָ נעבען דיר — וואָס, דו וועקסט דיך?

עללאַ: דו ביִסט עס דן? אַך, דן...

דן: דיר האָט זיך עפּיס געחלומ'ט?

עללאַ: וואו בין איך? — —

דן: דיר האָט זיך עפּיס געחלומ'ט?

עללאַ: דו ביִסט בעז, דן? פיִהר מיך אָב אַהיים צו מיַין טאַטען.

דן: צו דיַין טאַטען?

עללאַ: דן'שי... אַהיים צו מיַין טאַטען. איך האָב מיך אָן איהם ניִשט אָנגעזאָגט, אַז איך בין אַוועק פון דער היים.,. דן'שי, צי מיִט מיר טהוט זיך דאָ עפּיִס?

דן: צי דיר האָט זיך עפּיס געחלומ'ט?

עללאַ: מיִר האָט זיך געחלומ'ט — דן'שי... איך ציִטער אין גאַנצען. דן'שי, ס'איז דאָך אין מיִטען טאָג, וואָס טהו איך דאָ, וואָס טהו איך ביַי'ם וואַלד?

דן: דו האָסט דיך ניִשט געזעגענט אין דער היים?

עללאַ: איך, דן, קוועהל מיך ניִשט... צו וואָס האַלסט דו מיך דאָ — מיִר האָט זיך געחלומ'ט, אַז דו האָסט אַרויסגעחאַפּט אַ מעסער און דו האָסט מיך דערשטאָכען — און דאָס בלוט שאָרוועט אַזוי גיך פון מיַין זיַיט אַרוים — און איך ליעג אין אַ טיַיך בלוט און דאָס ווערט אַזוי פערגליִווערט אַרום מיִר, און די זון באַקט אַזוי, באַקט איבער מיַין פּנים — נאָר איך קען מיר קיין ריִהר ניִשט טהון... — דן'שי, דאָס האָט זיך מיִר נאָר געחלומ'ט?

דן: אַז איך האָב דיך דערשטאָכען?

עללאַ: יאָ...

דן: בלוטיִג זון! פערגעה אין בלוט. — אַך, אַ פיִנסטערע וועלט, עללישקאַ, האָט מיך אַרומגעהיִלט.

עללאַ: דן'שי... וואָס ווילסט דו האָבען? די זון שיַינט דאָך אַזוי ליִכטיִג!

דן: דו ציִטערסט?

עללא: אַך, דן (דערזעהט דאָס מעסער אויפ'ן גראָז ליגען) דו האָסט מיך געשטאָכען? (רייסט פון זיך דאָס בלוזקעלע) דן, איך בין געשטאָכען!!...

דן (הויבט אויף דאָס מעסער): דו ביסט נאָך נישט געשטאָכען.

עללא: האָסט מיך אַרויסגענומען פון מיין טאַטענס הויז, פון מיין היים אַרויס, וואָס פאַר אַתירוץ וועסט דו מיין טאַטען זאָגען? האָב רחמנות אויף מיין אַלטען טאַטען (וויינט).

דן: ניין, איך קען נישט — דו מוזט שטאַרבען.

עללא: דן'שי, האָט זיך אָן דיר עפּיס מתדבק געווען?

דן: גאָר נישט... נאָר דו מוזט שטאַרבען.

עללא: שרעק מיך נישט אומזיסט — איך בין נאָך אַזוי יונג, איך וויל נאָך לעבען.

דן: דו טאָרסט נישט לעבען מעהר.

עללא: ס'איז ליגען, ס'איז ליגען — — דו פּרובסט מיך!

דן: קיין איין פונק קאַטאָוועס. ליבע עללישקאַ — דיין לעצטע שעה האָט געשלאָגען.

עללא: דאָס מעסער שרעקט מיך — דו ליעבסט מיך נישט, דו ליעבסט מיך נישט!

דן: ביז אין מיין קבר — נאָר שטאַרבען מוזט דו!

עללא: אָ, ווי בעז דו קוקסט!

דן: האָסט דיך מיט קיינעם נישט געזעגענט אין דער היים?

עללא (וויינט): מיין שעה איז געקומען...

דן: געזעגען דיך כאָטש דאָ מיט די בעקאַנטע וועגלעך און שטעגלעך, וואָס דו פלעגסט אויף זיי אַרומשפּאַציערען — געזעגען דיך און דערצעהל זיי די מעשׂה, ווי דו האָסט בעטראָגען דיין געליעבטען — און בעט זיי מחילה פאַר דיינע פאַלשע שפּאַציער־גענג אין די ערטער.

עללא: איך בין נישט פאַלש געווען, דן, איך בין נישט פאַלש געווען.

דן: שווייג!

עללא: איך בין נישט פאַלש געווען.

דן: שווייג!

עללא: איך מוז שטאַרבען, איך מוז... טויט מיך כאָטש נישט דו דן — וואַרט ביז די נשמה וועט מיר אַליין אויסגעהן.

דן: איך האָב שוין גענוג געוואַרט אין די פינסטערע נעכט, און

אצונד וועל איך דיין טויט נישט פערקויפען אין מלאך המות'ס הענד אריין פאר אלעם טה־יערסטען אין דער וועלט. מאך דיך גרייט — אויב דו האסט עפּיס איבערצוגעבען צום טאטען דיינעם — אפשר האסט דו איהם עפּיס אנצוזאגען, פערשפּעטיג נישט — זאל עס נישט ווערען א פערפאלענע זאך.

עללא: זאלסט איהם זאגען, אז איך האב געמוזט שטארבען, ס'איז אזוי געוועזען גאטס ווילען. און אויב ער וועט דיך פרעגען: פאר וואס? זאלסט דו איהם ענטפערן, אז דאס האט זיין אונגליקליכע טאכטער צלייןן אויך נישט געוואוסט.

דן: ניין. דו וועסט ביי מיר אזוי נישט שטארבען. דו וועסט נישט שטארבען מיט'ן שקר אויף די ראזע ליפּעלעך. געשטעה דו אויך אין דעם, אז דו ביסט פאלש געוועזען!

עללא: איך ווייס פון גאר נישט...

דן: דו ווייסט פון גאר נישט?

עללא: פון גאר נישט.

דן: דו ביסט ריין פון פאלשע געדאנקען?

עללא: איך בין ריין.

דן: דו ביסט ריין פון אלדעם בעז?

עללא: איך בין ריין.

דן: דו ביסט ריין פון מיטהעלפען אדאלף'ן ענטלויפען, ווען א פינסטערע נאכט און א ווילסטער שלאף איז אויף דער וועלט געוועזען?

עללא: א! ——

דן: דו ציטערסט? — און דערפאר שטארבסט דו!

עללא: דערפאר? דערפאר?

דן: האסט נאך עפּיס צו זאגען, צו גריסען אננושקא'ן? מאטערן זאל זי זיך איהר גאנץ לעבען, ווייל זי האט שוין איינמאל דעם טויט אבגעהאלטען פון דיר און אונזערע ביידענס ליידען אויפגעהאלטען —— — דו האסט איהר עפּיס צו בעפעהלען? — זאג און שטארב, אדער שטארב אומגעזאגט.

עללא: מוז איך שטארבען?

דן: שטארבען.

עללא: מוזט דו זיין מיין מערדער?

דן: איך!

עללא: לאז זי געריסען און זאג איהר, אז איך בין פערפיהרט געווארען דורך א בלינדע האנד — איך ווייס נישט פון וועמענס און איך ווייס נישט פאר וואס.

דן: דו ווייסט נישט? בעטריגערין! ווער פערוועלקט מיט דיינע בלומען. איך האב דיין בריוועל געלעזען — איך האב דיינע בלומען געזעהן. איך האב פון קריגעל וואסער צו די בלומען בעשפריצען געהערט. און אצונד שטארב! (זעצט איהר דאס מעסער אין דער זייט). אצונד ווייסט דו שוין פאר וואס? ווער פערשטומט ליעב בעשעפעניש אויף אייביג. זאל דיין געביין מעהר צווישען קיין מענשען נישט קומען, מיט אייביג פערביסענע ליפען זאלסט דו דא ליעגען אונטערן הויהלען הימעל, וואס זאל אייביג אראבקוקען מיט א גרויזאמער שטילקייט אויף דיין קיילעכדיג קערפער'ל, ווי אויף א שטומען עדות צו אונזער ליעבע, וואס האט זיך דא אונטער דעם וועלד'ל געענדיגט. (פרובט זי מיט דער האנד) זי איז טויט... (קוקט זיך ארום) אצונד האט אלץ א סוף גענומען — דער בעזער טאג איז געקומען! דו וועסט ליעגען פערשטיינערט, און איך וועל לויפען מיט א שטורמישען קאפ אין דער וועלט אריין אונטער א פרעמדען הימעל, אונטער א פערשאלטענעם הימעל. אדיע מיין געליעבטע, אדיע מיין בעטריגערין! האסט ביי'ם לעבען פערביסען דעם אמת צווישען די ציינער, געשטארבען בימט דו מיט דעם שקר אין בויך — זאלען איהם אצונד די שווארצע קראהען פון דעם בויך ארויסלעכערן און צושלעפען איהם צוזאמען מיט דיינע קישקעס איבער די דעכער, וואו מענשען וואהנען, אז גרויס און קליין זאלען זעהן דיין סוף. אדיע. איך לויף שוין פון דיר!

קארטען-לעגערין (קומט ארויס פון וועלד'ל): צי האט עס דא אנ'אקס אין פעלד געמרוטשעט, צי האט עס א מענש אונטערן וואלד דא געשטורמט — איך האב וואס געהערט, איך האב וואס געהערט.

דן: ווער בימט דו אלטע מכשפה?

קארטען-לעגערין: דאס בימט דו?

דן: ווער בימט דו?

קארטען-לעגערין: דו דערקענסט מיך שוין גאר נישט?

דן: ניין, איך קען דיך נישט, אוועק פון דאנען!

קארטען-לעגערין: האסט דאך מיך אליין אויפגעזוכט צום ערשטען מאל פון מיין פערבארגעניש — און דאס צווייטע מאל בעווייז איך מיך שוין אליין.

דן: שוין צו שפעט, שוין צו שפעט. אצונד וועל איך לויפען אין דער וועלט אריין!..

קארטען-לעגערין: און זי? (ווייזט אויף עלדושקא'ן).

דן: ס'איז געשעהן דיינע בעזע רעד. פעך און שוועבעל איז אין דיין מויל געווען אין יענער בעזער מינוט — און אצונד וועל איך לויפען!

קארטען-לעגערין: פאר וועמען, פאר דיר אליין? וואו וועסט דו לויפען, מענש — האסט געטויט א מענש?...

דן: און אצונד וועל איך לויפען. איך האב געטויט... איך וועל זי בעדעקען מיט צווייגען פון וואלד, איהר פנים פון מיר פערשטעלען — און איך, איך וועל לויפען, איך וועל לויפען!

קארטען-לעגערין: הא-הא-הא — — זיין געליעבטערס פנים וועט ער פון זיך פערשטעלען — — —

דן: אוועק! זי איז נישט מיין געליעבטע — — אוועק פון מיר! — מיין בעטריגערין איז זי!

קארטען-לעגערין: און ווער איז דיין פריינדין?

דן: די פון וועלכער איך קום.

קארטען-לעגערין: פון דיין פריינדין קומסט דו נישט, מיט דיין פריינדין ביסט דו געקומען.

דן: ניין, נישט מיין פריינדין — איך האב זי געטויט!

קארטען-לעגערין: פאר וואס?

דן: פאר'ן אמת!

קארטען-לעגערין: הא-הא-הא — — פאר'ן אמת! — — —

דן: פאר'ן אמת, פאר'ן אמת! אוועק פון מיר, אוועק!

קארטען-לעגערין: דו קוק נאר מיר גלייך אין די אויגען.

דן: אין דיינע אויגען איז א פינסטערער לעערער אבגרונד, א פינסטערע ווייטקייט אין דיין הוילען אלטען שארבען, פינסטער ווי דער צווייפעל אליין.

קארטען-לעגערין: פאר'ן אמת?...

דן: אוועק פערשאלטענע! — דו קענסט רעדען מיט טויטע — פרעג זי דו.

קארטען-לעגערין: ניין, דו פרעג זי.

דן: איך נישט. איך נישט (פרובט זי:). איהרע ליפען זענען פערשלאָסען, פערשלאָסען אויף אייביג —— ——

קאָרטען־לעגערין (מיט אַ שפרונג): הימעל און ערד, איהר זאָלט שווייגען — בוימער אין וואַלד זאָלען שווייגען, און איהר זאָלט זיך נישט קיין בויג טהון, נישט אויף לינקס, נישט אויף רעכטס, קיין איין צייכען פון אַזוי אָדער אַזוי זאָלט איהר נישט געבען; אפילו קיין צווייגעל אויף קיין בוים זאָל זיך נישט בעוועגען און קיין ברעטעלע זאָל קיין ציטער נישט טהון אין דער לופט — נאָר אַ פערשטיינערט שווייגען זאָל הענגען צווישען הימעל און ערד (צו דן'ען) און דו מאַטער דיך אייביג. — אַצונד לויף!

דן: איך לויף, איך לויף! (דערוואַטערט זיך).

קאָרטען־לעגערין: מיט אַ שטורמישען קאָפּ אונטער אַ גרויזאַמען הימעל. וואו דו וועסט טאָגען, דאָ זאָלסט דו נישט נעכטיגען, וואו דו וועסט דיך שטעלען זאָל די ערד דיינע טריט נישט פערנעמען, זאָל עס דיך ווייטער טרייבען — אין בעסטען דיין שלאָף זאָלסט דו דיך ווי פון אַ פייער אַרויס אויפרייסען און אין שרעק פאַר זיך אַליין זאָלסט דו וואַרפען אַ צומישטען בליק אַרום זיך מיט אַ ווילדען פינקעל אין דיין שוואַרץ־אַפּעל פון אויג און ווייטער לויפען. און טוּיזענדער בעזע געדאַנקען, ווי אַ מחנה שוואַרצע ראָבען זאָלען זיך דיר הינטען נאָך דיין קאָפּ נאָכציהען און פערשטעלען פאַר דיר די ליכטיגע זון אין שעהנעם העלען טאָג. און אַצונד, דיך אונשולדיגע, וועל איך מיט צווייגען און צווייגעלעך בעדעקען —— און מאָרגען בעגינען, ווען די ווייסע טוי וועט נאָך ליעגען אין פעלד, און אין ווייסען וועט שטעהן דער וואַלד איינגעהילט און דער הימעל וועט נאָך טונקעל פון דער הויך אַראָבקוקען מיט אַ בעזע אָנגעלאָדענקייט, ווי אַנ'אויפגעצויגענער שטערן אין דער אַרומיגער שטילקייט אַריין — וועט פון וואַלד אַרויספאָהרען אַ גוי מיט אַ קלאָץ אויף אַ ווייס פערד, דאָס פערד וועט שנאָרכען, אויפשטעלען די אויערן און פערבייפאָהרענדיג פאַר דעם קופּקעלע וועט דער פויער אַ שאַר טהון מיט דעם פוס און דערזעהן אַפערשטעקען אַ פּאָלע פון דיין קלייד — וועט ער דעם וואָגען אָבשטעלען, פערוואַרפען די לייטשעס אויף דעם קלאָץ, דיך אָבדעקען און צוריק צודעקען, און קומענדיג אין שטאָדט אַריין וועט ער פאַר אַ דעדעל מענשען, וואָס וועלען זיך אַרום זיין קלאָץ צונויפקלויבען — שמועסען וועגען דיין טויט. (געהט צום עק וואַלד. פון אונטערן וואַלד הערט זיך אַ שפּיעלען פון אַ פאַסטוכ'ס אַ פייפעל — און זי קלויבט צווייגלעך פון אונטער די בוימער).

קומט געפאלענע צווייגלעך, לעגט אייך אין מיין ארעם צונויף, מיט אייך
וועט איצט ווערען בעדעקט א גופ'ל א שעהנס, די נשמה איז געפלויגען
א ריינע אויפ'ן הימעל ארויף. א צארט יונג הארץ האט נישט לאנג נאך
געצאפעלט — און ס'איז שוין פערגאנגען אין בלוט — א מיידעל האט א
ליעבע געפיהרט און אויסגעלאזט האט זיך נישט גוט. א מיידעל האט א
ליעבע געפיהרט — נאר איהר ליעבער האט איהר נישט געטרויט — דורך
א שלאנג דורך א בעזע פערפיהרט האט ער זיין געליעבטער געטויט. דורך
א שלאנג דורך א בעזע פערפיהרט האט ער נישט געוואוסט, וואס ער
טהוט — א מיידעל האט א ליעבע געפיהרט און אויסגעלאזט האט זיך נית
גוט. און אצונד מיט אייך צווייגעלעך וועל איך זי פערדעקען, פערדעקען
מיט אייך איהר אונשולדיג בלוט (געהט צו און לעגט זי ארום מיט צווייגעלעך)
א מיידעל האט א ליעבע געפיהרט און אויסגעלאזט האט זיך נישט גוט.
(קעהרט זיך לאנגזאם צוריק אין וואלד אריין).

צווייטע סצענע.

א געפענגעניש אונטער דער שטאדט ביי א ברעג טייך.

אדאלף (קוקט ארויס דורך די קראטען): שוין דער דריטער טאג, זוי איך האב קיין לעבעדיגען מענש נישט געזעהן. די אויגען זענען מיר שוין פערטונקעלט געווארען פון קוקען אין דער ווייטקייט. אפשר וועל איך א בעקאנטען דערזעהן. נאר פערפאלען, מען זעהט נישט און מען הערט נישט. נישטא מיט וועמען א ווארט צו רעדען, וועמען א ווארט צו פרעגען, פאר וואס איך זיץ — וועמען האב איך פאר א שלעכטס געטהון? נישט גוט, נישט גוט האב איך מיך דערדיענט. נעכטען איז אין שטאדט געווען א חתונה — ערגיץ האט מען געשפיעלט, ערגיץ האט מען געפרעהט זיך און מיין אננושקא האט אוודאי געטאנצט, מיר האט דאס שפיעלען דאס הארץ אויסגעצויגען, נאר צי האט זי מיך איבער דער גאנצער צייט חאטש איינמאל דערמאהנט?... (פערטראכט זיך) אה, איך וואלט שוין אזוי נישט געלאזט, איך וואלט שוין א וואנט אויסגעבראכען — פון אויסעניווייניג קען א קליין קינד העלפען, אינעווייניג אבער איז מען געבונדען: די קראטען זענען גראב און די ווענט שטארק — באטש האק מיט'ן קאפ. גאט ווייסט אויף ווי לאנג מיין ביטערער גורל האט מיך פערווארפען אהער. דאכט זיך עמיצער געהט אהער?.. (פויזע) דן זאל דאס זיין?.. (דן קומט אן) דן!..

דן: איך בין עס!

אדאלף: פון וואנען קומסט דו, דן, דו האסט מיר אפשר א פרעהליכע בשורה אנצוזאגען?

דן: איך בין געקומען דיך בעפרייען, נאר צוויי ווערטער זאלסט דו מיר זאגען — דו זאלסט מיר זאגען, צי דו האסט עללישקא'ן געליעבט און צי זי האט דיך געליעבט, וואס איהר האט ביידע געוואלט ענטלויפען — און דו ווערסט באלד בעפרייט.

אדאלף: ווי אזוי ווערסט דו מיך בעפרייען?

דן: איך לויף שוין אוועק אין קאנצעלאריע דערוויזען, אז די

בּיסט נישט קיין גנב — נאָר אַז זי האָט צוזאַמען מיט דיר געוואָלט עֶנטלויפען.

אַדאָלף: אַז זי האָט צוזאַמען מיט מיר געוואָלט עֶנטלויפען?

דן: זאָג, וואָס קלערסט דו נאָך. זעה, אויף מיר ברענען די האָר.

אַדאָלף: ניין, דן — — דאָ איז שוין ווײַטער עפּיס... זי האָט צוזאַמען מיט מיר געוואָלט עֶנטלויפען?

דן: זאָג, זאָג — ס'איז דאָך געשטאַנען אַ פוהר פאַר ה' ריינערס הויז און איהר בעטגעוואַנד האָט די זאַכען אויפגעלעגט.

אַדאָלף: זי האָט נאָר מיר צוגעהאָלפען.

דן: אָה, ליגנער — אַ גרייטער טויט איז אָנגעגרייט פאַר דיינעט וועגען — זאָג, אַז זי האָט געוואָלט עֶנטלויפען מיט דיר, זאָג!

אַדאָלף: דן, האַלט דיך איין אַ ביסעל — דער כעס זידט דאָך דיר אין פּנים — און איך ווייס נישט, וואָס דו ווילסט פון מיר — איך ווייס נישט.

דן: איך וויל דיך בעפרייען, נאָר זאָג מיר, אַז זי האָט געוואָלט מיט דיר עֶנטלויפען.. עֶנטלויפען. זאָג!

אַדאָלף: דו ווּעסט מיך בעפרייען?

דן: בעפרייען — איך גיב דיר מיין גאַנץ לעבען אַוועק פאַר די צוויי ווערטער — נאָר דעם אמת זאָג.

אַדאָלף: דעם אמת?

דן: פאַר וואָס זאָגסט דו נישט?

אַדאָלף: זי האָט געוואָלט...

דן: ליגנער! — דו ווילסט איך זאָל דיך בעפרייען, איבער דעם זאָגסט דו וואָס איך וויל? ליגנער, זי איז געוועזען אַ ריינע נשמה!

אַדאָלף: נו, טאָ וואָס זשע דען ווילסט דו?

דן: איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר זאָגען צי האָסט דו זי געליעבט. ניין — זי דיך!..

אַדאָלף: דן, וואָס ווילסט דו האָבען?

דן: גאָט אין הימעל, וואָס פאַר אַ בראָך האָסט דו אין מיין האַרץ אַריין געשיקט — — גאָט אין הימעל, וואו איז דער אמת? אַדאָלף, זאָלען מיך די שאָטען פון טויזענדער געהרג'עטע מענשען נאָכיאָגען, וואו איך וועל געהן, וואו איך וועל שטעהן, זאָל יעדע נאַכט אין חלום אַ בלוטיגע מעסער הענגען איבער מיין קאָפּ, מיך שרעקען מיט טויט-שרעק און נישט דערשניידען

מיך. אויב איך שטאַרב נישט פאַר דיינעטוועגען, אויב איך ווער נישט דיין הונד, דיין קנעכט אויף אייביג — אבי נאָר צוויי ווערטער אמת'ע זאָלסט דו מיר זאָגען: האָט דיך עללישקאַ געליעבט? האָט זי דיך געליעבט?

אַדאָלף: ניין!

דן: ווי דו האָסט אַ גאָט אויף דיין לעבען?

אַדאָלף: ווי איך האָב אַ גאָט אויף מיין לעבען.

דן: איך גלויב דיר, איך גלויב דיר, אַדאָלף מיין ברודער. דו האָסט מיר אַצונד דעם ריינעם אמת געזאָגט. גאָט אין הימעל — אַן אונשולדיגע זעעלע!..

אַדאָלף: דן, וואָס פערדעקסט דו דיין געזיכט מיט די הענד — דן, וואָס איז מיט דיר געשעהן?

דן: ליעבער אַדאָלף, אַ בלינדע האַנד האָט מיך פערפיהרט... נאָר ניין, ס' איז נישט קיין אופן! וואָס דען איז געוועזען די פודר?

אַדאָלף: איך זאָג דאָך דיר, ליעבער דן — זי איז צוגעפאָהרען נאָך מיר. און עללישקאַ איז אַ געטריינע נשמה, זי האָט געוואוסט, אַז דער פאָטער וועט מיך נישט לאָזען אוועק, ווייל מיין מאַמע האָט איהם אַנגעזאָגט, אַז ער זאָל מיך נישט אוועק לאָזען — בין איך מיך געגאַנגען אַרויסגנבה'נען און זי האָט מיר געהאָלפען שטיל די טהירען אויפמאַכען און אַרויסגעבען די זאַכען, ווען דער פאָטער איז געשלאָפען.

דן: איך גלויב דיר, איך גלויב דיר — גאָט אין הימעל!

אַדאָלף: דן — וואָס ציטערסט דו אין גאַנצען — איך האָב דיך נאָך קיינמאָל נישט געזעהן אַזוי. מיט דיר איז עפּיס אַנ'אומגליק געשעהן — דערצעהל מיר, ליעבער דן, איך ווייס שוין נישט פון דריי טעג וואָס אויף דער פריי טהוט זיך!

דן: מיט מיר איז אַנ'אומגליק געשעהן (לאָזט זיך אַראָב אויפ'ן גראָז פאַר'ן פענסטער'ל. פויזע).

אַדאָלף: דן, וואָס זשע זיצסט דו אַזוי?

דן: איך זיץ און קלער, אַז איך וועל נישט קענען שטאַרבען, אַז איך בין דעם טויט נישט ווערטה, אַז דער טויט וועט מיך מיידען אַזוי גוט, ווי די רוה וועט מיך אייביג מיידען.

אַדאָלף: וואָס איז דיר אויפ'ן האַרץ, דן?

דן: גאָר נישט, ליעבער אַדאָלף... אַ מענש קען נישט שטאַרבען.

אַדאָלף: צי דו ווילסט שטאַרבען, דן?

דן: ניין, איך וויל גאר נישט. איך וויל נאר אזוי זיצען און קוקען אין דער וועלט אריין, וואו עס וועלען זיך איבערגריבען און וויעגען די בוימער און מיין פערשטיינערטער בליק זאל נאר איבער זיי הענגען — מעהר וויל איך גאר נישט.

אדאלף: דן, וואס האט מיט דיר פאסירט, דן, האב נישט קיין מורא מיר דיין סוד צו געטרויען.

דן: דו ווייסט, אז איך האב עללישקא'ן געליעבט?

אדאלף: איך ווייס — — און היינט?

דן: אוי רעד נישט... פון דעסטוועגען האב איך זי חושד געווען, אז זי ליעבט דיך!..

אדאלף: מיך?

דן: דיך!

אדאלף: און היינט, היינט ביסט דו שוין דערגאנגען?

דן: איך בין שוין דערגאנגען... דערגאנגען ביז אין דער שווארצער ענדע אריין!..

אדאלף: אוי דן, עפים דיינע רעד געפעלען מיר גאר נישט היינט, און דיינע אויגען — אויך נישט... דו ביסט עפים א שרעקליכע זאך בעגאנגען!

דן: און ווי אזוי ווייסט דו אויף איהר זאגען — — זי איז געווען אין גאנצען ריין, אונשולדיג?

אדאלף: זי האט דאך דיך געליעבט! נאר דיך!

דן (שפרינגט אויף): ניין ס'איז פאלש! זי האט מיך גענארט. זי האט דיך געליעבט, דיך מיין ערשטען און גרעסטען בעטריגער. און דער טויט, וואס האט ביי מיר דאס ליעבסטע פון דער וועלט אראבגעווישט וועט דיך אויך אראבווישען. דו וועסט שטארבען, דו ווייסט, אדאלף, מיט בלוט וועל איך מיין פערבלוטיגטע הארץ וואשען, אז עס זאל זאט ווערען פון בלוט! — — דו האסט נישט געשריבען איהר א בריוועלע? — — —

אדאלף: וועמען?

דן: איהר!

אדאלף: איהר?

דן: „ליעבע עללישקא! די בלומען, וואס איך האב דיר געברענגט האב איך געמיינט, אז זיי וועלען שטעהן דיר צוקאפענס אין דיין שלאף־חדר און זיי וועלען דיר צושמעקען אין שלאף, אז דו זאלסט מיך אין חלום אויך געדענקען“... נישט דו האסט דאס געשריבען?

אדאָלף: אֶמת — איך האָב דאָס געשריבען — —

דן: און דערפאַר איז דאָס אַלץ אַרויסגעקומען — — און דערפאַר זאָלען דיר צעהן טויטען אויף איין מאָל געשעהן.

אדאָלף: אָבער וועמען האָב איך דאָס געשריבען? — הער אוים, דן, אַז עס האַלט שוין בײַ טויטען בין איך גענויט דיר אַנ'אייגענעם סעקרעט פון האַרץ אַרויס צו זאָגען...

דן: נו, זאָג, זאָג!

אדאָלף: דאָס בריוועלע האָב איך געשריבען אַננושקאַ'ן...

דן: אַננאַ'ן? — — אָה, אַ גוטע קרענק דיר — ווילסט דיך ראַטעוועון און דו לײַקענסט?? און „ליבע עללישקאַ", וואו איז?..

אדאָלף: אויף אַננאַ'ס נאָמען האָט מיר נישט געטויגט צו שרײַבען, זי האָט זיך געהיט פאַר די שטוב-מענשען, איך ליעב אַננאַ'ן — איך האָב איהר בלומען געבּרענגט און זי האָט זיי עללישקאַ'ן אַוועקגעשענקט — און דאָס בריוועל איז מיר גראָד אײַנגעפאַלען צו שרײַבען אויף עללישקאַ'ס נאָמען, ווײַל קײַן אַנדערן האָב איך אין יענער מינוט גראָד נישט געדענקט, איך האָב נישט געדענקט...

דן: האָב איך אַזאַ גראָבען טעות געמאַכט? אַננושקאַ'ן האָסט דו געשריבען. צו אַננושקאַ'ן? טאָ וואָס זשע האָט זי געוואָלט פון מײַן לעבען האָבען? גאָט, לאָז מיך נישט שטאַרבען פריהער, ביז נאָך איין טויט וועט געשעהען!..

אדאָלף: דן, וועמען, דו גלויבסט מיר נאָך נישט? זאָל מײַן נאָמען אַהיים קומען צו מײַן אַלטער מוטער — אַ שוואַרצע בשורה, אַז איהר זוהן איז אין דער פרעמדער צווישען פרעמדע מענשען אויסגעבאַפט געוואָרען, צי זאָג איך דיר איין וואָרט ליגען.

דן: איך גלויב דיר, ליעבער אַדאָלף — איך גלויב דיר!

אדאָלף: טאָ וואָס זשע דען פאַר אַ טויט ווילסט דו נאָך?

דן: אַדיע, ליעבער אַדאָלף — איך גלויב דיר!

אדאָלף: טאָ וואָס זשע דען פאַר אַ טויט ווילסט דו!

דן: אַ טויט אַננושקאַ'ן! (דערווײַטערט זיך שנעל).

אדאָלף: אָה, וואָס האָב איך געטהון? — ער וועט זי דאָרט טויטען, דער מענשען-פרעסער!.. דן — דן (רײַסט זיך נאָך איהם מיט די הענד דורך די קראַטען, פאַלט ענדליך צוריק פון פענסטער'ל מיט אַ ווילד געשריי און האַרץ-פלאַץ).

דריטע סצענע.

(פאר נאכט ביי ה' היגער אין הויז, אין אננאס שלאפצימער. אננא זיצט.

דן (קומט אריין): שוין גענוג דיר צו זיצען אין שטוב, אננושקא, און אבצוריכטען גלות אליין פערשלאסען אין צימער'ל צווישען טאג און נאכט. געה אביסל ארוים אויף דער וועלט, ליעבע אננושקא. מען ווארטען שוין ביי דיר אונטער די ווענט אויף דיינע פלאנטער'ן.

אננא: ציי איהר זענט פון זינען ארונ, דן?

דן: יא, איך בין פון זינען אראב. נאר פאר וואס זיצסט דו נעביך אזוי איינזאם אבגעשלאסען אין דיין ענג צימער'ל — זעה ווי בלוטיג די זון איז היינט אונטערגעגאנגען — דער גאנצער הימעל צערנט דאך, ווייל דו פערבארגסט דיין ליכטיג געשטאלט פון איהם. דו זעהסט, ווי די שויבען בלישצען קעגען־איבער דער זון־אונטערגאנג, דו זעהסט, ווי אין מערב זייט האט זיך א פלאם צוגאסען?

אננא: דן, ווי אזוי רעדט איהר עפיס היינט?

דן: און געהט, גוטע אננושקא, זעהט, וואס פאר א יונג בלוט עס האט זיך הינטערן וועלד'ל געגאסען.

אננא: דן ס'איז מיר נישט גוט!.. איהר האט היינט גע'הרג'עט א מענש?

דן: און נאך איינעם וועל איך הרג'נען!

אננא (שפרינגט אב): אוי..

דן: האב נישט קיין מורא, פרינצעסין מיינע — איך וויל דיך נאר פרעגען א פאר ווערטער; מיין עללישקא האט דיך געהייסען געריסען פאר'ן טויט, און האט געהייסען דיר דערצעהלען, אז זי איז פערפיהרט געווארען דורך א בלינדע האנד, דורך ווענענם ווייסט זי נישט — אפשר ווייסט דו? (נעמט ארויס דאס מעסער, לעגט עס אויפ'ן טיש).

אננא (פאלט פאר איהם): דן, דן, דו ווילסט מיך הרג'נען?

דן: אזוי וויל איך! וואס פאר א בריוועל האסט דו מיר דערמאלט געגעבען צו לייענען פאר דער שיין פון דער לאמטעך — דו האסט דאך

יאָ געוואוסט צו וועמען דאָס בריוועל איז געשריבען געוואָרען, און דו האָסט דאָך יאָ געוואוסט ווער האָט עללישקאַ'ן די בלומען געשענקט — און וואָס האָסט דו געוואָלט פון אַ יונג לעבען האָבען? שטאַרב, מיין פריינדין! (נעמט דאָס מעסער).

אַננאַ: איין מינוט לאָזט מיך נאָך לעבען, איין מינוט, איהר זאָלט אויפ'ן געוויסען נישט האָבען נאָך אַמאָל אומזיסטיג בלוט פערגאָסען — — איין מינוט איהר זענט דאָך היינט אין גאַנצען פערבלענדעט און טהוט אַ גרייז נאָך אַ גרייז.

דן: זאָג!

אַננאַ: דן'שי — שענקט מיר דאָס לעבען אויף נאָך געצעהלטע מינוטען — לאָזט מיך שטאַרבען, נאָר נישט מיט קיין סודות אין הארץ, וועלכע וועלען בעגראָבען ווערען אויף אייביג פאַר די וואָס זענען זיי נויטיג. לאָזט מיך שטאַרבען, שטאַרבען, נאָר נישט איבערלאָזען נאָך מיר אַ ביטערן צווייפעל אין עמיצענס הארץ.

דן: נו זאָג, פערטרייב מיין צווייפעל!

אַננאַ: לאָזט מיך רוהיג זאָגען, לאָזט — — און רוהיג וויל איך שטאַרבען, נאָר בערוהיגט איהר זיך אויך אַ ביסעל, אַז איהר זאָלט מיך קענען הרג'נען מיט אַ ריין בעוואוסטזיין פאַר וואָס? און געהט נישט פון איין פעהלער אין צווייטען.

דן: שטעה אויף געשווינד! רעד!

אַננאַ (שטעהט אויף): צי האָט אייך נישט דערצעהלט פון דעם בריוועל און די בלומען אַדאָלף — אַצונד, ווען עללישקאַ איז טויט — און ס'איז שוין קיין לעבעדיגע האָפנונג נישטאָ דעם אמת ארויסצוקריגען, צי איז זי דעם טויט ווערטה געווען, צי נישט? — אויב אַזוי איז, מוז איך שטאַרבען.

דן: דו וועסט שטאַרבען. ס'איז שוין אַצונד קיין לעבעדיגע האָפנונג נישטאָ.

אַננאַ: לעגט זשע אַרויס דאָס מעסער פון דער האַנד, איך שווער אייך, אַז איך גיב מיך אָב אין אייערע הענד אין דער מינוט, ווען איהר וועט האָבען דערגאַנגען, אַז איהר האָט עללישקאַ'ן אומזיסט געהרג'ט. — — איך שווער אייך איבער דער רוה פון מיין זעעלע אויף יענער וועלט, וואָס וועט אוודאי באַלד פון מיר אויסגעהן אונטער אייער מעסער דאָ, ווי איך גיב מיך אַוועק פאַר אַ קרבן צו יעדערע מינוט,

ווען איהר וועט עס נאר מאהנען! נאר לעגט ארויס דאס מעסער פון דער האנד!

דן: ניין, וואס אב מיינע העגד פון יענעם בלוט, וואס אב געשווינד!

אננא: איך שווער אייך — אז איך וועל אייך פון יענעם בלוט ריין וואשען און מיט מיינעם צוריק איינריכטען, ווען איהר וועט עס נאר פערלאנגען, און מיין ברוסט שטעל איך אוים אקעגען אייער מעסער, אויב איהר וועט געפינען, אז איהר האט עללישקא'ן אומזיסט געהרג'עט. נאר דאס מעסער לעגט ארוים פון דער האנד.

דן: ניין! גאט אין הימעל, גיב מיר דאס צו דערלעבען!

אננא: נאר נישט מיט קיין מעסער אין דער האנד, וואס איז יעדע רגע גרייט נאך בלוט צו פערגיסען פון דער קלענסטער אונבע־רעכענטער רעגונג אין אייער צושטורמט הארץ. לעגט דאס מעסער אוועק — איך בין אייערע סיי ווי סיי, איך בין אייערע.

דן (לאזט אראב דאס מעסער).

אננא: און ווי איז אזוי א מענש פערבלענדעט, אז מען זאל געהן פרעגען צום געליעבטען וועגען דער שולד פון זיין געליעבטער. איהר זענט געוועזען ביי אדאלף'ן, דן? זאגט מיר און לאזט מיך שטארבען.

דן: איך בין געוועזען.

אננא: און איהר האט איהם געסטראשעט מיט'ן טויט אויך, אז ער זאל אייך זאגען?

דן: טויט און טויט וועט געשעהן אויף יעדען טריט —— נאר זאג מיר, זאג — איז עללישקא ריין, אדער שולדיג?

אננא: עללישקא איז שולדיג, און ריין זענט איהר! איהר מוזט זעהן פון אדאלף'ן דעם אמת ארויסצוקריגען — נאר מיט גוטען, פערגיסט חלילה נישט קיין בלוט און סטראשעט נישט מיט'ן טויט. מיט גוטען, ליעבער דן, נאר מיט גוטען. זאל ער נישט שפירען קיין געפאהר הענגען איבער זיין קאפ פאר יעדעם שלעכטע ווארט, וואס ער וועט האבען אויף איהר צו רעדען — וועט ער אלץ דערצעהלען. און ביז אין דער לעצטער מינוט מיינער, ביז איך וועל מיך אין אייערע הענד איבערגעבען, וועל איך נישט רוהען, ביז איך וועל אייך דעם ליכטיגען אמת נישט זעהן ארוים צו ציהען, און די שווערע זינד, וואס ליענט היינט אויף אייער קאפ — אראבנעמען. איך וועל אייך ריין וואשען פון איהר בלוט.

איהר בלוט איז שוואַרץ בלוט געווען, און האָט אַייך סם אין די אָדערן אַריינגעגאָסען נאָך ביי'ם לעבען איהרען — און אַצונד נאָך'ן טויט יאָגט עס אַייך און פלאָגט אַייך צו נאָך בלוטפערגיסונגען.

דן: נאָך בלוט פערגיסונגען! צו נאָך בלוט דורשט מיין האַרץ!

אננא: בערוהיגט עס דערוויל, שטילט עס דערוויל איין, האַלט עס אָב פון דעם האַסטיגען שטורם, וואָס האָט עס אַרומגעכאַפּט פון אַלע זייטען. איך שווער אַייך, אַז איך וועל די נאַכט נישט רוהען, זיך נישט אויסטהון, און בעגינען מיט דער זון צוגלייך, וועט אויך דער ליכטיגער אֶמת ענטפּלעקט ווערען, און פאַר אַייערע אויגען אויפשיינען — און אַייער אויג, וואָס איז אַצונד פערברענט און אויסגעטריקענט פון צווייפעל און דורשט נאָך נקמה, וועט אין דער פריה מיט געלייטערטע טרעהרען שוין פליסען, ווי ביי אַ קינד נאָך אין זיין ערשטער אונשולד און וואַשען אַייך ריין פון אַייערע זינד, פאַר וועלכע איהר ווילט אַזוי ענטלויפען און צו וועלכע עס טרייבט אַייך אַזוי אַצונד. — — מיט דעם מאָרגען וועט אַלץ בעלויכטען ווערען — און איהר וועט קוקען אויף דער ליכטיגער זון מיט שטילע אויסגעפייניגטע טרעהרען, ווי גרעזלעך צומאָר־געגנס אין דער פריה, ווען די זון געהט אויף נאָך אַ שטורם־ווינד, וואָס איז געווען ביי נאַכט. ווען אַלץ קוקט מיט טרעהרען שטיל צום בלאָהען הימעל אַרויף, און אַלץ איז געטרייסט שוין, און אַלץ איז געלייטערט — די ערד קלאָר געוואַשען, און הויכט מיט אַ קיהלקייט פון פרישען לעבען, פון אַ ניי לעבען, וואָס פאַנגט זיך ערשט אָן אויף דאָס ניי... — — אַזוי וועט איהר מאָרגען אויך זיין! נאָר לאָזט מיך לעבען, נאָר לאָזט מיך לעבען — כאָטש נאָך איין מאָרגען, כאָטש נאָך איין מאָרגען — — און איך שווער אַייך, אַז איך וועל די נאַכט נישט רוהען, איך וועל מיך די נאַכט נישט אויסטהון, דעם אֶמת אַרויסצוציהען, און אַייער האַרץ אומקעהרען צוריק אין פריהערדיגען רוהען.

דן: קענסט דו נאָך מיין רוה צוריק אומקעהרען? קענסט דו מיינע הענד פון יענעם בלוט אָבוואַשען?

אננא: איך קען. געהט, דן, געזונדטערהייד אַ היים. רוהט אָב די נאַכט אַייער שטורמדיגען קאָפּ אויף אַייער בעטעל און מאָרגען אין דער פריה וועט אַייער צווייפעל ווענען עללישקאַ'ס שולדיג זיין פערשווינדען אין גאַנצען! — —

דן: ניין! דו לייקענסט!

אַננאַ: איך לייקען נישט!

דן: אדאָלף האָט זי נישט געליעבט — אדאָלף האָט דיך געליעבט! שנייד אָב דיין צונג די פאַלשע און וואַרף פאַר די הינט — ער ליעבט דיך! ער ליעבט דיך!

אַננאַ: איך האָב שוין נישט וועמען צו ליעבען נאָר איהם? — ער איז נישט מיין געליעבטער, ער איז נישט מיין געליעבטער, איך ליעב נישט אזעלכע.

דן: נאָר ער ליעבט דיך.

אַננאַ: האָב איך שוין קיינעם נישט ווער עס זאָל מיך ליעבען, נאָר ער? ער האָט דיר דעם קאָפּ פערדרעהט, אז עס זאָל האָבען אַנ־אָנהאַנג צו זיינע פאַלשע רעד.

דן: נאָר זאָג זשע דו מיר דעם אָמת!

אַננאַ: דער אָמת איז ביי גאָט — און ביי דיר, וואָס מען האָט צו זיי צוטרויען. איהר גלויבט מיר נישט — איהר גלויבט מיר נישט!

דן: איך גלויב נישט, איך גלויב נישט.

אַננאַ: און פערפאַלען איז מיין לעבען, איך גיב עס אליין אייך אָב, נאָר שטאַרבען הייסט מיך נישט, ווען אין אייער האַרץ קען נאָך לעבען אַ פונק צווייפעל צי בין איך פאַלש צו אייך, צי אָמת געווען.

דן: דו ביסט מיר פאַלש, דו האָסט מיין עללישקאַ'ן אונטער מיין מעסער געבראַכט.

אַננאַ: אוי רעדט נישט — איך וועל אייך אָבגעבען מיין נשמה — נאָר מיין חבר'טאָרינס טויט וואַרפט נישט צו מיין געוויסען.

דן: ניין, דו וועסט שטאַרבען, דו!

אַננאַ: איך וועל שטאַרבען, איך וועל שטאַרבען — און גאָט זאָל פערגעסען די זינדיגע זייערע זינד — — עס הענגט שוין אַ מעסער איבער מיין קאָפּ — מיין לעצטע שעה האָט געשלאָגען, דאָס בעזע האָט זיך אָנגערוקט. — נאָר גאָט, גאָט אין הימעל, מיט מיין טויט ברענג שוין כאָטש שלום אויף דער וועלט — און אין אלע שווערע בעטריבטע געמיטהער און אין אלע שטורמדיגע הערצער ברענג שוין כאָטש רוה. מיט מיין בלוט פערלעש דעם ווילדען צאָרן, וואָס טויט אונשולדיגע מענשען. איך פערגיב זיי, און דו גאָט פערגיב זיי אויך און שטראָף זיי נישט מיט דעם ביטערן צווייפעל און חרטה אויף דעם בלוט, וואָס זיי האָבען פערגאָסען.

שטראף זיי נישט מיט קיין אונרוהע פאר דעם פערגאסענעם בלוט, וואס פיהרט אלץ מעהר און מעהר צו בלוט. און איהר הויבט אויף אייער מעסער — האקט אריין אין מיין ברוסט. און פערגעסט די שווערע פיין, וואס רוהען לאזען זיי אייך נישט. און בערוהיגט אייער הארץ און זייט נישט מעהר בעטריבט — און זייט נישט צומארגענס נאך מיין טויט, ווען מיין קערפער וועט שוין ליגען אין גרוב, דעם קאלטען, געגליכענט צו א וואלד-היטער אנ'אלטען, וואס האט דעם וואלד זיינעם שרעקליך גע-ליעבט און איבער נאכט האט א שטורם די בוימער מיט די ווארצלען ארויף איבערגעקעהרט — און ער דרעהט זיך צומארגענס ארום צווישען די געפאלענע, און ער בעקלאגט זייער הויך, זייער גרויס, ליגענדיגע אויסגעריסענע אויף דער ערד. און ווען דער הימעל לייטערט זיך צוריק אויס — און ווען די זון שיינט צוריק אויף און בעלייכט דעם פלאץ אויס-געלעגטע הרוגים — שטעהט ער מיט א געזונקענעם קאפ און קוקט אין דער ווייטקייט מיט א טרעהר אין טרויעריג שווארצען אויג: אז אומזיסט שיינט שוין היינט די זון, אז אומזיסט שענקט זי די טויטע איהרע ליכטיגע שטראהלען, און אז לעבעדיג קענען צוריק נישט ווערען די, וואס זענען שוין איינמאל געפאלען... און, אז אומזיסט בעגילטען די שטראהלען זיין דערשלאגענעם קאפ —— זיין הארץ בלייבט שוין אויף אייביג פינסטער און לעער — און פאר זיין אויג ליגט שטענדיג געשפרייט דער פינסטערער אבגרונד. זייט זשע איהר נישט ווי ער. זייט נישט פערצווייפעלט מעהר — מיין טויט איז אייך נויטיג, נויטיג — נאר קוקט טיעף אין אייער הארץ פריהער, וואו עס פלאקערט אייער שטורמדיגער וועהטאג, און זעהט אויב איהר געפינט אין מיין טויט שוין אייער רוה, טא נעמט און טויט מיך!

דן: ניין, ניין, איך טאר נישט, איך טאר נישט!

אננא: נא'ט שטעכט!

דן: דו לעב, און שטארב גלייך מיט מיין עללישקא'ן, ווען זי וועט אין גאנצען ריין זיין — (געהט ארויס).

אננא (שפרינגט נאך): דן, דן!

דן (פערהאקט נאך זיך די טהיר).

אננא (פאלט): איך ליעב דיך און בין פערלוירען!

פיערטע סצענע.

נאכט. דער טייך און דאס געפענגעניש.

א נ נ א (קומט ארויס אויפ'ן ברעג צווישען טייך און געפענגעניש): שלאף, וועלט, שלאף. פערשפרייט נאכט דיי'ן פינסטערן פליגעל איבער בערג און טאל. מיין לעצטע שטונדע האט שוין געשלאגען — א הינטעל ערגעץ אין דער שווארצער נאכט וועט נאך מיר קלאגען. מיין לעצטע שטונדע האט שוין געשלאגען. די שווארצע וועלען פון טייך וועלען מיך פערשלינגען און גאט ווייסט, וואו נאך פערטראגען — און מארגען פריה די פויגעלעך וועלען דעם מארגען בעזינגען, וועט דאס פלעשטשען פון די וועלען דער ערוואכטער וועלט א בשורה פון מיין טויטען קערפער אנזאגען! אדיע, ליעבע וועלט! מיין לעצטע שטונדע שלאגט שוין היינט — איך שטארב אויף דיר עלענד, פערלאזט פון געליעבטע, פערלאזט פון פריינד, פערלאזט פון הימעל און ערד — — פערלאשען האט אויך די לבנה און שטערן, וואס האבען אין שעהנע נעכט מיר ליעבליך געוואונקען און דורך מיין פענסטער רוהיג, קלאר געשיינט. פערלאשען און פערלאזט וועט אויך אויסגעהן מיין יאמערנדע זעעלע צווישען די וויסטע בערג. אדיע, ליעבע וועלט. אדיע, מיין רוהיג געצעלט. אדיע, מיין רוהיג בעטעלע — שטעה דיר דארט אהן מיר, ווי מיט מיר קלאר ווייס געשפרייט, איך בין שוין צום טויט אנגעגרייט — מיין לעצטע שעה האט געשלאגען אצונד. און מיין געלעגער וועט זיין דער טייך, דער זאמדיגער גרונד.

א ד א ל ף (דורך דעם פענסטערל): ווער איז עס, וועמען הער איך אין דער שפעטער נאכט? צי קומט דאס מיין געליעבטע אצונד צו מיר, צי האט מיר דאס אין שלאף נאר געדאכט?

א נ נ א: איך בין שוין מעהר נישט דיין געליעבטע — — דער טויט האלט מיך אין זיינע ארעמס שוין, און פערגעס אן מיר דיין בעטריבטע, פערגעס, ליעבער אדאלף, פערגעס, מיין קרוין!

א ד א ל ף: וואס טהוט זיך עפיס שרעקליבעס דא?

אַננאַ (צופּאַלענדיג): די פינסטערע נאַכט האָט מיך דאָ אַהער אַרויסגע־שטופּט, און אַלץ, וואָס מיך האָט מיט דעם לעבען פערקניפּט, די אַלע פעדים האָב איך אָבגעריסען — און די וועלען די שוואַרצע וועלען אַ יונג לעבען אין זיך איינשלינגען, די וועלען די שוואַרצע וועלען מיין קערפּער פערגיסען.

אַדאָלף: אָה, ראַטעווע!

אַננאַ: נישטאָ שוין קיין רעטונג, ווען דאָס מעסער הענגט איבער'ן קאָפּ — פינסטער איז צו קוקען אין טייך אויף זיין שוואַרצען גרונד אַראָב — נאָך ערגער איז צו צאַפּלען מיט דעם ברעם ווען די שאַרף פון מעסער בלישטשעט איבער דיין אויג אַראָב.

אַדאָלף: אָה, ראַטעווע!

אַננאַ: נישטאָ שוין קיין רעטונג פאַר מיר — דאָרט שלאָפט מיין פיינד זיין בלוטיגען שלאָף, איך טאָר נישט זוימען מיט דיר — אויף מיר הענגט זיין בלוטיגע האַנד, זיין צאָרנדיגע שטראָף.

אַדאָלף: אָה, דן?

אַננאַ: דן!

אַדאָלף: איך צובּרעך די וואַנד, איך צובּרעך!

אַננאַ: נישט צובּרעך, נישט צובּרעך! וועסט נישט לעשען דאָס צאָרנדיגע ברענען. מיין שונא איז שטאַרק, מיין שונא איז פרעך — וועסט מיך רעטען נישט קענען — מיין פיינד איז פורכטיג, דער טויט איז געקומען.

אַדאָלף: די האַנד איז שלאַף, די האַנד איז שלאַף! איך קען די קראַטען נישט בייקומען!

אַננאַ: און דער שונא איז שטאַרק, דער שונא איז פרעך — נישטאָ קיין רעטונג — דער טויט איז געקומען! ער קוקט שוין פון אונטער די שפּיץ בערג אַהער, פון צווישען די וואָלקען קוקט ער אַפער — דער טויט איז געקומען אום אין קאַלטען אָרעם מיך אַרומצו־נעמען — און עס שלאָפט די וועלט, טהיר און טויער פערמאַכט — אַ פערקופּערטער הימעל, אַ פערשטיינערטע נאַכט — נישטאָ קיין רעטונג, דער טויט איז געקומען אין זיין קאַלטען אָרעם מיך אַרומצונעמען.

אַדאָלף: ניין, ער וועט נישט נעמען, איך וועל צובּרעכען! איך וועל צובּרעכען! מיך בעפרייען, דיך בעפרייען!

אַננאַ (שפּרינגט צוריק): דו בעפריי נישט — נישט מיין רעטער — מיין פערקויפער, מיין פערראַטהער!

אַדאָלף: אַנ–נ–אַ!...

אַננאַ: דו האָסט מיך פערקויפט, דו האָסט מיך פערטווישט — האָסט געזעהן פון ווייטען דן לויפט — ביסט דו געוואָרען פון איהם בערווישט — און האָסט פאַר איהם מיין ליעבע צו דיר אויסגעגעבען, אַז דו האָסט אַ בריוועל מיר געשריבען, און נישט קיין דערבאַרמונג געהאַט אויף מיר, אויף מיין יונג לעבען.

אַדאָלף: איך שווער דיר אַז מיין לעבען וועל איך דיר פאַר דיין ליעבע אָבגעבען. לאָמיך נישט זיצען פערשפּאַרטערהייד, וועל איך דיין שונא ברענגען צו דיר, שלעפּען אהער אַ טויטען, דורך מיין האַנד געטויט.

אַננאַ: דו קענסט מיין ליעבע נישט פערדינען. קיין קראַפּלע מוטה איז אין דיר נישט צו געפינען — מיין פיינד איז מוטהיג, מיין פיינד איז בעז, און דיין געליעבטע מוז יעצט לויפען פאַר זיין כעס ברענגען איהר קערפּער צו די פיש אין טייך — — מיין שונא איז מוטהיג, מיין שונא איז מעכטיג, מיין שונא איז בעז.

אַדאָלף: איך בין נאָך בעזער, איך בין נאָך בעזער — — די וואַנד וועל איך ברעכען, אויף די פרייע אַרוים!

אַננאַ: שווער מיר, אַז דו קענסט איהם טויטען!

אַדאָלף: ביי מיין לעבען, ביי מיין לעבען!

אַננאַ: איך האָב סיי ווי סיי מיין לעצטע טרייטאַפּט געוואָלט דיר ווייזען, איידער איך שפּרינג אין וואַסער אַריין — און איך האָב געברענגט אַ העקעל דיר און אַ בראָך–אייזען — נאַ דיר, ברעך די וואַנד איין — און לאָמיך זעהן, וואָס קען דיין ליעבע מיר בעווייזען!...

אַדאָלף: איך וועל ווייזען. איך וועל ווייזען. גיב דאָס העקעל, גיב דאָס בראָך–אייזען.

אַננאַ (לויפט אונטער דער וואַנד – ברענגט אפער אַ העקעל מיט אַ בראָך–אייזען, דערלאַנגט עס איהם אַריין): נאַ דאָס העקעל, נאַ דאָס אייזען! ברעך די וואַנד און וויין מיר, וואָס קענסט דו פאַר דיין ליעבע ווייזען.

אַדאָלף (ברעכט): ברעך דיך וואַנד, שטאַרק דיך האַנד!

אַננאַ: שטאַרק דיך האַנד — ברעך די וואַנד מיט דעם אייזען, וויין דיין ליעבע, וואָס דו קענסט ווייזען.

אַדאָלף: איך וועל דיר ווייזען, איך וועל דיר ווייזען — שטאַרק דיך האַנד, ברעך די וואַנד מיט דעם אייזען.

אַננאַ: ברעך דאָס פענסטער מיט די קראַטען, ווייז דײַן ליעבע העלדען־טהאַטען.

אַדאָלף (ברעכט אויס דאָס פענסטערל מיט די קראַטען, כאַפּט זיך אַרויס, בלײַבענדיג שטעהן פאַר אַננאַ׳ן): ווײַז דײַן ליעבע העלדען־טהאַטען.

אַננאַ (האַפּט איהם פאַר די הענד): ווײַז דײַן ליעבע העלדען־מוטה, ווײַז דײַן שונא בלוט פאַר בלוט.

אַדאָלף: בלוט פאַר בלוט!... (פּויזע).

אַננאַ: לויף געשווינד, אַ שאָד צו זוימען, איידער עס געהט אויף דער מאָרגען־שטערן —— איך וויל זײַן קאָפּ דאָ זעהן אַצונד, זאָל ער אַהער געברענגט ווערען.

אַדאָלף: איך לויף, איך ברענג! (האַפּט דאָס העקעל).

אַננאַ: און לאָקערדיג זאָל דײַן אויג זײַן! טשאַטעווע איהם אָב, אין שפּאַלט פון לאָדען קוק פריהער אַרײַן, צי ער שלאָפט, צי ער וואַכט און צי איז שטיל אַרום די נאַכט. און פאָרזיכטיג זאָלסט דו זײַן, גנבה׳ע דיך שטיל אין שטוב אַרײַן, אַז זײַן מעסער זאָל נישט אויפבליצען דיר ענטקעגען, אַז דער שונא זאָל דיך נישט בעזיעגען —— דער שונא איז מעכטיג, דער שונא איז פורכטיג — זעה זשע דו זאָלסט מצליח זײַן.

אַדאָלף (דערוויטערט זיך): זײַ רוהיג, מײַן געליעבטע (פערשווינדט. פּויזע).

אַננאַ: און ווי שרעקען שרעקט דאָס האַרץ אין מיר —— אַ פינסטערע נאַכט העננט אַרום מיר, און דער שוואַרצער טויט לאָקערט פון הינטער די שפּיטצען בערג אַפער — און פון צווישען די וואָלקענס קוקט שטום אַנ׳אויג אַ שוואַרצעס, אַנ׳אויג אַ טיעפעס אויף מײַן קאָפּ, און די נאַכט שרעקט מיך, שרעקט. (געהט צוריק אויף דעם פריהערדיגען אָרט, לאָזט זיך אַראָב אויפ׳ן גראָז. לאַנגע פּויזע).

קאָרטען־לעגער־ין (בעווײַזט זיך איבער׳ן בערג פון טײַך): צי האָט עס די נאַכט־קלעגערין פון די שפּיצען בערג מיך גערופען, צי האָט עס אַ מענש דאָ געביטערט? איך האָב וואָס געהערט, עפּיס האָט מיך פון מײַן זיבענטען שלאָף ערשיטערט. (קוקט זיך אַרום פערוואירט) האַ —— דאָס האָסט דו מײַן שלאָף מיר געשטערט —— און וויאַם זיצסט דו דאָ אַזוי פערצווייפעלט? וואָס זיצסט דו, נאַרעלע, אַזוי פערטראַכט? וואָס האָט דיך ערשט אַהער געברענגט? וועלכער שטורם אַזוי שפּעט בײַ נאַכט?

אַננאַ: איך בין פון מײַן געליעבטען געלאָפען —— דאָס בעזע מעסער איז שוין געלעגען אויף מײַן האַלז —— דאָס דערצעהל איך דיר, און דאָס.

איבּ דו פערשטעהסט —- איז שוין אַלץ, און אַצונד וואַרט איך דאָ אָב, איך האָבּ געשיקט נאָך מײַן געליבּטענס קאָפּ. נאָר עס ווערט וואָס אַמאָל שפּעטער, און איך פורכט מיך פאַר דעם גלאַנץ פון מאָרגען־שטערן — איך האָבּ מורא אַז פאַלען וועט דאָרט מײַן רעטער, און נאָך איהם וועל איך שוין מוזען געטויט ווערען.

קאָרטען־לעגערין: האָבּ קיין מורא, טאָכטער — לאַנג נאָך איז די נאַכט, און איך און דער טײַוועל זענען דײַן מאַכט; איך גיבּ פלאַקס און דו דאָס שפּינען — און ווער עס שפּינט דער מוז געווינען, דו וועסט געווינען.

אַננאַ: נאָר איך פורכט אַ טאָמער האָבּען די וועכטער מײַן שליח געכאַפּט, און ער ווערט אָבּהענדיג און פערליהרט דעם מוטה; אָדער ער האָט בײַ מײַן געליבּטען אין דער טהיר אונפאָרזיכטיג אָנגעקלאַפּט און וועט אונטער מײַן געליבּטענס מעסער פערגעהן אין בּלוט.

קאָרטען־לעגערין: איך האָבּ מיך געמיהט, איך האָבּ דעם מאַרק פערבּײַ געשוועבּט, און האָבּ די וועכטער ד'אויגען מיעד פערקלעבּט, און זיי שלאָפען האַרט, ווער אונטער אַ פּאָטשינגע און ווער אויף דעם גאַסען־בּרוק, אַז קיינער זאָל זײַן טריט נישט הערען, אַז קיינער זאָל זײַן טריט נישט שטערען — אַז אויסגעפיהרט זאָל דײַן פערלאַנג ווערען, און בּשלום זאָל דײַן שליח צוריק קעהרען. און בּײַ דײַן געליבּטען בּין איך אויך געוועזען, ער האָט אַ גאַנצע נאַכט חלומות בּלוטיגע געזעהן, אויף זײַן קאָפּ דעם שטורמישען הענגט גאָטס שטראָף, און ס'איז געראַובּט פון איהם דער שלאָף, האָבּ איך זײַן קאָפּ אין זיסען חלום אײַנגעוויגט, און ער איז ענטשלאָפען, האַרט ענטשלאָפען און וועט זײַן בּעזיגט.

אַננאַ: נאָר שרעקען שרעקט דאָס האַרץ אין מיר; דער שוואַרצער טויט קוקט פון הינטער די שפּיצען בּערג אַפּער, און פון צווישען די וואָלקען לויערט אַ שוואַרצעס אויג אויף מיר.

קאָרטען־לעגערין: נישט שרעק, טאָכטער מײַנע — דאָס איז דעם טײַוועלס פליגעל, וואָס רוהט דאָרט אויף דעם בּאַרג, און הויך איבּער דיר וואַכט דעם טײַוועלס אויג. — דו וועסט געווינען, דו מוזט געווינען — איך גיבּ דאָס פלאַקס און דו דאָס שפּינען, און ווער עס שפּינט, דער מוז געווינען! (קוקט זיך אַרום) און אָט, אָט געהט ער שוין דײַן שליח!... (געהט צוריק אַוועק אויף דעם בּרעג)

אַננאַ (שפּרינגט אויף): אַדאָלף! — — —

אַדאָלף (פון ווײַטען): איך טראָג דײַן שונא'ס קאָפּ! — —

א נ נ אַ: אָה, דער טײַװעל האָט געװאַכט — אָה, דער טײַװעל האָט געלאַכט, פֿון מײַן געליעבטענס שטורם חוזק געמאַכט!...

אַ ד אָ ל ף (קומט צו): נאַ אָט האָסט דו דיר דעם קאָפּ — און דײַן ליעבע האָב איך פֿערדיענט!

אַ נ נ אַ (איבערנעמענדיג דעם קאָפּ): האָסט פֿערדיענט!

אַ ד אָ ל ף: נעם אַרום מיך אין דײַן אָרעם, צו דײַן ברוסט דריק מיך שטאַרק — —

אַ נ נ אַ: און דעם טײַװעלס פֿליגעל רוהט אויף דעם באַרג — דעם טײַװעלס אויג האָט געװאַכט, און דער טײַװעל האָט געלאַכט, פֿון מײַן געליעבטענס שטורם חוזק געמאַכט — דער צװײפֿעל האָט געגעבען דאָס פּלאַקס און איך האָב געשפּונען — און װער עס שפּינט דער מוז געװינען, דער מוז געװינען — — — און אַצונד, ליעבער אַדאָלף, ערשט װילסט דײַן לוין —

אַ ד אָ ל ף: װאָס איך האָב פֿערדיענט!

אַ נ נ אַ: װאָס דו האָסט פֿערדיענט! — — נעם דעם קאָפּ און װאַרף אין דעם טיעפֿסטען אָרט אין װאַסער אַראָב.

אַ ד אָ ל ף: איך טהו דײַן בעפֿעהל. (חאַפּט דעם קאָפּ).

אַ נ נ אַ: טהו מײַן ליעבער, טהו איהם שוין!

אַ ד אָ ל ף (שטעלט זיך איבער דעם העכסטען אָרט פֿון ברעג, טהוט דעם קאָפּ אַ לאָז אַראָב אין װאַסער). אָט האָב איך שוין פֿערדיענט מײַן לוין!...

אַ נ נ אַ (טהוט איהם אַ שטופּ נאָך אין װאַסער אַראָב): גײה דו אויך, גײה מײַן קרוין, און אָט האָסט דו דיר דײַן לוין!... (קעהרט זיך באַלד צוריק אָב). דעם טײַװעלס אויג האָט געװאַכט, און דער טײַװעל האָט געלאַכט, פֿון מײַן געליעבטענס שטורם חוזק געמאַכט — און דער צװײפֿעל גיט דאָס פּלאַקס — און געגעבען האָב איך דאָס שפּינען — — און װער עס שפּינט דער מוז געװינען, דער מוז געװינען (פֿערלאָזט לאַנגזאַם דעם ברעג).

ענדע פֿון דריטען אקט.

אזומער טאג

דער הימעל האט זיך פערזואלקענט. שווער און אומעטיג הענגען די טונקעל בלייערנע וואלקען איבער'ן טייך. זיי שפיגלען זיך אב אין וואסער, און אויף יענער זייט ברעג זעהט דער הימעל אויס נאך טונקעלער, נאך מרה שחורה'דיגער, ווי גאנצע בערג פינסטערניש וואלטען זיך צונויפגענומען און ווילען זיך אין טייך אריין פערשטעקען. דאס וואסער איז טונקעל, גלאט און שטיל; דאכט זיך דער טייך האט דעם אטהעם איינגעהאלטען און קוקט אין הימעל אריין... די לופט איז געקאכט, און חלשות'דיג לעגט זי זיך ווי א שווערונג אויפ'ן הארצען. דער טייך אבער רונצעלט זיך שוין, ווי דינע שפיעל-קעפלעך וואלטען זיין גלאטען וואסערשפיגעל אנגעלאפען, און ער ציטערט. עטליכע ציה אין פערשידענע זייטען — און רעדעלעך דינע, זיידענע חוואלעס זענען זיך איבער'ן טייך צוגאנגען.

א וועשין ביי'ן בריק האט שוין אויפגעהויבען דעם קאפ אנ'ארומגעהילטען אין א ווייסע פאטשיילכעל און א קוק געטהון אין דער לופט אריין. א צוויי דריי שיטערע רעגען-טראפען, ווי די „נשמות" פון געגוזענע פעדערן האבען זיך געלאזט פאלען פון דער הויך.

— עס רעגענט — האט זי אבלעגענדיג די קיאנקע אן א זייט און טיעפער פערנעהמענדיג דאס קלייד איבער די קניע, איהרע א שבנ'טע אנגעזאגט.

יענע האט אויך אויפגעהויבען דעם קאפ און ביידע ווייבערס אויגען האבען שטיל געבלאנדזיעט צווישען הימעל און וואסער.

באלד דערויף האט זיך געלאזט הערען א געהאקעריי פון רעדער איבער'ן וועג. א פוהר מיט ברייטע שטעקען-לייטער איז איבער דער בריק דורכגעלאפען, אבקלינגענדיג הויל ווי עס וואלט געדונערט. דער גוי אין לייוועגטענעם העמד איבער די הויזען און מיט'ן שטרויענעם קאפעלוש אויפ'ן קאפ שפרינגט שיער פון וואגען ארויס, שטעהענדיג גלייך מיט די לייטשעס אין די הענד. א שטויביגער זייל האט זיך אין דער לופט אויפגעהויבען און די פוהר איז פערשוואונדען ערגיץ אויף א לאנקע אבראטעווען דאס היי.

ביי'ן טייך איז לעדיג געווארען. לעדיג און שטיל ווי אין איין אויער. די וועשינס האבען צוריק די קליידער אראבגעלאזט איבער די בארפיסע פיס, און מיט פעקלעך גרעט אויף די פלייצעס און די קיאנקעס אונטער די ארעמס געלאזט זיך געהן איבער דער בריק אוועק, איינגעבויגענערהייט אונטער דער משא און מיט אויסגעשטרעקטע קעפלעך קעגען די ווייטע

הײַזלעך, וואָס גלײַכען זיך רחמנות'דיג מיט זייערע ווײַסע קוימענדלעך אונטער'ן שוואַרצען איבערגעהילטען וואָלקען.

נאָך אַ פּאָר דיקע טראָפּענס רעגען האָבען זיך איבער דער וואַסערדעק אָנגעשלאָגען, און די שווימענדיגע ענטלעך האָבען זיך מיט אויסגעצויגענע שנאָבלען אויף דער גרינער קעמפּע אַרויפגעכאַפּט און טיעף פערגראָבען צווישען די הויכע גראָזען.

איבערן טײַך שוועבען אַרום שוואַלבען, אָרעמע שוואַלבען, וואָס האָבען דאָס היים פערלאָרען, און שרעקליך פערבלאָנדזיעט לויפען זיי אַהין און צוריק זוכענדיג און אָנפּיקענדיג מיט די שנאָבלעך אין די וואַסערדעק.

אויפ'ן ברייטען זאַמדיגען וועג כאַפּען זיך שוין אויף רעדלעך שטויב, וואָס דרעהען זיך אַרויף הויך אין דער לופט איבער איין אָרט און פלוצלונג, ווי מיט אַ געבעזער — אַ צוטראָג זיך אויף אַלע זײַטען און פערפרישען דעם הימעל.

עס כאַפּען זיך אויף די בוימער מיט אַ גערויש און קלאַפּען אַ צווײַג אָן אַ צווײַג מיט פילדערדיגע ווײַנענדיגע בלעטער. דער ווינד דרעהט, ברומט און רײַסט זיך מיט אַ טרוקען געבעזער, ברעכענדיג די צווײַגען. טהייל מאָל גיט עס אַ כאַפּ אַ בוים פון איין זײַט מיט אַרויפגעשטאַרצטע צווײַגען און אויפגעבלאָזענע בלעטלעך אויף דער לינקער זײַט ווי עס בלאָזען זיך אויף די פעדערן בײַ אַ הוהן, דער בוים ווערט אָנגעשטרענגט, אָט וועט ער פּלאַצען, נאָר עס גיט איהם נישט מעהר ווי אַ טרייסעל, און באַלד אַ לאָז נאָך. דער בוים קומט צו זיך אויף אין דער מינוט נאָר באַלד איז ווײַטער דאָס אייגענע.

די קעמפּע מיט די גראָז אין מיטען טאָג האָבען זיך שרעקליך צעוויינט און זיי שאָקלען זיך און וואַרפען זיך אויף אַלע זײַטען, ווי נישט קאָנענדיג אויסשטעהן דעם אונגליק, וואָס רײַסט זיך איבער זיי.

עטליכע בהמות מיט צוריסענע ווילדע געשרייען האָבען זיך צולאָזט אין שטאָדט אַרײַן, און אַ שייגעץ'ל אין אַ פּאָר קורצע הויזלעך מיט אַנ'אָבגעברענט פּנים'על און אַ בײַטש אין דער האַנד לאָזט זיך לויפען נאָך זיי.

בײַ די ערשטע הײַזער פון שטעדטעל פערשווינדען זיי אין אַ הויף אַרײַן.

און אויף דער גאַס קעהרט עס וועלטען און שדים-רעדלעך דרעהען זיך אַ טאַנץ, צונויפכאַפּענדיג שטיקער פּאַפּיר, ציבעלעס-שאָלעכטס און מישט זיי צונויף מיט'ן שטויב פון דער ערד. ערגיץ האָט זיך אַ לאָדען

אָבגעריסען פון די זאַוויעסע און צוזאַמען מיט אַ גאַנצען פענסטער שויבען אונטער אַ וואַנד אַוועק־געפלויגען און מיט אַ צושאָטענעם קלאַנג געגעבען זיי גאַס אָנצוהערען מען זאָל זיך היטען...

אויף דעם איז באַלד אַ מאַמע פון אַ שטוב אַרויס, נישט טויט נישט לעבעדיג און צוזופקלויבענדיג עטליכע קינדער אין די נאַקעדיגע העמדלעך אונטער דער וואַנד, וואו זיי האָבען חלות פון זאַמד געבאַקען, — האָט זי זיי ביי די הענטלעך געחאַפּט און אַנטלאָפען אין שטוב אַריין.

דאָס גערויש פון די בוימער האָט זיך אין שטעדטעל אַריינגעריסען און אַלע מאָל איז פון איבער דער ברוק געקומען צו פליהען אַ גאַנצער וואָלקען שטויב און האָט די הייזלעך פערוואָרפען.

אין מאַרק הויבט מען זיך אָן צוצואַיילען, מען געהט האַלב לויפענ־דיג און דער וואָלקען איבער די הייזלעך ווערט וואָס אַמאָל שוואַרצער און פינסטערער.

עס יאָגט, האַקט, פערשיט די פנים'ער, מען האַלט זיך ביי די היטלען צו און פאָלעס פלאַטערן אין די לופט און פּאַטשט איבער די פערגאָסענע שטיינער אין מאַרק.

אַ לאַנגעדיגער בליץ האָט זיך איבערן הימעל צעוואָרפען, און אַ דונער האָט זיך מיט אַן'אַיידעלקייט אָנגעהויבען אַרויסצושיטען איבער'ן הימעל, ווי אַ שאַרף קנאַקענדיג גלעקעל, און באַלד מיט אַ רוישענדיג גבורה צוקוילערט זיך איבער אַלע עקען וועלט. און דאָס שטעדטעל מיטן מאַרק און מיט די הייזלעך איז פערחאַפּט געוואָרען אין איין מישמאַש, הימעל און ערד, דער מאַרק און די הייזלעך זענען פון אויג פערהוילען געוואָרען און אין דעם רעגען זיך אויסגעמישט. אָהן הימעל, אָהן ערד, נאָר אַ שלאַקס־רעגענדיגער דרויסען — דער דרויסען האָט זיך אין אַ רעגען צוגאָסען. און אַלע מאָל האָט די פערוואַסערינטע הוילקייט אַ שלאַנגעדיגער בליץ, ווי אַ פייערדיגע ברעם, אויפגעריסען, און אַ שאַרפער מויערן־ברעכענדיגער קנאַק האָט זיך אין דער נאָהנט אָבגעריסען. גאָט ווייסט, צי נישט אין וועלכען הויז אַריין. נאָר דער רעגען האָט אַלץ פערחאַפּט. אַז דער ווינד טהוט אַ חאַפּ אין דער הויך דעמאָלט טהוט ער זיך אַ וואָרף, ווי אַ וואַסערדיגער פליגעל איבער אַ דאַך און ער ענטפלעקט, אַז ס'איז נאָך דאָ אַ הויז אויף דער וועלט. נאָר די וועלט האָט זיך מיט'ן וואַסער אין דער לופט אויסגעמישט, און אויסגעזעהן האָט עס, ווי די מענשען זענען ערגיץ אין לוט'ס הייל אַריין אַנטרינען געוואָרען און די וועלט אויסען געלאָזט...

מיט אַ מאָל האָט זיך ווי עפּיס וואָס אין דערמיט אָבגעריסען און איז פערהאַלטען געוואָרען אין דער לופט. דאָס קאָכענדיג רוישען, דאָס רעגען־גיסערייַ, און די גאַנצע קופּע וואַסער, וואָס דער ווינד האָט אויפגעכאַפּט און צופלאַטערט אין די לופט, ווי וואַסערדיגע נעצען — דאָס אַלץ האָט ווי אַ פּלוצים'דיגען שטוים געקראָגען, און דער רעגען האָט זיך געלאָזט פאַלען מיט אַגעזעץ און מיט אַ פּאַטשערייַ איבער'ן פערגאָסענעם מאַרק. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער הימעל האָט נאָכגעלאָזט און אַ טאַקט אַרייַנגעגעבען אין רעגען, וואָס האָט באַלד אָנגעהויבען נחת'דיג צו פּאַטשען איבער'ן וואַסער־דעק, וואָס האָט מיליאָנען שפּעלטלעך און מייַלכלעך געעפענט די זאַפטיגע רעגענס־טראָפּען איינצושלינגען. הויפלעך שטרוי שווימען אַרום, וואַסער־בלעזלעך חאַפּען זיך אויף, בעהעפטען זיך און פּלאַצען אַרום זיי. און דאָס אַלץ יאָגט זיך און דרעהט זיך אונטער דער קלאַפּערייַ פון רעגען. און עס יאָגט זיך דאָס וואַסער און אײַלט זיך. טיעף אַראָפּ לויפענדיג אין מאַרק־געסעל אַרייַן, האָט עס דאָרט די ברוק אונטערגעריסען, און דער שטראָם יאָגט, אַראָבפאַלענדיג מיט אַ גערויש פון די שטייַנער אין וואַסער־גרוב אַרייַן, וואָס קאָכט מיט שוים און דרעהט זיך ווי אין אַ קעסעל. דאָס גערויש פערחאַפּט דעם מאַרק און איז מרעיש עולם, רייַסט פון ברוק אַ שטייַן נאָך אַ שטייַן און פערטראָגט זיי מיט זיך, וואו אַהין די שטראָמען וואַסער מיט אַנ'אימפּעט פון ווייַסע געקרויזטע לייַבען־רוקענס אַנטלויפען ערגיץ.

ביסלעכווייַז האָבען זיך די וואָלקען אויף שטיקער צעריסען און אַ טיעפער הימעל האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצולייַכטען. דער רעגען האָט אָנגעהויבען שטילער צו ווערען. דער מאַרק ענטפּלעקט זיך און ווערט ליכטיג. אויף דער ערד האָבען זיך ערטערווייַז אָבגעזעצט אָנגעשוואומענע הויפלעך שטרוי, אויסגעווייקטע שוואַרצע שוים־פלעקען, וואָס האָבען זיך פערהאַלטען אַרום אַ שטייַן. אַ גלעזערנע טהיר האָט זיך שוין געעפענט, און אַ יודענע האָט דאָס קעפּעל אַרויסגעשטעקט, אַרויסוואַרפענדיג אַ פּעסעל אונטער דער רינע. באַלד האָט מען דאָס פון ערגיץ אַנדערש אויך נאָכגעטהון... עס עפענט זיך אַ טהיר נאָך אַ טהיר, און מיידלעך אין רויטע פּאַטשייַלעכלעך, אַרומגעבונדען די קעפּ און מיט פערשאַרצטע קליידלעך איבער די באָרפיסע פיס, הויבען אָן צונויפצוברענגען גאַנצע טראַנספּאָרטען מולטערס און לאָקשען־ברעטער. מען רעדט זיך נישט, מען פרעגט זיך נישט, נאָר שטיל דרעהט מען זיך אַרום אונטער דעם לייַכט שפּראָצענדיגען רעגענדעל מיט שטילע פערטהוענע פּניב'לעך, ווי

אַיין סוד וואָלט זיי אַלע אַרומגענומען און צו עפּיס אָנגעשטרענגט, און יעדערע בעזונדער טהוט זיך דאָס איהריגע בשלמות, שטעלט עפּיס אונטער דעם וואַסער=צאַפּען פון וועלכען עס גיסט זיך אַראָפּ מיט אַ געפּויקעריי אין די כלים אַריין — און גאָר נישט... ווי גאַנץ נאַטירליך! גאָר פון וויטענס רייסט זיך אַ ווייבעריש געשריי, ווי אַנ'אָבקלאַנג פון דער שטילקייט אַרוים. אַ יודענע איז עס, אַ צוהיצטע מיט ברענענדיגע אויגען, און לעגט די תוכחה, צושאָקלענדיג מיט די הענד קעגען פענסטער פון איהר שכנ'טע, וואָס וויל ביי קיין אופן נישט צושטייער געבען אויף עטליכע שאָק שינדלען... ר' פנחס, אַ הדרת פנים מיט אַ שניי=ווייסע באָרד, האָט שוין דאָס פענסטער אויפגעמאַכט אין דרויסען אַרוים. אין אַזאַ צייט האָט ער הנאה צו שטעלען זיך אין פענסטער און קוקען גלאַט אין דער וועלט אַריין. דיגע פעדים וואַסער האָבען זיך נאָך אין דער לופט אַרומגעטראָגען, און קעגען=איבער, וואו דער הימעל איז נאָך געווען פערהילט אין אַ בלאָהע וואָלקענדיגע מראה, האָט זיך אַ רעגען=בויגען אין זיינע פאַרביגע קאָלערען אויסגעגאַרטעלט. ר' פנחס האָט אַ רייב געטהון מיט אַ האַנד איבער אַ נאַסער שויב, און פון זיין ערנסט בלאַסליך געזיכט איז געווען אָבצולייענען „עולם חסד יבנה“... אונטערן פענסטער האָבען זיך ענטלעך געבאָדען, אַרומפּאַטשענדיג מיט די ווייסע פליגלען, און ווען די זון האָט אונטערן וואָלקען געשטעלט און אַרויסגעקוקט מיט אַ דערבאַרעמקייט אויפ'ן אויסגעווייקטען מאַרק, האָבען די ענטלעך פאַר גרויס נחת, מיט אויסגעצויגענע העלזלעך געלאָזט זיך הערען מיט אַ פרעהליכען „קוואַ — קוואַ — קוואַ“ אין מאַרק אַריין... אַ פרישע טרייסטענדיגע זון האָט זיך אָנגעהויבען פון אונטערן וואָלקען צו ענטפּלעקען, און דער מאַרק האָט אויפגעשיינט. אַ ריח פון שוועבעל מיט אַ פערפרישקייט האָט זיך אין דער לופט אַרומגעטראָגען. די ערד האָט נעביך אויסגעזעהן, ווי אַ מאַמע וואָלט זי אויסגעצוואָגען, און אַ מחיה, אַ שטילע רוהיגקייט איז אויף איהר געקומען, אויף דאָס ניי אָנהילענדיג זיך אין גאָלדענע רויטליכע שטראַהלען.

באַלד איז דער מאַרק צוריק אויפגעלעבט געוואָרען, די מאַרק=ווייבער האָבען שוין צוריק זייערע שטעלען פערחאַפּט, און קינדערלעך אין די העמדעלעך, אָדער מייטקעלעך מיט אַרויסגעלעגטע העמדעלעך, האָבען זיך אַרום די וואַסערלעך צונויפגעזאַמעלט. דער הימעל לייטערט זיך, ווייסליכע וואָלקען=זיילען האָבען זיך אין עק הימעל אויסגעשפּראָצט און שטרעקען זיך אוים מיט זייערע מאַרמאָר=ווייסע העלזער צו די זון,

און זי שמייכעלט און מאכט זיך, ווי זי קוקט גאר אויפ'ן מארק אראב... די שויבען בלישטשען, דער מארק בלישטשעט אויך מיט זיינע טויזענד אבגעוואשענע שטיינדעלעך און שטיקלעך גלאז, און די קינדערלעך קלויבען שטראלקעלעך, מיט גרינע און בלאהע „שפאקטיוועך" פון די וואסערלעך ארויס. קינדערלעך פלעסקען מיט די נאסע הענדטלעך, פלעסקען און די שארוועגדיגע וואסערלעך ציהען זיך זייער וועג'ס, נישט זייער דאגה, נישט זייער עסק. אדרבה, יודישע קינדערלעך, פליעסקעט זיך, גריבעלט זיך נאר לויפען לאזט, לויפען... — און זיי לויפען, די וואסערלעך, צוזינגענדיג א לידעלע און צוברומענדיג. און וואס מעהר זיי לויפען, אלץ מעהר נחת'דיג קוקט זיי די זון נאך און פערטראכט זיך ווי א ליבע מאמע אויף די טויזענדער אויסשנעלענדיגע בלישטשעלעך, וואס ציהען זיך און לויפען זייער וועגס פון איין געסעל אין דאס אנדערע. בלויז יודישע געסלעך מיט יודישע קינדערלעך, וואו זיי וואשען זיי די הענדטלעך, נעצען זיי די העמדלעך איין און לויפען זיך ווייטער זייער וועגס, נישט זייער דאגה, נישט זייער עסק, ביז אין טייך אריין.

און דארט איז ערשט גאר א ליכטיגע וועלט!

עס בלישטשעט און גלאנצט פון אלע זייטען! די בוימער שטעהען רוהיג מיט אויפגעהויבענע קעפ צום ליכטיגען הימעל, וואס שיינט מיט אזוי פיעל חסד, און זיי קוקען אזוי שטיל, אזוי פערגאפט, מיט אזא טיעף געריהרטער בלישטשענדער פייכטקייט אויף די גרינע בלעטלעך, ווי עס קוקען קליינע קינדערלעך מיט א געטרייסטער טרעהר אין די אויגלעך נאך דעם, ווי די מאמע איז צוריק געקומען פון מארק און נעמט זיי מיט גרוים ליעבשאפט און גלעט זיי איבער די קעפלעך, זיי זאלען שווייגען און זיי, די קינדערלעך, האלטען נאך אין איין פישטשען... אין דער לופט טראגען זיך נאך ארום פייכטע בלישטשלעך פון רעגען-שפריצלעך. דאס וועלדעלע אויף יענער זייט טייך שטעהט אין א פייכטער בלוויליכקייט פערהילט, און דער טייך אליין וויעגט זיך שווייגענדיג, שטיל, און די חוואליעס שפיעלען זיך, שפיעלען זיך איינע מיט דער אנדערער און קריכען ארום אין וואסער מיט די טיעפע בלאהע רוקענס איינער איבער דער אנדערער, און לאזען זיך שווימען צו דער בריק צו, וואו א האלב שטעדטעל ווייבלעך און מיידלעך פערשטעלען זיי דעם וועג מיט זייערע טיכלעך, בלוזקעלעך און פארטוכלעך, וואס זיי האבען אהער געבראכט אויסצוואשען לכבוד דעם צוגעקומענעם לויטערן רעגען-וואסער און זיי שטעהען מיט די פערשארצטע קליידלעך ביז איבער די קניע ארייגעשטעלט

אין וואַסער, און דאָס וואַסער וואַשט זייערע טיכלעך, וואַשט זייערע גאַקעטע קלאָרע פּיס, אַזוי זיס, אַזוי מחיה'דיג, אַז זיי פיהלען גאָר ניט זייער פערטהוענקייט און זעהען גאָר נישט, ווי זייערע פּנים'ער רויטלען זיך פון גרוים בריה'שקייט, ווי די זון בעשיט זיי מיט גאָלדענע גראָשעקלעך, וואָס שוועבען אַרום איבער זייערע פלייצעס און קלאָרען האַלז. זיי זעהען נישט, ווי זיי שפּיגלען זיך אין וואַסער, ווי דאָס וואַסער הוידעט, גלעט זיי און פערבאָרגט אין זיך אַ סוד, אַ שטילען טיפען סוד, וואָס צוגיסט זיך אין אַלע אֵברים און פערזיסט דאָס האַרץ... עס ווינקט, עס חאַפּט, עס בעט, און עס ציהט בייַ'ן האַרצען אין דער שוים פון שעהנקייט...

די פעלדער, די לאָנקעס, דער טייך!... און אַ שמייכעלדיגע, אַ פרישע, ווי אַ יונגע פּרינצעסין, קוקט די זון אַראָב פון איהר אויסגעלייטערטען יום'טוב'דיגען הימעל.

עס בעווייזען זיך אויף דער ברוק אַ פּאָר חסידישע בחורים, אָבגעפוצטע „יאָלדען" וואָס געהען שוין צום טייך זיך באָדען. און אַז מען געהט לויפען שוין עטליכע קונדסים אויך, מיט שיינענדיגע פּנים'לעך, קוקענדיג אויף יענער זייט טייך, און מען שפּיעלט שוין די קנעפּלעך אָב אויף'ן וועג דערוויַיל, צו קומען צום טייך אַ גרייטער...

מען קוקט נאָך די חסידישע „יאָלדען", ווי זיי שווימען, און די הערצלעך טאַנצען פאַר פרייד, די אויגעלעך בלישטשען... נאָר זיי, די חסידישע „יאָלדען" האָבען זיי נישט אין זינען... זיי לעגען גלאַט שעהנע קלאַפּטער, מיט שעהנע אויסגעצויגענע נאַקעטע הענד איבערן וואַסער, אַז עס זאָל קיין שפּריצלעך ניט טהון... אַדרבה, זאָלען די מיידלעך און די ווייבלעך אין יענעם עק טייך זעהן ווער עס שווימט בעסער... נישט בעסער נאָר שעהנער...

און דאָס וועלדעל אין יענער זייט טייך מאַכט זיך גאָר נישט וויסען, שטעהט זיך אין זיינע בלויליכע פייַכטקייט פערהילט, און שוויַיגענדיג שעפּט עס נחת פון זיין טייך, פון זיינע יונגע לייטלעך, יונגע ווייבלעך און מיידלעך און פון גאַנצען שטעדטעל, אפילו מיט אַלע קונדסים זיינע, אין פון אַלע גרינע פעלדער און לאָנקעס, וואָס בלישטשען אַצונד מיט מיליאָנען וואַסערדיגע אויגלעך, און נאָך מעהר דערפון, וואָס די וועלט איז דערפרישט געוואָרען און האָט זיך ערשט גאָר מחיה געווען...

א חוב

אחוב.

שפעט ביי נאכט. דאס בית המדרש איז לעער. צווישען אויווען און די וואנד פון די ווייבער'ישער שוהל קרעכצט עמיצער. דארט שטעהען צוויי בענק צוגערוקט צום אויווען, און אויף זיי, אונטערגעבעט א פאר אלטע חאלאטלעך, ליעגט א יוד, איין אלטער מיט א גרוי האלב אויסגעקראכען בערד'ל. דער גוף — איין איינגעטרוקענטער שארבען צום איינברעכען זיך. און דאס פנים — געל, דיקלעך, נאר אביסעל גלאנצענדיג... און די אויגען פון אונטער'ן איינגעפאסטען שטערן אין קאפעל בלאנדזיען מיעד איבער'ן שטילען בית המדרש. דער אומרוה פון וואנד-זייגער וויעגט זיך שטיל, טיק-טאק, טיק-טאק. פינסטער הענגען די לאמפען איבער די לאנגע שורות טישען, נאר אונטער'ן בלעמער ברענט טונקעל א לאמפ, בענגליך קויקענדיג צום בלישצענדיגען נר־תמיד, וואסווארפט א בלוילעך מאט'ן שיין אויפ'ן בעליק פאר'ן ארון קודש. אויף דעם עמוד ברענט א יאהרצייט-ליכט און דאס פלעמעל ציטערט צו איבער דער טיעף איינגעברענטער שנויץ. זעלטען טהוט עס זיך א ציה אין דער הויך שמאל אויסגעצויגען און בלייבט א רגע גלייך, ווי ווילענדיג אריבער-קוקען, וואס טהוט זיך אין יענער זייט בלעמער...

פון דרויסען הערט זיך טריט געגעהנען צו דער טהיר און באלד הערט זיך א רודער'ן ביי דער קלאמקע. די טהיר עפענט זיך און עמיצער קומט אריין. די טונקעלע פיגורע מיט'ן שטיקעל ארויסגעזועהענעם פנים רוקט זיך צום אויווען מיט שווערע לאנגזאמע טריט. א יוד אין א גראבער בורקע. ער לעגט אום דעם קאפטער פון קאפ און לעהנט זיך אן אויף דער באנק פאר'ן אויווען, אונטערגעשפארט דעם עלענבויגען אונטער'ן לענגליכען פנים און שפיציג בערד'ל.

ליעגענדיג הערט ער די קרעכצען און ער פרעגט מיט א גראב קול:

— ר' מאטקע! וואס איז אייך?

יענער קרעכצט ווייטער אהן ענטפער.

דער יוד הויבט אויף דעם קאפ, און זיצענדיג אויף דער באנק בויגט ער זיך אן צום ווינקעל אויווען, קוקט ארונטער און פרעגט נאך אמאל:

— ר' מאטקע, וואס איז אייך?

— ווער איז? — פרעגט דער אלטער שוואך.

— איך, ישראל!

— אה, ישראל — — עה גאר ניש...

— וואס דען קרעכצט איהר?

— וואס פרעגסט דו, קינד, נישט גוט איז אליין... אפילו שטארבען...

— וואָס, ס'אי הײַנט ערגער?...

— ערגער, בעסער... אַלץ אײנס... אַלץ אײנס שוין.

— וואָס זאָגט איהר עפּיס — אַלײן... וואָס עפּיס הײַנט? און אַלע נאַכט ווי אַזוי? נישט אַלײן?!

— מילא, אַלע נאַכט, טאַקי אויך דאָס אײגענע...

ישראל שווײַגט. „אפשר דאַרף מען טאַקי וועמען?" פאַלט איהם אײן; „אפשר אַ חברה־מאַן?..." און באַלד געהט ער צו צום ערשטען טיש, נעמט אַראָב דעם ברענענדיגען לאָמפּ און קומט צוריק צווישען אוויוען אַרײַן.

דער אַלטער קוקט פערוואונדערט:

— וואָס טהוסט דו, ישראל?...

— גאָר נישט... אַ קוק טהון צי ליעגט איהר גוט...

— שטעל אַוועק, ישראל... עס האַלט נאָך נישט דערבײַ...

— ווער זאָגט, חלילה! אַדרבה, איהר זאָגט — אַלײן, אַלײן... נעהם איך דעם לאָמפּ פאַר הײמליכקײַט, גלאַט אַזוי, זיצען אַביסעל, שמועסען פאַר הײמליכקײַט...

— נו, נו... שטעל צוריק דעם לאָמפּ, שמועסען קען מען אַזוי אויך, אָהן לאָמפּ אויך, אַז דו ווילסט.

ישראל געהט צוריק מיט'ן לאָמפּ אין דער האַנד, הענגט איהם אַרײַן איבער'ן טיש און קעהרט זיך צוריק אום צום אוויוען און זעצט זיך אויף זײַן אָרט.

— ישראל! רופט ר' מאָטקע.

— וואָס אי?

— ווי שפּעט קען שוין זײַן אַצונד?

— אַצונד? באַלד... אויף דער סטרושע בין איך אַרויסגעגאַנגען — האַלב צוועלף, איז שוין אַזוי גרוים ווי אַ שעה צוויי... יאָ...

— וואָס טויג דיר דאָרט, ישראל... — רײַסט איהם ר' מאָטקע איבער — געה צו צום זײגער...

— אַ נפקא מינה... — רעדט ישראל שוין צו זיך, אויפשטעהענדיג פון אָרט. ער געהט צו צום זײגער, קוקט זיך אײן, צעהלט אַ ווײַלע די גראָבע שטריכען אַרום ווײַזער און געהט צוריק צום אוויוען.

— נאָך צוויי שוין... — גיעט ער ר' מאָטקען צו וויסען.

— נאָך אַלץ נישט טאָג...

— אַוודאי נישט, פּורים־צײַט... הײַנט ווערט טאָג זעקסע — ימים־

טובים-צייט אויך אזוי...

— נו, עפּיס גוט אזא לעבען, ישראל, נאכט ביי נאכט אויסצוקו-קען דעם טאג ?...

— מילא...— טהוט ישראל א ציה די פּלייצעס, און פעררוקט זיך אויף דער באנק אין דער אנדערער זייט אוועק.

א ווײַלע איז שטיל. פּלוצים וועקט ר׳ מאטקע ווייטער:

— ישראל, ישראל!

— וואס איז?

— זיי-זשע מוחל, קום נאר אהער.

ישראל שטעהט אויף פון דער באנק און שטעלט זיך אין עק צווישען אוועק.

— זאג מיר, ישראל, נאך א סך ברויט וועל איך קאליע מאכען?...

ישראל טהוט ווייטער א ציה די פּלייצעס, טראכט א ווײַלע און ענטפערט:

— עה, ר׳ מאטקע, א מענש טאר נישט זינדיגען, טאר זיך נישט איינשפּארען ביי גאט...

— ישראל, איך בעט דיך, דא אין ווינקעל, אין דער ספרים-שאנק, זעה א טעפּעלע, דערלאנג עס מיר.

ישראל מאכט א טריט צו דער שאנק, נעמט ארויס א טעפּעלע און דערלאנגט עס, פרעגענדיג:

— וואס איז עס דא?

— אביסעל בארנע-ייוך האט מיר א יודענע געברענגט, דאס מויל שמאכט מיר.

ר׳ מאטקע זעצט זיך אויף, נעמט דאס טעפּעלע מיט דער ציטער-דיגער דארע האנד, בליקט אריין און טהוט עטליכע שלונג. דערנאך נעמט עס ישראל צוריק און שטעלט עס אוועק אויף דעם פריהערדיגען ארט.

— זעהסט, ישראל, ווי דא יאגט א קעלט? — ווייזט ער איהם אויף די טהיר פון די ווייבער׳ישער שוהל — דאס האבען די ווייבער אבגע-ריסען דעם האק דעם שבת, אריינגעפּאקט זיך צום חתן-בעוואָרפען...

— מ׳דארף פערשטאפּען... — ענטפערט ישראל.

— מ׳דארף.

— מיט וואס?

— אט וואלגערן זיך בלעטלעך.

— עה... שמות?...

— ווײסט דו װאָס, ישׂראל? אַ לײבעל אַ צעררײסענער ליעגט דאָרט אין װינקעל צװישען די שמות — נעם פערשטאָפּ...

ישׂראל געפינט דאָס לײבעל, פערשטאָפּט די טהיר און פרעגט:

— איבערבעט'ן אפשר?...

נײן, נײן, שׂראל'ישי, אַ שעהנעם דאַנק, קענסט שוין געהן! הונדערט יאָהר זאָלסט דו לעבען.

ישׂראל געהט צוריק אויף זײן אָרט און שפּאַרט זיך אָן.

אַ װײַלע איז שטיל. עס הערט זיך דעם זײגערס טיק־טאַק, טיק־טאַק, און ר' מאָטקעס קול װעקט װײטער:

— ישׂראל, ישׂראל!

— װאָס איז?

— זײ־זשע מוחל...

ישׂראל שטעהט אויף, שטעלט זיך צװישען אויװען.

— נו?...

— ישׂראל, דו האָסט געקענט מענדעל פּתחיה'ס און דוד פּתחיה'ס, זײנע צװײ זיהן?

— מענדעל פּתחיה'ס און דוד פּתחיה'ס?...

— יאָ.

— אַ שאלה!... גוט געקענט, אַזױ װי מײנע צעהן פינגער...

— עפּיס אַ שעהנעם סוף געהאַט?...

— אַװעק געקומען אין דער חלירע, נישט געדאַכט זאָל זײן, די שעהנסטע מענשען אין שטאָדט.

— זײער פאָטער, ר' פּתחיה, נישט פאַר דײן געדענקען, אויך אַ שעהנער מענש... דער ראש הקהל געװען.

— איך געדענק איהם נישט.

— און דאָס הויז, ביסט דו אַ מבין, אַ תל ס'איז?...

— הויבט זיך אָן, בײ גאָט איז עפּיס אַ גרויס עסק?...

— אײ, װאָס װײסט דו!... װען איך בין צוריק געקומען און כ'האָב עס דערזעהן, האָב איך מײנע אויגען נישט געגלויבט... ר' פּתחיה'ס הויז! איך געדענק אפילו, װען מ'האָט דעם ערשטען שטײן געלעגט אויף אַ פונדאַמענט... ס'איז שוין אַ מעשה פון אַ יאָהר פופציג, אויב נישט העכער — האָסט דאָך אַ סימן, נאָך אײדער איך בין אַװעק פון היִע —— װי אַלט, ישׂראל, ביסט דו דען אין גאַנצען, אַ יאָהר זעקס און דרײסיג?

— אַכט און דרײסיג.

— און איך געדענק עס, ווי היינט. א נארישקייט, אפילו די קאר־פיתקע, א געפינגערטע קארפינקע... ר' פתחיה אין די שיך און זאקען און אין דער סערושינער שבת'דיגער יופיצע האט געטיילט בריגענפין די בעלי מלאכות וואס האבען געבויט. איינער, ר' פיניע, איז געוועזן דער אנטעפרינער, א מייסטער א קאפ־שטיק — — — און דאס הויז האט אזא שווארצען סוף... דערצעהל מיר, ישראל, דערצעהל ווי אזוי?...

— א גאר־נישט מיט א גאר־נישט — — — איך ווייס נישט מעהר, איך פלעג דאך שטענדיג געהן א סטרוזשע פון יענעם הויז, ווייס איך נישט מעהר, די ברידער, די שותפים הייסט עס, פלעגען זיך תמיד דורס'ן. מיך נאכ'ן גילדען פאר דער סטרוזשע פלעגען זיי מיך אנשיקען איינער צום אנדערן — זאל דער צאהלען, זאל יענער צאהלען, דערווייל האב איך געהאט ס'לויפעניש... נאר דאס איז נאך גאר־נישט מיט גאר־נישט... דורס'ן פלעגט מען זיך ערשט איבער'ן דאך פערריכטען. קיינער האט נישט געוואלט לעגען א גילדען, א שינדעל, איהר זאלט עס זאגען... און א הויז, זאג איך, איז פונקט ווי א בגד, נישט צוגלייכען. כ'וועל אייך ווייזען, א שטייגער כ'יין רבקה וואלט מיר נישט געלעגט אלע מאל א לאטע אויפ'ן בגד, פאלט עס פון מיר אראב שטיקער־ווייס... וואס, נישט? דעריבער איז עס... דאס איינענע איז דא אויך—נישט פאררינכט, איז נישט! רעגענט, רעגענט, ביז עס פערפוילט צו אלדע שווארץ־יאהר.

— קארגע געוועזן?

— עט, נאט אייך א גראשען פאר'ן קארגשאפט. עפיס א קלייניגקייט צוויי ברידער אין איין הויז, בפרט נאך א ירושה?... נאר א מערכה, הערט איהר, די שלאפקייט, וואס איז געוועזן מיט זעקס יאהר צוריק, נישט היינט געדאכט, האט זי געמאכט א פשרה — דיר א בעזונדער הייזעל און דיר א בעזונדער הייזעל... נאט אייך, קינדערלעך, און שא... רייסט זיך נישט ביי די קעפ — — — און די ירושה, די פערפוילטע ירושה, האט פאליציי באלד געהייסען פערקלאפען די פענסטער מיט ברעטער...

ר' מאטקע אטהעמט לייכט אב און פרעגט:

— און ר' פתחיה'ן, פון זיין טויט, ווייסט דו גאר נישט?

— פון וואגען?

ר' מאטקע פערשוויינט, פערטראכט זיך א ווילע און זאגט:

— אז דו ווילסט, ישראל, וועל איך דיר דערצעהלען, ווער דער ר' פתחיה איז געוועזן פאר איינער...

— דערצעהלט.

— זעץ דיך, זייַ־זשע מוחל. דאָ אין עק...

ישראל זעצט זיך נעבען ר' מאָטקען און ר' מאָטקע הויבט אָן:

„דער ר' פּתחיה, די ערד זאָל איהם דאָרט אַרויסוואַרפען, איז געווען אַ היגער ראש הקהל...

— וואָס שעלט איהר?

— ווייס איך שוין, נאָר הער בעסער...

„איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָהר צוועלף. אַ ברודער האָב איך געהאַט פון אַ יאָהר אַכצעהן, אַ הויכער מיט אַ קייַלעכדיג בלאַסלעך פּנים, קורצע פּאה'לעך, אָבער אַ פאַרשוין — איז געווען אויף עפּיס אַ קוק צו טהון... דער טאַטע מיינער איז געווען אַ שנייַדער, דער ברודער אויך, ער האָט שוין צוגעהאָלפען. מיך האָט מען נאָך געהאַלטען אין חדר, די מאַמע דער עיקר... מאַכט זיך איינמאָל אַזאַ מעשה: פּלוצלונג ווערט אַ קאָך אין שטעדטעל — מ'האָט מיין ברודער ביי נאַכט געחאַפּט מיט דער דינסט ר' פּתחיה'ס... ס'איז אַ פּנים אמת געווען, וואָרום די דינסט האָט מען געשמועסט, האָט באַלד ביי נאַכט עוקר געווען, זי איז געווען פון אַ דאָרף ערגיץ דאָ... נאָר מיין ברודער, וואו וועט ער לויפען, ער איז דאָך אַ היגער? געדענק איך — דער טאַטע האָט זיך אַרום־געדרעהט איבער די שטוב שטאַרק צורודערט, די מאַמע האָט געוויינט און דער ברודער איז געזעסען דעם קאָפּ אַראָב, דאָס פּנים שטאַרק בלאַס. פון גאַס קימען אַלע מאָל צו אַ חברה קלייַנוואַרג צום פענסטער, פּויקען אין די שויבען און שרייַען אַריין צום ברודער: „אַרה'לע — יענטעלע רופט דיך"...

אַזוי האָט מען זי געדופען, די מויד. מילא, דער ברודער האָט זיך נישט אומגעקוקט, נאָר מיר האָט עס געשטאָכען... הויב איך מיך אויף און געה אַרויס פון שטוב. נאָר וואו געהט מען? ס'חדר, האָב איך געוואוסט, איז הייַנט נישט פאַר מיר... די גאַס אויך נישט... וואָס דען טהוט מען? הויב איך מיך אויף און געה אַריין אין בית המדרש. שוין נאָכ'ן דאַווענען איז עס, שפּעט ביי טאָג, נאָר עטליכע מענשען טרעף איך נאָך דאָרט. שטעהען זיי אין דער מזרח וואַנד אַרום טיש, וואו ר' פּתחיה זיצט נאָך אין טלית מיט דער עטרה אויפ'ן קאָפּ. זיצט ער זיך נעבען אָרון קודש מיט די פּלייצעס צום פענסטער און לעגט אָב די תפילין און די, אַרום, קוקען איהם אין פרומען פּנים אַריין, וואָס פינטעלט מיט די אויגען. אין דער זייַט ווידער, שטעהט הערשקע שמש, דער בית דין שמש, אַ הויכער יוד מיט אַ שוואַרצע באָרד און אַ ברייט פּנים מיט אויגען שוואַרצע און אַריבער־געוואַקסענע ברעמען — אַ פּחד. שטעהט ער אָנגעשפּאַרט מיט

עֶלֶענבויגען אָן עמוד און דאָס אויער בויגט ער אַזוי אָן, ווי ער וויל אויך חאַפּען עפּיס אַ וואָרט... אַז איך זעה אַזוי... חאַפּ איך מיך צו אין דער אַנדערער זייט טיש און שטעה אויך — פּטור... אַ יונגעל דאָרט, די הוילעך צוריסענע מיט די קני'ע אין דרויסען און אַ היטעלע מיט אַ צושפּאָל־טענעם דאַשיק — פּטור, שטעה איך... און דערווייל הער איך ר' פּתחיה שמועסט:

— ווען האָט מען אַזוינ'ס געהערט אין אַזאַ יודיש שטעדטעל? — און טהוט אַ קרעכץ — אַוודאי וואָלט זיך שוין גאָט געמעגט מרחם זיין איבער יודען...

— טאַקי נישט געהערט געוואָרען — האַלט אונטער הערשקע — מילא, איך בין דאָך שוין שמש נישט פון היינט, דאַכט זיך, אַזאַ מעשה האָב איך נאָך נישט געהאַט...

— זעה־זשע, הערשקע — טענה'ט ווייטער ר' פּתחיה — דעם יונג, דעם שניידער, דעם פושע, צו ברענגען אין דער בית־דין שטוב...

— אַוודאי, אַוודאי — רופען זיך אַלע גלייך אָן — מ'טאָר אַזוינס נישט דערלאָזען.

— איך בין תמיד גרייט — ענטפערט הערשקע ברייט — וואָס קהל הייסט, בין איך גרייט צו פאָלגען. בפרט נאָך, אַז איהר הייסט אויך...

— נישט איך הייס אייך — מאַכט ר' פּתחיה — נאָר גאַנץ קהל הייסט... און געה, הערשקע, שוין, זוים נישט, וואָרום איך וועל באַלד זיין אין דער בית־דין שטוב.

— איהר געהט דען נישט אַהיים פריהער?

— יאָ, אָבער נאָר דעם טלית אַוועקלעגען... כ'האָב נעכטען, ב"ה אויך געפאַסט... אַ בוררות געזעסען...

הערשקע האָט אַ קוק געטהון אויף דר'ערד פאַר'ן עמוד, אויפגעהויבען זיין ים־שטאָק און געהט צו די טהיר.

אַז איך הער אַזאַ מעשה, שפּרינג איך אַרויס פון בית המדרש, חאַפּ אַ שטיין און לויף צו אונטער יענעם פענסטער וואו ר' פּתחיה זיצט — אַ קנאַק אַריין דורך די שויב, באַלד די געהיערן אַרויסצולאָזען... איך קוק מיך גאָר נישט אום און אין צייט איין מינוט בין איך שוין אין דער היים, נאָך איידער הערשקע ריהרט זיך מיט'ן שטאָק...

צוקאָכט בין איך, רעד איך נישט אַ וואָרט, דערצעהל גאָר נישט, נאָר חאַפּ דאָס אַיזערנע שטוּיסעל פון אונזער מערזשער און שטעל מיך ביי די טהיר — לאָ'מיך זעהן, ווער עס וועט די טהיר עפענען!... נאָר דער־

טאַטע מיט'ן ברודער טהוען צו מיר אַ לויף צו: „וואָס טהוסט דו, וואָס טהוסט דו!”... רייסען מיך אַוועק, די מאַמע אויך... איך שריי: הערשקע שמש געהט... און זיי גאָר נישט... נעמען מיר צו דאָס שטויסעל און שוין, „לאָ'מיר נאָר הערען, זאָגט דער טאַטע, נאָך וואָס ער קומט, זאָל ער נאָר אַריין-קומען” — — —

אין דעם עפענט זיך די טהיר — ברוך הבא, — הערשקע מיט'ן ים שטאָק. טהוט ער אַ ציה אַרויף די ברעמען, אַ קוק אויפ'ן טאַטען ווי טיט אַ שפיז.. און טהוט אַ זאָג: „מלך, דער רב איז אויף דיר גוזר, דו זאָלסט ברענגען דעם זוהן דייַנעם אין דער בית־דין שטוב!” אָבגעזאָגט, טהוט ער אַ קלאַפּ צו מיט די טהיר, ער איז שוין נישט דאָ...

דער טאַטע רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, די מאַמע וויינט, חלש'ט, פערפאַלען... און דער ברודער זאָגט, ער געהט נישט.

דער שמש קומט נאָך אַ מאָל, נאָך אַ מאָל, מתרה געווען, דער ברודער הערט נישט. קומט ער, הערשקע, מיט צוויי טרעגער און מ'נעמט איהם מיט געוואַלד דעם ברודער.

אין שטוב איז געוואָרען יום כפור, אין דרויסען — אַ געלויף... מ'פערהאַקט געוועלבען און מ'לויפט... איך אויך, מיט אַ געוויין לויף איך נאָך דעם ברודער ביז צום רב'ס שטוב. מען האָט מיך נישט אַריינגעלאָזט און דאָ ביי די פענסטער שטעהט מען קעפּ אויף קעפּ, ווי די בינען אָנגע-קלעפּט... ביי די טהיר אויך דאָס אייגענע.

פּלוצלונג, צורוקט זיך דער עולם, מ'מאַכט אַ וואַרע — ר' פּתחיה קומט אָן... ער לעבט זעה איך... געהט ער אין די שבת'דיגע יופּיצע און אין קאָלפּיק, אַ פּערציַיטישע זאַך... ער און נאָך אַ פּאָר חשובים, זאָל זיי די ערד אַרויסוואַרפען, געהען זיי אַריין אין דער בית־דין שטוב.

וואָס דאָרט האָט זיך געטהון, ווייס איך נישט. נאָר עס האָט געדויערט אַיין ערך פון אַ שעה, פיהרט מען דעם ברודער אַרויס פון דאָרט גלייך אין שוהל אַריין.

דער גאַנצער עולם איז נאָך, קינד און קייט, אַלץ לויפט אויפ'ן שוואַרצען וואונדער. אין שוהל האָט מען דעם ברודער אַרויף-געפיהרט אויפ'ן בלעמער און ער האָט געמוזט זיך מתודה זיין... נאָך וועניג, זעצט מען איהם אַריין אין קוניע, — אַזאַ בעזונדער שטיבעל אין פּאָליש — אַ פּערציַיטישע זאַך... איז ער דאָרט אָבגעזעסען אַ מעת־לעת. דער עולם האָט אַריינגע-שפּיגען דורכ'ן פענסטערל, און יונגוואַרג, ממזרים, ערב־רב, האָט אַריינ-געוואָרפען שטיינער און זאַמד — — —

נאָכ'ן מעת־לעת איז דער ברודער אַהיים געקומען, שוואַרץ ווי אַ קויל, די אויגען איינגעפאַלען — אַ פּחד... נאָר אַ רציחה, זעהט מען נישט אַזוינס. טהוט ער אַ לויף צו צו דער וואַנד, חאַפּט אַראָב די תּפילין און צוּשמעטערט זיי אין איין אויגענבליק און די רצועות — אויף פּיצ פּיצעלעך... דער טאַטע און די מאַמע פאַלען צו צו איהם — זיהנ'יש!... טהוט ער זיך אַ ריס אויס און אַרויס פון שטוב — —

האָט מען נישט געהערט פון איהם אַ פּאָר וואָכען, ביז מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז דאָ נישט ווייט ביי אַ גלח... געשמד'ט זיך... און חתונה געהאַט אין אַ דאָרף. פאַר דאָס, ביי שוהל־קלאַפּען, האָט דער שמש אונזער לאָדען אויסגעמיטען... די טאַטע מאַמע האָבען ס'פּנים נישט אַרויסגעוויזען אויף דער ליבשינגער שיין, און פאַר צער איז דער טאַטע באַלד געשטאָרבען — — —

די מאַמע האָט זיך גענומען טראָגען בעלי־הבית'שע פּעקלעך גרעט צום טייך, און איך — חאַפּען אַ בייגעל פון די מולטער אַראָב... דער ברודער פלעגט טייל מאָל, אין אַ מאַרק טאָג, קומען אין שטאָדט אַריין, געשטעלט זיך מיט אַ טישעל חזיר אין מיטען מאַרק... אַז יודען פלעגען זיך אָבשטעלען קוקען, האָט ער אַרויסגעבליזט די צונג... האָט מיך איינמאָל די מאַמע צוגעשיקט צו איהם, ער זאָל רחמנות האָבען אויף איהר און נישט קומען מעהר, האָט ער איהר צולייב געטהון. און מיר, איך בין געגאַנגען אָבגעריסען, האָט ער געגעבען צוועלף גילדען אויף העמדלעך מיט הויזען — פּאָרט אַ ברודער...

און איינמאָל זומער בעגינען, קלאַפּט עמיצער אָן אין די טהיר. די מאַמע געהט אַראָב עפענען, קומט ער אַריין, וויל איהר געבען געלד, וויל זי נישט. געהט ער, טהוט מיך אָן און נעהמט מיך אָן ביי די האַנד... די מאַמע לאָזט נישט, בעט ער זי, זי זאָל לאָזען מיך געהן ווייזען איהם דעם טאַטען'ס קבר... בין איך געגאַנגען און געוויזען איהם, איז ער געשטאַנען פון ווייטענס. געדענק איך, און געקוקט שטיל מיט טרעהרען אין די אויגען... דאָס פּנים בלאַס, אין גאַנצען יודיש, נאָר וואָס דער שפּאַנצער מיט'ן היטעל — אַנדערש... דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען עפּיס אַ גילדען דרייסיג, שטופּט מיר אַריין אין די האַנד, כ'זאָל געבען די מאַמען אויף אַ מצבה... נאָר געשטעלט האָט מען נישט — — מיך האָט ער געקושט און איז אַוועק מיט איין אונטער־וועג, קיינער זאָל נישט וויסען...

איך בין אַלט געוואָרען אַ יאָהר זיבענצעהן, האָב איך מיך שוין געקענט בעגעהן אָהן בייגעל־חאַפּען. דער היגער פּריץ, ווערזשבינסקי,

האָט געהאַט אַ פּראָפּינאַציע, אַ האַלבען גילדען דעם טאָפּ בראָנפּען, אַריינפּיהרען פּרעמרען האָט מען נישט געטאָרט, דער פּריץ האָט געלאָזט אַיינזעצען... נאָר ווער האָט געקוקט? בעלי הבתים פּלעגען ברענגען פון דאַנען, פון דאָרט, מ'האָט געברענגט. פּלעג איך שוין האָבען אַזאַ געניטען קוק — פון אונטער דר'ערד האָב איך דערשנאַפּט... און יענער האָט זיך געמוזט אויסקויפען פּאַר אַ וואָס-עס-איז... אַ'נישט, האָב איך געזאָגט, געה איך צום פּריץ... און נאָך איז געווען, היינט זעהט מען עס גאָר נישט, גאָר אַנדערע מענשען, אַפילו הייזער אַנדערע... פערציַיטענס, אַ הויז מיט אַ פּאָטשינע, אַ שפּייכלער מיט אַ פּאָטשינע, און אַזוי כסדר... בעלי-הבתים פּלעגען זיך צונויפקומען אויף די פּאָטשינע, שמועסען, דערצעהלען מעשיות, ליצנות טרייבען, אָדער גאָר חשבונ'ען אויף די טהיר מיט שטיקער ווייסלעהם אין די הענד... ווי זעהט מען גאָר היינט?... אַ בעל-הבית האָט געקענט האָבען אַ שפּייכלער מיט תבואה, אַ בוידעם מיט ציבעלעס, אַז ס'האָט זיך אַזש געבראָכען... פערציַיטישע יאָהרען — יאָ... פּלעגען זיין אַזעלכע, וואָס אַ שטייגער, אַ פּאַרובאָק אין אַ הויף האָט גע'גנב'עט אַ קערצעל תבואה, האָבען זיי עס ביי איהם צוגענומען פּאַר אַ שיבוש... האָב איך שוין דערשמעקט, ווער און וואָס... פּלעג אַריין-קומען צו יענעם בעל-הבית, על פּי רוב אין שבת, גאָט זאָל עס מיר מוחל זיין! — הער נאָר, בעל-הבית-לעבען! אַזוי און אַזוי... איך וויל אויך עפּיס פּערדינען... אַ נישט —— שוין, מ'האָט קיין צוויי ווערטער נישט גערעדט... און טהייל מאָל פּלעגט מען מיט מיר דורך-קומען פּאַר אַ שטיק פּיש מיט אַ חלה — — —

אַזוי האָב איך אָבגעפיהרט אַ צייט לאַנג, ביז איך האָב מיך דערוואוסט, אַז די שטאָדט וויל מיך אָבגעבען פּאַר אַ זעלנער — אין מיקאָלייפּציַיטען —— ביטער... וואָס טהוט מען? נעכטיגען אין דער היים האָב איך שוין מורא, וואַלגער איך מיך אַ נאַכט דאָ, אַ נאַכט דאָרט, נאָר פערהיטען האָב איך מיך נישט געקענט. און איינמאָל, איך שלאָף אין דער היים, קלאַפּט מען אָן שפּעט ביי נאַכט. די מאַמע וויל לויפען עפענען, האַלט איך זי איין אַ קודם, דאָס האַרץ האָט מיר עפּיס געזאָגט... האָב איך אויף מיר דאָס אָנטהון און זאָג די מאַמען: אַזוי ווי זי וועט נאָר עפענען די הויז-טהיר, זאָל זי באַלד צוריק אַריין אין שטוב, און איך וועל מיך דערוויַיל שטעלען אונטער די טהיר... אַזוי איז געווען, די חאַפּערס זענען אַריין און איך — אַרויס... אַוועק — — —

צוזאַמענגענומען איז די מאַמע אַריינגעגאַנגען צו ר' פּתחיה'ן, געוויינט

פאַר'ן, ער זאָל רחמנות האָבען, האָט ער איהר צוגעזאָגט און פערענטפערט נאָך, זי זאָל זיך נישט שרעקען. גאַנץ גוט און איך בעכטיג שוין ווייטער אין דער היים. פּלוצלונג, תחילת נאַכט, אומגעריכט, גיעט מען אַ בעלענער דאָס הויז און מ'חאַפּט מיך אַוועק ווי אַ פויגעלע... אונטער די שטאָדט איז געווען די קאָזע, זעצט מען מיך איין — זיץ!..

ביי נאַכט חלומ'ט מיך אַ חלום, און קיינמאָל האָב איך איהם נישט געקענט פערגעסען... מיר דאַכט זיך, אַז איך ציגד-אונטער ר' פּתחיה'ס הויז און איך זעה ווי עס פלאַקערט און פלאַקערט... אין דעם, איך וויל שוין ענטלויפען, חאַפּט מען מיך און מ'זעצט מיך איין אין די קאָזע — וואָס אַ חלום איז!...

בעגינען, איך מאַך אויף די אויגען, קוק מיך אַרום — אמת... שטעל איך מיך אויף צום פענסטער'ל און קוק אַרויס דורך די גראַטען. פאַר די טהיר ליעגט דער סטרוזש, אַ גוי אין אַ גראָבען סוקמאַן, און שלאָפט ווי געהרג'עט. שריי איך אַרויס צו'ן איהם, ביז ער חאַפּט זיך אויף. פרעג איך: — ביי וועמען האָט געברענט די נאַכט?... ער רייבט זיך די אויגען און זאָגט: ער ווייסט נישט, ס'האָט נישט געברענט אין ערגיץ... פערשטעה איך דאָך שוין, אַז ס'איז אַ חלום און מיר ווערט ביטער אויפ'ן הארץ פון דער קלאָרער תשובה... איך געדענק שוין אַלץ, אַלץ... און וואַרף מיך אויף דר'ערד מיט אַ געוויין — איין גאָט טאַקי האָט מיר געמעגט ענטפערן... געוויינט פאַר כעס, וואָס איך האָב מיך אַזוי מאוס אָבגענאַרט... נאָר פערפאַלען — —

ביי טאָג האָב איך געהאַט ס'גאַנצע שטעדטעל ביי'ן פענסטער'ל... זיי האָבען דערלעבט...

פאַר נאַכט בעט איך דעם סטרוזש, ער זאָל מיר שאַפען אַ פרישען טרונק וואַסער, איך בין קראַנק, זאָג איך איהם, נאָר ער וויל נישט, האָב איך געהאַט אַ פּאָר גראָשען, גיעב איך איהם אַוועק און בעט איהם נאָך אַ מאָל. געהט ער אַריין צו אַ שכן אַ גוי און ברענגט אַרויס אַ קיבעל. אַ ברונעלע איז דאָרט געווען אַ קליינס, ס'איז שוין היינט פערשיט, די קאָזע האָב איך געזעהן, איז שוין אויך אַ קופּע צובראָכענע ציגעל... נעמט ער, דער סטרוזש, שעפּט אָן אַ קיבעל וואַסער, ברענגט מיר צו צו די קראַטען, קען נישט אַריין... געהט ער אַריין-דערלאַנגען דורך די טהיר. ווי ער שליסט אויף, אַ געזונדטער יונג בין איך געווען, קריעגט ער פון מיר אַ קנאַק, דרעהט ער זיך איבער און איך בין אַרויס... און גלייך צום ברודער אויפ'ן דאָרף — — —

איך בין אַהין געקומען אַ שטיק אין דער נאַכט — — „ברודער ראַטעווע מיך!" דערצעהל איך איהם די גאַנצע מעשה. ער ווערט אָנגעצונדען פאַר כעס און די טרעהרען שטעלען זיך איהם אין די אויגען... דאָס ווײב, אַ יונגע שיקסע נאָך, האָט געוויינט, קוקענדיג אויף מיר, און געשאָלטען יודען מיט טויטע קללות... גאָט זאָל עס מיר מוחל זיין.

דער ברודער איז אַרויס פערמאַכען דעם לאָדען, קיינער זאָל מיך נישט זעהן... דאָס ווײב האָט מיר דערווייל געגעבען עסען און טרינקען. דערנאָך האָט זי געלעגט שלאָפען די קינדער, צוויי שרצים'לעך שוין געהאַט, און דער ברודער האָט מיך אַרויף־געפיהרט אויפ'ן בוידעם, אַ פולער בוידעם היי, און געלעגט זיך שלאָפען מיט מיר צוזאַמען...

בעגינען אין דרויסען האָט געבלאָזט, וועקט מיך דער ברודער. איך שטעה אויף. געהען מיר אַראָב, דאָס ווײב איז שוין אויף. בײם קוימען שטעהט זי אין אַ האַלב קליידעל, די פויער'ישע מיט די בלאָהע און רויטע פאַסקעלעך... אַ רויט קאָפּטאַנדל אַ לייבטס, די ציצען אַזש שטאַרען אַב... און דאָס פּנים רויטעלט זיך און די אויגען בלישצען קעגען פלאַקערדיגען פייער, וואו זי שוימט אָב פון אַ טעפּעל. דערזעהט זי מיך: דזשען דאָברי, שוואַגזשע, ווערט זי פרעהליך און דערלאַנגט מיר באַלד אַ טעפּעל קאָכענדיגע מילך מיט ברויט. וואַש איך מיך אָב און נעם עסען.

דער ברודער איז דערווייל געווען אין דרויסען. דורכ'ן פענסטער האָב איך געזעהן, ווי ער טרייבט אַרויס די קיה פון שטאַל — אַ קוה אַ שעהנע... באַלד קומט ער אַריין און זעצט זיך, אַ לאַנגע האַלצערנע באַנק איז געשטאַנען פאַר'ן בעט, וואו די קינדער ליגען, זעצט ער זיך. און אַזוי פערטראַכט, אַזוי בלאַס האָט ער אויסגעזעהן — אַ רחמנות... אז איך האָב אָבגעגעסען מאַכט ער צו מיר: הער, לאַנג זיין דאָ קענסט דו נישט... און קום מיט מיר — — —

געהען מיר אַרויס פון שטוב און מ'געהט.

אין איין עק וועלדעל בלייבען מיר שטעהן און דער ברודער הויבט אָן צו וויינען... דערנאָך מאַכט ער צו מיר: הער מאַטעל... שמד'ן — נישט! זיי אַ יוד... איך בין אויך... זאָגט ער און ווייזט מיר אין אַ שפּאַלט פון איין אַלטען בוים האָט ער ליגען אַ תהילים'ל — — נאָר וואָס דען, זאָגט ער, איך וועל דיך אָבשטעלען אין אַ שטאָדט אַריין, געבען דיר געלד גענוג, און דו חאַפּ דיך צו אַ גרענעץ...

איך בין געשטאַנען און ער הייסט מיך וואַרטען אין וועלדעל, ביז

ער וועט איינשפאנען זיין פערד און וועגעלע און צופאהרען נאך מיר.

דער ברודער איז אוועק צו דער שטוב און איך בלייב אליין.

זיץ איך אין וואלד. זיץ, זיץ, און טראכט וואס מיין סוף וועט זיין. דערווייל איז דער ברודער אנגעפאהרען און איך זעץ מיך אריין אין וועגעלע און מ'פאהרט אוועק קיין לובלין.

אין לובלין האט מיר דער ברודער געגעבען צוויי הונדערט גולדען, געזעגענט זיך און אנגעקושט וויפיעל ער האט געקענט און איז צוריק אהיים. איך ווייטער, קיין קאליע־שטריך איז נאך דעמאלט נישט געוועז, האב איך מיך געחאפט צו ביסלעך פון איין שטעדטעל אין אנדערן. איך בין אריבער די גרענעץ קיין גאליציען...

אין גאליציען האב איך מיך געלערנט שמוקלעריי. ביטער איז מיר געוועז און דאס בענגשאפט א היים ווייסט איין גאט אין הימעל... נאר פערפאלען, ווייל אין דער היים, ווייס איך, איז דא אר' פתחיה... ער קוקט מיך אוים — קורץ דערפון, כ'האב מיך אויסגעלערנט די מלאכה און שפעטער האב איך חתונה געהאט. נאר איין אומגליק — זי איז איין עקרה געוועזן... איידער וואס, איידער ווען, נישט אזוי גיך ווי עס רעדט זיך, איז דערווייל אריבער א יאהר פופצעהן זעכצעהן. דערנאך האב איך מיך גע'גט, חתונה געהאט מיט איין אנדערע, האב איך מיך שוין גאר בעגראבען. איין אלטע שוין, זי האט מיך גענארט אין די יאהרען און קיין קינדער נישט געהאט שוין... שפעטער איז זי אפילו געשטארבען, נאר איך בין שוין דעמאלט אלט געוועזן א יאהר פינף און זעכציג, שוין גראהע האר און איין ארעמאן, ווער וועט מיך שוין נעמען? אזוי איז מען איין שוואלב... שטאק אליין — האב איך מיך מישב געוועזן: וואס האלט דאס מיך צו, איך זאל זיין אויף דער עלטער אין א פרעמדער מדינה, וואס, ווען, די קינדער, די איינקלעך?... זאל זיין, זאג איך, ווי גאטס ווילען, לאמיך פאהרען א היים שטארבען, אליז וועט מען דאך מיך אצונד נישט אבגעבען פאר א זעלנער"...

דער אלטער האט אבגעזיפצט, אראבגענומען די אויגען פון ישראל'ן און איז שטיל געבליבען.

אין א ווייל ארום טהוט ער זיך פלוצלונג א הויב פון געלעגער, קריכט אראב, רוקט אפער א פאר שטעק־שיך פון אונטער די באנק און פון געלעגער אראב נעמט ער אויף זיך דאס היטעל און א צעריסענע וואטענע קאפאטע און וויל געהן.

— און דער ברודער — פרעגט ישראל — דער ברודער איז שוין געשטארבען ?

— געגען וואס פרעגסט דו, ישראל ?

— קעגען ירושה...

— שוטה... — טהוט דער אלטער א שאקעל מיט'ן קאפ און נעמט געהן צו די טהיר.

— וואו געהט איהר, ר' מאטקע — שרייט ישראל נאך.

— עה, איך קום באלד אריין...

— אליין, אפשר מיטגעהן ?

— ניין, ניין, ישראל'ישי מען דארף נישט...

און ישראל קוקט איהם נאך, ווי ער געהט ארויס פון בית המדרש.

אין דרויסען שיינט די לבנה. ר' מאטקע זוכט עפיס ביי דער ערד... ער געפינט א שטיין און טראגט זיך מיט איהם אין מארק אריין. דארט בלייבט ער שטעהן פאר א חורבה מיט צוגעשלאגענע ברעטער איבער די פענסטער — נאר אין דער הויך איז דאס פענסטער'ל פונ'ם בוידעם-שטיבעל אפען געבליבען און קוקט מיט א פינסטערן בליק אין הימעל אריין... די לבנה שטעהט קעגען איבער און קוקט אריין אין דעם חרוב'דיגען פענסטערל ווי אין א פינסטערן לעערן תהום... ר' מאטקע קוקט אויך... שטיל איז ארום, אלץ שלאפט און ר' מאטקע שטעהט און קוקט... די שטערענדלעך קוקען... א שטיקעל וואנט פון אינעווייניג בלייבט זיך פאר דער שטילער לבנה און ר' מאטקע קוקט —— ער געדענקט א העל בעלויכטען פענסטער'ל און ר' פתחיה'ס קול מיט'ן גמרא נגון... ער געדענקט ווי דאס פענסטערל האט אויסגעזעהן די נאכט פון ט"ו כסלו ווען חברה קדושה האט געמאכט סעודות... ער געדענקט עס אויך ביי איין אסיפה...— נאר פלוצלונג טהוט ער א הויב די האנד און אווארף ארויף דעם שטיין — נא, ר' פתחיה! ———

אין בוידעם חאפט זיך אויף א געקלאנגעריי פון קעץ . . . .

. . . .

א לעצטען פייערדיגען בליק פון נצחון און פעראבטונג ווארפט נאך דער אלטער אויפ'ן פענסטער'ל און קעהרט זיך צוריק אום אין בית המדרש אריין. דארט לעגט ער זיך צוריק אויף זיין געלעגער, אטהעמט לייכט אב און פון אלטען גליקליכען הארץ רייסט זיך ארויס: אצונד, גאט, אז איך האב שוין מיין חוב אבגעגעבען, קענסט דו דיינעם שוין נעמען!...

פון פייער און וואסער

אײנמאָל, געדענק איך, בין איך אַנטלאָפֿען פֿון דער הײם. די מעשה איז אַזױ געװען: איך האָב מיך פֿערליבּט אין אַ מײדעל, פֿון װעלכער איך האָבּ שױן מעהר נישט געקענט אױסהאַלטען. בין איך אַװעק צו איהר אַ הײם, ערקלעהרט זיך פֿאַר איהר און זי האָט מיר אָבּגעזאָגט. דאָס האָט מיך געװאָרפֿען אין אַ שרעקליכען כּעס און איך בין אַרױסגעלאָפֿען פֿון איהר אַ צוהיצטער, אַ צוקאָכטער און געשאָלטען די שטײנער פֿון גאַס. נאָר װאו לױפֿט מען פֿאָרט? — איך האָב מיך אױפֿגעהױבּען, אַנטלאָפֿען אױפֿ'ן באַהן־הױף. איך װעל נעמען אַ בּילעט און אָבּפֿאָהרען אַבּיסעל פֿון דער הײם. אָפֿשר װעט מיר דער שום אַבּיסעל אַרױס פֿון קאָפּ.

איך פֿאָהר און פֿאָהר: — — און אָט אַ מעשה, װאָס מיט מיר האָט זיך געקאָנט מאַכען. אױף דער באַהן, דאָס איז שױן געװען שפּעט בײ נאַכט, זיצט אין סאַמע װינקעלע אָנגעשפּאַרט מיט דער ברוסט און עלענבּױגען אין לאָדעכ'דל פֿון פֿענסטערל — אַ מײדעל, אָבער אַ מײדעל, אַז איך װאָלט געשװאױרען: צײט די װעלט שטעהט האָב איך נאָך אַזױנס נישט געזעהן.

איך געה צו איהר צו, ענטשולדיג מיך, און פֿרעג זי, אױבּ איהר איז נישט טונקעל דאָ צו זיצען, אױבּ יאָ — האָב איך אַ בעסער אָרט פֿאַר איהר.

— נײן — זאָגט זי — עס מאַכט נישט אױס...

— אױבּ אַזױ — זאָג איך — ענטשולדיגט, װעל איך מיך אױך דאָ זעצען... מען קען?

— יאָ, יאָ, מיט דעם גרעסטען פֿערגעניגען — מאַכט זי אַ בּע־װעגונג, אַרונטערהאַפּענדיג דאָס קלײדעל פֿון בײ דער זײט אונטער זיך אַרונטער.

איך האָב מיך געזעצט און געדאַנקט.

זי האָט גוטמוטהיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און איך האָב ערשט פֿרײער אָבּגעאָטהעמט נאָך אַ גאַנצען טאָג אַרומלױפֿען.

איך בין געװען אַן'אונגליקליכער, און אַצונד ערשט נאָך האַלבער נאַכט, קױם עטװאָס רוה דערגרײכט, אַז איך זאָל קאָנען שטילען אַבּיסעל מײן צורודערטקײט.

— אױ — האָב איך ערשט פֿרײער אָבּגעאָטהעמט.

איך האָב מיך אומגעקוקט איבער'ן וואַגאָן. פון די פּאָליצעס האָבען אַראָבגעהאָנגען אונמעכטיגע הענד, אויפגעשטעלטע קניען צו'ם בעליק האָבען זיך געזעהן; איבער דער טהיר פון וואַגאָן האָט געבלישטשעט אַ ליכט אין דער לאַמטער מיט פערשטויבטע שויבען און געוואָרפען אַ טונקעל־רויטען שײַן איבער די קעגענאיבערדיגע ווענד און פּאָליצעס, און דער גאַנצער וואַגאָן האָט געשנאָרכט מיט אַ שטיל רעגעלמעסיג שנאָרכען.

מיר איז אומעדיג געוואָרען און איך האָב מיך געווענדעט צו דעם מײַדעל:

— ווײַט פאָהרען זי?...

— ניין, קיין מלינטשיץ...

— קיין מלינטשיץ?... אין מײַן געבוירען שטעדטעל? — —

דאָס מײַדעל האָט מיך אָנגעקוקט.

— איהר זענט אַ דאָרטיגער? — האָט זי פון מיר איהרע שוואַרצע בּרעמען נישט אַראָבגענומען.

— ווי הייסט אַ דאָרטיגער? אַ דאָרטיגער פון אור־אור־עלטערן!...

— אזוי... — זאָגט זי — זעהט נאָר זעהט, און איך קען אײַך גאָרנישט...

— עה, וואָס ווייסט איהר, איך בּין שוין לאַנג אַוועק פון דער־היים... מײַן טאַטע וואָהנט שוין אויך גאָרנישט דאָרט... נאָר מײַן זיידע... איהר האָט איהם נישט געקאָנט? — שמואל יאָסיל האָט ער געהייסען — ער לעבט שוין נישט אַ גאַנץ לאַנגע צײַט...

— ניין — זאָגט זי — איך האָב איהם נישט געקאָנט.

— אַ פראַגע אַבּיסעל צי איך בּין אַ דאָרטיגער! פון אָבות אבותינו אָן... און אַצונד פאָהר איך דאָ פערבּײַ. אַח, ווי איך וואָלט עס אַ בּעל'ן געוועזען אַראָב צו פאָהרען אַבּיסעל, זעהן דאָס שטעדטעל, וואו מײַנע אור־אור־עלטערן האָבען געלעבּט און געשטאָרבען; אין דעם שטעדטעל וואו מײַנע אור־אור־עלטערנס בּיינער רוהען. ווער ווייסט צי דערקענט מען נאָך חאָטש די שטײַנער פון זײערע קברים...

— איהר וואָלט געוועזען אַ בּעל'ן אַראָבצופאָהרען? — פרעגט זי.

— פאַר וואָס דאָס נישט. איך וואָלט שוין געפאָהרען.

— נו, אויב אַזוי — זאָגט זי — אַז איהר קאָנט זיך אָנטהון דאָס פערגעניגען, וואָלט טאַקי געוועזען היימליבער...

— וואו איז עס, ווײַט?

— ניין, נאך איין סטאנציע; דערנאך צוצופאהרען מיט דער אקס אכטצעהן ווארסט.

— „אך — טראכט איך — איך פאהר! אכטצעהן ווארסט מיט דער אקס, צווישען מיר און דעם מיידעל קאן זיך שוין אנהויבען א שטיקעל ראמאנס...

— איך פאהר — זאג איך צו איהר — ווי גאט איז מיר ליעב!

— א שעהנעם דאנק — זאגט זי — איך האב שוין טאקי געקלערט, ווי אזוי איך וועל פאהרען אכטצעהן ווארסט וועגס אליין...

— צי אויף דעם וועג שרעקט וואס? — פרעג איך זי.

— ניין — זאגט זי — נאר א מיידעל איינע אליין...

— אזוי, נו איז טאקי גאנץ גוט...

— חאטש איך בין נישט פון די, וואס אנטלויפען פאר מאנספערשוינען — מאכט זי — נאר פונדעסטוועגען, אפילו מיט מאנפערשוינען דארף מען אויך וויסען מיט וועמען נישט.

— אודאי — זאג איך — אודאי עס וואלט איהן אויסגעקומען צו פאהרען מיט דעם בעל־עגלה אליין? אוי, זאל שוין גאט אויסהיטען...

— אודאי, איך האב ליעב צו פערברענגען נאר מיט מיינס גלייכען... מיט א מעהר אינטעליגענטער'ן מענש וועל איך נישט קיין מורא האבען צו געהן אפילו האלבע נאכט...

— אלזא, פאהרען מיר הייסט עס ביידע צוזאמען?

— אודאי פאהרען מיר, וואס דען נישט?

„אוי, הונדערט יאהר, האב איך מיר געטראכט, זאלסט דו מיר לעבען"... און איך פיהל מיך שוין ווייטער צוריק גליקליך.

„רבונו של עולם — טראכט איך — ווי דו פיהרסט דיין וועלט — מיט איין האנד שטראפסט דו און מיט דער אנדערער הייֶלסט דו... אט האט מיך ערשט איין מיידעל אוועקגעווארפען און איך האב שוין א צווייטע, און אט בין איך שוין מיט איהר גאר א גאנצער משפחה. און איך האב שוין דארט זיידעס און עלטער־עלטער־זיידעס... און וואס האט מען דען נישט צוליעב א מיידעל? צוליעב א מיידעל קאן מען האבען, דאכט זיך מיר, אלץ אין דער וועלט... איך געדענק, מיינס א שוועגערין האט איינמאל געמאכט מיין ברודער א שבת, פאר וואס זי האט נישט קיין רעכטען הוט ארויסצוגעהן אויפ'ן שפאציער, האט ער זיך, דאכט זיך מיר, געמעגט אויסגראבען א קבר און אריינלעגען לעבעדיגערהייד, אדער טאקי ווי מיין איינענע שוועגערין זאגט: לעבענ־ני־דיגערהייט... און איך האב

שוין נאָך דאַמאָלס אײנגעזעהן, אַז מען מוז — מען מוז אַלץ האָבען, װײל מען נאָר נישט זײן אײנזאַם".

„מײן ליבעטשקע, גוט פױגעלע... האָב איך שוין מײנער געקוקט אין די אױגען אַרײן — און װאָס װאָלט איך דען דיר נישט געגעבען? — דאַכט זיך מיר אַלץ אין דער װעלט, אַבי דו זאָלסט מיר נאָר קאָנען מײן האַרץ הײלען פון יענעם שלאַק, פון װעלכען איך אַנטלױף ערשט...

„ליעב מיך — טראַכט איך — ליעב מיך, און איך װעל דיר מיט אַלעם אין דער װעלט אָבדינען".

און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז אױפ׳ן װעג װעלען מיר זיך אָבשטעלען אין אַ קרעטשמע. איך װעל מיר הײסען צוגרײטען אַ צװײ צימערן, אײנס, װאו דאָס פענסטער זאָל אַרױסגעהן צו׳ם שאָסע, און דאָס צװײטע, װאו דאָס פענסטער זאָל אַרױסגעהן אין װאַלד אַרײן, און װעלען דאָרט פערברענגען האָטש אַ צװײ טעג... קאָן מען זיך שוין אײנליעבען, דאַכט זיך, אַ ביסעל, נישט קשה... און דערנאָך װעלען מיר אַרײנקומען צו איהר אין שטעדטעל; װעל איך שוין האָבען נעקומען, הײסט עס, אױף גרײטע כלים. — און איך האָב שוין אױסגעקוקט, אַז דער װעג אונזערער אױף דער באַהן זאָל זיך שוין ענדיגען.

— נאָך װײט איז צו פאָהרען? — האָב איך זי געפרעגט.

— נײן, נישט מעהר װי אײן סטאַציע...

נאָך אַלץ אײן סטאַציע... און דאָ ברענען שוין אױף מיר די האָר.

— אַנ׳עק אַ סוף זאָל שוין נעמען! — —

ענדליך האָט זיך די באַהן פאָרט געשטעלט און מיר זענען אַראָבגעגאַנגען.

איך האָב איהר נאָכגעטראָגען דאָס אױבערמענטעלע, דאָס קױשעלע מיט פאָמעראַנצען, װאָס זי האָט זיך אַהײם געקױפט אין ערעל־פּאַפּיער אײנגעװיקעלט, דאָס רײזע־טעשעל, אַפילו געהאָלפען איהר די שפּילקעס צו פערזעצען אין היטעלע, די קעמלעך, אַז די האָר זאָלען זיך איהר נישט צולאָזען, מיט אײן װאָרט — אַלץ, אַלץ, האָב איך פאַר איהר געטהון, װאָס פאַר אַ מאַנספּערשױן איז נאָר מעגליך אין דער הינזיכט, און מיר זענען שוין בשלום אַרױס אױף דער צװײטער זײט װאָגזאַל, װאו ס׳איז טאַקי געשטאַנען אַ פוהר׳ל מיט אַנ׳אײנציג פערד אײנגעשפּאַנט, מיט הױכע געזעסען פון שטרױ געמאַכט און מיט פלאַכטעלעך איבערגעדעקט.

— אט אהער קומט, אט אהער... — האט זי מיך גוטמוטהיג גע־רופען מיט א ליבטיגען בליק.

— קאן איך וויסען ווי אייער נאמען איז? — האב איך זי ערעל און שעהן געפרעגט.

— מיין נאמען — האט זי מיט נאך מעהר חן אויסגערעדט — איז שרה'לע.

— ווי שעהן דאס קליידט אייך... — האב איך מיך אזש צעשמיי־כעלט און געפרעגט זי ווייטער:

— שרה'לע... זאגען זי מיר... צי איז פערהאנען עפיס א קרעטשמע אויפ'ן וועג? —

— א קרעטשמע — זאגט זי — יא, ס'איז פערהאנען, אפילו צוויי, נאר צו וואס טויג אייך?

— גלאט אזוי — זאג איך — מען וועט אביסעל אבטרעטען אויף א שעה צוויי...

— נאך וואס — זאגט זי — די קרעטשמעס זענען נאר פאר די גרויסע פראכט־וועגען, וואס פאהרען דורך דעם טראקט אין דער גרויסער שטאדט אריין; אבער אונזער וועגעלע גליטשט זיך אריבער דאס שטיקעל וועגס צייט אנדערהאלבען שעה; צייט אנדערהאלבען שעה זענען מיר שוין אין דער היים.

— צייט אנדערהאלבען שעה אינגאנצען!...

די מעשה איז מיר אפילו נישט שטארק געפעלען, נאר וואס זאל מען טהון? איך האב מיך אויפגעזעצט מיט איהר אין וועגעלע אויף איין געזעס, ארומגעהאלטען זי, ארומגעהילט, געקוקט איהר אין די אויגען אריין צי ס'איז איהר נישט קאלט.

— שרה'לע — זאג איך — אוי די פיסעלעך... און איך האב זיי איהר ארומגעדעקט מיט שטרוי.

דערווייל זענען מיר געווארען, וואס א מאל נעהנטער משפחה... זי האט גארנישט געטהון, נאר געקוקט מיר אין די אויגען אריין און געלאכט.

דער גוי, דער פוהרמאן, אין א ברוינעם פעלץ מיט א דובלינעם קאלנער און א קאשקעטעל אויפ'ן קאפ, האט זיך שוין אויך איינגעזעצט אין וועגעלע פארענט און געקוקט עפיס מיט אנ'אויפגעהויבענעם קאפ אין דער ווייטקייט. דער שליאבאן איז נאך געוועזן צו און די באהן איז גע־

שטאנען איבער'ן טראקט און געקוקט מיט צוויי רויטע אויגען אין דער נאכט אריין.

דערווייל האט ערגיץ אויסגעקרייהט א האהן אויף טאג — פון אונטער א פויעריש דעכעל אפער. איך האב מיך ארומגעקוקט: צעזייעטע ווייסע הייזעלעך זענען געשטאנען איבער'ן פעלד ווייט איינס פון דאם אנדערע און געבלייבט זיך אין דער נאכט-פינסטערניש. ארום איז געלעגען אנ'אויסגעשפרייטער טיעפער הימעל, אויסגעבלישטשעט מיט שטערענס, וואס האבען איבער די הייזלעך אראבגעפינקעלט, ווי זיי וואלטען צו די דעכלעך געוואונקען. די לופט איז געוועזען קיהל'ליך און איך האב געוואלט, אז מען זאל שוין פאהרען.

ענדליך האט זיך די באהן דורכגעשלענגעלט פערביי דעם שליאבאן, ווי א קרומער אויסגעדרעהטער שלאנג מיט צוויי פייערדיגע גרויסע אויגען פאראויס, אריינלויפענדיג אין וועלדעל, איבער וועלכען זי האט נאר איבערגעלאזט אין דער נאכט-פינסטערניש ווי קופקעלעך נעבעל, וואס האבען זיך איבער די שפיצען בוימער ארומגעדרעהט. דער שליאבאן האט זיך אויפגעמאכט, אונזער פויער האט זיך איבערגעצלם'ט, ריהרענדיג פון ארט מיט דעם וועגעלע, א שמיץ געטהון דעם פערדעל און מיר האבען זיך גענומען אויפ'ן שאסע ארויס.

א גאנצען וועג, וואו נאר א קרעטשמע, וואו נאר א יודיש הייזעל, האב איך געוואלט אראבשפרינגען, חאפען פאר איהר'ט וועגען עפיס, א גלעזעלע טהע, א גלעזעלע טהע מיט אראק, א גלעזעלע מיט וואס איך וועל נאר קריגען. נאר זי האט מיר גוטמוטהיג און מיט א שמייכעלע געקוקט אין די אויגען אריין און געבעטען, איך זאל מיך נישט בעמיהען, איך זאל נישט לויפען, עס איז גישט נעטהיג און גאר נישט... האט זי מיר געדאנקט און צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ, אזוי שעהן אזוי ליעבליך, אז איך האב געמיינט די נשמה געהט מיר שוין אויס. דערווייל האט אויפגעשיינט דער מארגענשטערן און געשטעלט זיך קעגען-איבער אונזערע פנים'ער, ווי א קריסטאלען גרוים בלישצענדיג אויג. און גענוג שעהן איז דאך יענץ אויג געווען, — נאך שעהנער זענען איהרע — גענוג האט דאך יענער געגלאנצט, איהרע אויגען האבען אבער נאך שעהנער, נאך טיעפער און שטילער געגלאנצט קעגען-איבער איהם און קוקענדיג אויף איהם. איך האב מיך שוין נישט געקענט איינהאלטען און איינגעגעסען זיך אין איהר מיט דער גאנצער נשמה, ביז וואנען איך האב נישט געוואוסט, וואו דער וועג איז מיר פערשוואונדען געווארען און ערשט אונטער'ן שטעדטעל.

װען דער גוי האָט געגעבען אַ מאַך פּ־פּ־פּ־ו־ו... און דאָס װעגעלע האָט זיך אַ שטעל אָב געגעבען — האָב איך מיך אױפגעכאַפּט.

מיר זענען אַראָבגעקראָכען. ס'איז שױן געלעגען אַ װײַס פּרעסטעל אױף די ברעטער פון דער ברוק, אױף די פעלדער און אױף די נאַקעטע צװײַגען פון די בױמער; אין מזרח־זײַט האָט שױן די זון אָנגעהױבען אָפּער צו שטראַהלען און מיר זענען זיך מיט שטילע טריט אַרײַנגעגאַנגען אין שטעדטעל אַרײַן. דער גאַנצער מאַרק איז נאָך געשלאָפען אונטער פּערמאַכטע לאָדענס, אַ ליאַדע טריט איבער דער ערד האָט אָבגעקלונגען מיט אַ װידער־קול. און דאָ זענען מיר שטעהן געבליבען און צװישען אונז בײַדע האָט זיך אָנגעהױבען אַ שטיל קלערען.

— נו, װאָס שטעהען מיר — פרעג איך — װאו װעלען מיר ערשט געהן? —

— איך װעל מיר געהן — זאָגט זי — אין מײַן שטיבעל אַרײַן.

— װאו, אין אײַער שטיבעל אַרײַן, און איך?

— און איהר — זאָגט זי — איהר האָט דאָך געװאָלט זעהן דאָס שטעדטעל...

— האָ ליעבינקע, װאָס רעדט איהר, װי הײַסט, איך בין דאָך נישט געקומען צוליעב דעם שטעדטעל...

— װי הײַסט נישט צוליעב דעם שטעדטעל, צוליעב װעמען דען? — צוליעב דעם, װאָס אײַערע עלטערנס בײַנער רוהען דאָ — אמת?

— װאָס פאַר אַנ'עלטערנס בײַנער? — שרה'לע, גלױב מיר, אַז נישט!.. װײל איך אױסשרײַען, נאָר זי האָט מסתמא דערזעהן אין מײַן אױג אַ פינקעל, אױף װעלכען זי האָט זיך נישט געריכט — און איך װײס נישט, אפשר האָב איך מיך בשעת מעשה געװאָלט איהר װאַרפען אױפ'ן האַלז אױך, נאָר זי האָט מיך אין אײן רגע געלאָזט שטעהן, ענטלױפענדיג פון מיר מיט שנעלע דראָבנע טריטעלעך...

— פושאַרקעס, שפּרינגערקעס, אַ חאָלערע זאָל איך אַלע אין אײן טאָג טרעפען. װאו האָט איהר מיך שױן װײַטער פערפיהרט? — האָב איך אױסגעשריגען! נאָר שטעהן בין איך דאָך געבליבען אײנער אַלײן אין מיטען אַ פרעמדען מאַרק — — — — — — — — —

א דערטרונקענער

דרעמלענדיג בין איך נאָך אין בעט געלעגען, דער שלאָף האָט נאָך מײַנע געדאַנקען געוויגט, ווי אַ לײַכט ווינדטעל די זאַנגען אויפ'ן פעלד — נאָר מיך האָבען שוין בעאונרוהיגט עפּיס נישט דײַטליכע קולות, קלאַנגען און קרעכצען פון פערביטערטקײַט וואָס האָבען זיך אין שטוב אַרומגעטראָגען — איך האָב געפיהלט אַז אַרום מיר דרעהען זיך אַרום מײַנע טאַטע און מאַמע און נאָך איינינע שטוב־מענשען מיט עפּיס מאָדנע לײַכטע טריט, און מיר איז אין האַרץ אַרײַנגעפאַלען אַ פונק, וואָס האָט מיך מיט אַ ברען פון שלאָף אויפגעריסען:

— וואָס איז דאָ? — האָב איך מיך אַ ריס אַראָב געטהון פון געלעגער קוקענדיג אויף זיי ווי אויף אַ רעטעניש.

אַלע שטוב־מענשען האָבען מיך אָנגעקוקט און די מאַמע האָט מיט אַ ביטערקײַט אין קול צוגעשאָקעלט מיר מיט'ן קאָפּ:

— אַנ'אומגליק איז געשעהן... אונזער שכנ'טעס זון איז דערטרונקען געוואָרען!...

— אונזער שכנ'טעס זוהן — מאיר?.. — האָב איך מיך אָן דער מאַמען אָנגעכאַפּט, און באַלד מיט אַ דערשלאָגען אַראָבגעפאַלענקײַט, ווי פאַר זיך אַליין, אַרויסגעבערענגט:

— און הײַנט איז אין דער ספירה...

די מאַמע האָט די ווערטער געהערט און נאָך מעהר פערביטערטקײַט האָט זיך אויף איהר פנים צוגאָסען.

— וואָס?.. — האָט דער טאַטע אויך געפרעגט מיט אַ טרויעריגען בליק — וואָס זאָגט ער?..

— ער זאָגט גוט... — האָט די מאַמע ווײַטער צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און אויף איהרע ברעמען האָבען שוין געהאָנגען צוויי לויכטענדיגע טרעהרען.

איך האָב אין אײַלעניש אַ בליק געוואָרפען איבער די פענסטער. אַ מין שטיל־פערזונקען גערויש האָט זיך געטראָגען פון ווײַטען דרויסען, ווי פון דער בריק צו, און געשווינד האָב איך געכאַפּט אָנטהון מײַנע מײַטקעס, נאָר פאַר אײַלעניש האָב איך צו קיין קנעפּעל נישט געקענט טרעפען און די מאַמע האָט זיי מיר געמוזט פערשפּיליען.

איך בין געשווינד אַרויס־ענטלאָפען אויף דער גאַס—באָרפיס, נאָר אין די איינציגע הויזלעך, און האָב דערזעהן, ווי מענער און ווײַבער לויפען

מיט אַ דערשלאָגענקייט אויף די פּנים'ער, קיין קאָפּקע, קיין היטעל זיצען נישט אויף זייערע ערטער איין, נאָר אַלץ איז פערדרעהט און צופּלאָטערט, אַלע מיט צופלאַמטע פּנים'ער, און פון גרויס רייסען זיך, זעהען זיי אַלע אויס ווי אונטערגעהאַקט אויף די פּיס און פאַלען פון די כּחות. אַ שרעקליכע דורשט ליגט אויף די פּנים'ער אויסגעגאָסען, און אַ רחמנות איז צו קוקען, ווי שוואַך, ווי אונמעכטיג יעדע בעוועגונג איז... נאָר מען לויפט און מען לויפט, אַלע צו דער בריק צו... דאָ האָט זיך מיט אַ צעהן מינוט צוריק בעוויזען אַ שיינגעצ'ל אין די בלויע הויזעלעך און מיט אַ פערדומפּען קול דער ערשטער די בשורה געבּרענגט: „זשיד אוטאָפּיל'שע"!...

און אַצונד לויפט שוין די גאַנצע שטאָדט. דער שוחט לויפט, דער בעסטער שווימער אין שטאָדט, און פאַר איהם און הינטער איהם הונדערטער, הונדערטער מענשען. אַ שרעקליכער ברען, אַ פלאַם האָט זיי אַלע פערחאַפּט, און די אויגען ציהען זיך איבער דער לאַנקע צום טייך, און אויפ'ן זאַמדיגען וועג, הויבט זיך אַ שטויב אויף פון די טויזענדער פּיס, וואָס לויפען און לויפען אַזוי שווער, אַזוי דערשלאָגען און אַלע פּנים'ער האָבען איין גליהענדיגען פערלאַנג — הילף, רחמנות, גאָט אין הימעל! און אברהם שוחט רייסט שוין פון זיך דאָס אָנטהון נאָך אין מיטען לויפען, רייסט און וואַרפט עס הינטער זיך און לויפט ווייטער און רייסט ווייטער, לויפענדיג און פאַלענדיג פאַר מאַטקייט. זיפצען, ברומען, געשטיקטע קולות, אַלץ ווערט פערחאַפּט אונטער איין ברען פון הונדערטער קעפּ, און הונדערטער אויגען ציהען זיך שוין צו די גרינע ברעגעס פון טייך. נאָר דער וועג איז אַזוי שוואַרץ בעלעגט מיט מענשען, און איבער אַלעמענס קעפּ טראָגט זיך אַזאַ געדיכטער וואָלקען-שטויב, און עס דאַכט זיך אַ בהלה איז אויף דער וועלט געקומען און די גאַנצע לופט איז מיט היץ און משוגעת אָנגעפילט געוואָרען.

נאָר אָט איז דער טייך. ווי אַ קאַלטער, בעזער גמאַך גיסט ער זיך פון דער ווייטענס מיט שוואַרצע גלאַנציגע חוואַליעס, ווי שוואַרצע מאַרמאָר-שטיינערנע, און אַ שוואַרצע טיעפקייט איז אין זיין שטראָם אויסגעגאָסען, וויעגענדיג זיך איבער די הויכע ברעגעס אַריבער און פערדעקט אין זיך אַ טיעפען שוואַרצען סוד...

און איבער דעם זאַמדיגען ברעג, וואו מען באָדט זיך, שטעהען שוין הונדערטער מענשען מיט צומישטע פּנים'ער, און רייסען זיך מיט משוגה'דיגע הויות און אויסגעשטרעקטע הענד איבער'ן וואַסער. איינע

דעם אנדערן העלפט דאס אנטהון פון זיך אראבצרייסען, ווייבער און מענער אויסגעמישט, איינער דעם אנדערן העלפט, אלע העלפען זיך, פערסמ'ט, ברענענדיג. און דאס העלפען זיך זעהט אוים, אזוי רחמנות'דיג, אזוי אומבעהאלפען, אז נישט אנדערש נאר דער אייגענער טייוועל, וואס האט דעם דערטרונקענעם אין וואסער אריינגעשלעפט, מישט זיך אצונד ווייטער אריין צווישען די מענשען, פערטומעלט זיי, מאכט זיי משוגע, און זיי אמפערן זיך, ראנגלען זיך איינער מיט'ן אנדערן מיט ווילדע ברומען און מאכענדיג מיט די הענד, ווי פון היץ ארוים, און איינער דעם צווייטען הויבט נישט אן צו פערשטעהן. נאר ביי דער זייט, אויף א גרינע קעמפע גראז שטעהט דער קאוואל, א הויכער גוי אין גאלען קאפ, באָרפים און די הויזען פערשארצט ביז איבער די קניע און האלט א לאנגען דראנג אין דער האנד, טאפענדיג מיט איהם אונטערן וואסער ארונטער פון איין ארט אויפ'ן אנדערן — און הינטער זיינע פלייצעס, אויפ'ן ברעג, שטעהט זיין ווייב, א גויה מיט א רויט פאטשיילעכעל ארומגעבונדען דעם קאפ, און זי צלם'ט זיך און צלמ'ט זיך מיט א דערשלאגענקייט אויפ'ן פנים, קוקענדיג איבערן טייך און אויף די גאנצע קופעם יודען אויפ'ן ברעג. און באלד האבען זיך נאקעטע יודען אין וואסער אריין געווארפען, איינער נאך דעם אנדערן, איינער נאך דעם אנדערן און שווימענדיגע קעפלעך האבען אנגעהויבען איבער'ן וואסער ארומצובלאנדזיען. און די טונקעלע חוואליעס ווערן וואס אמאל מעהר אויפגערודערט און שלאגען זיך אן איבער די שווימערס נאקעטע אקסלען און לויפען זיך איינס דאס אנדערע אנטקעגען מיט אזעלכע טיפע שווארצע רעיונות, און די שווימענדיגע קעפלעך צווישען זיי זעהען אוים אזוי קליין, אזוי פערטהון, אז גאט ווייס צי זענען זיי שוין אויך נישט פערפיהרט געווארען און בלאנדזיען אזוי ארום אהן זייער ווילען... און דער גוי אויף דער גרינער קעמפע רייסט זיך אויפ'ן קול און ווייזט אן מיט דער האנד איבער וועלכע ערטער מען זאל שווימען. נאר דאס קול ווערט וואסער איבערן צוטראגען, און עפים ווי פערזונקען ווערט עס, אז קיינער, דאכט זיך, הערט איהם נישט. און דער עולם אויפ'ן ברעג קוקט איבער'ן טייך, ווי קעפלעך בלאנדזיען, בלאנדזיען, און אלע מאל לאזט זיך אנ'אנדער קעפעל אונטערן וואסער ארונטער, קומט צוריק ארויף מיט לעדיגע הענד, אבציהענדיג טיעף דעם אטהעם און איבערווישענדיג זיך מיט דער האנד איבערן געזיכט, און לאזט זיך ווייטער אראב. איינער נאך דעם אנדערן לאזען זיך אונטער, וואסער אראב, איינער אונטערן אנדערן, נאר אלע קומען צוריק ארויף אבגע-

מאַטערט, און דער עולם אויפ'ן ברעג צאַפּעלט מיט די בליקען, קוקט מיט דורשט: נישטאָ, און נישטאָ!... און דער צער איבער די פּנים'ער וואַקסט, איבערן וואַסער שוועבט אַרום אַ פּערבּיטערונג, די קעפּלעך זוכען און זוכען און ווייבער שטעהען און ברעכען די הענד און אַ שטיל געחליפּעריי, געשטיקטע ברומען פּילט די לופט אָן.

— אָפשר זאָל מען צוויי ברויט לאָזען שווימען איבער'ן וואַסער מיט צוויי ליכט אָנצינדען... — ברעכט זיך אַ יודענע די הענד. און פּלוצלינג איז די מוטער פון דעם דערטרונקענעם אָנגעקומען. לאָזענדיג זיך פיהרען אונטער די הענד פון מענער און ווייבער — און אויפ'ן ברעג איז זי אַנידערגעפאַלען מיט אַ פּערשטיקטען קול צום וויינען, נאָר וויינען האָט זי נישט געקענט, און ווייבער און מענער האָבען זי אַרומגערינגעלט. וואו זי איז געלעגען מיט אויסגעשטרעקטע הענד צום וואַסער און מיט איין טרוקען אויסגעברענט קול געבעטען זיך רחמים ביי די אַרומיגע..

פּלוצלונג האָט איינער פון טייך אַרויס אַ געשריי געטהון מיט אַ פּערדומפּטען קול און געדרעהט מיט דעם קאָפּ איבער'ן וואַסער, ווי ער וואָלט ערשט אַרויפגעקומען, און אַמפּערנדיג זיך מיט די הענד אונטערן וואַסער אַ וויי אַרויף געטהון דעם דערטרונקענעמס קאָפּ, איינגעדרעהט איין האַנד אין זיינע האָר... דער עולם האָט דערבּליקט דאָס געלע וואַקסענע געזיכט מיט די פּערמאַכטע אויגען איבערן וואַסער און שווימער פון אַלע זייטען האָבען זיך אין דער מינוט צו־ויפגעצויגען אַרום דעם ערשטען. איין רעדעל איז פון אַלע געוואָרען, אַלע האָבען דעם דער־טרונקענעם אונטערגעחאַפּט, און דערהויבענדיג איהם עטוואָס העכער אין וואַסער האָבען זיך אַלע געאַמפּערט מיט דער שווערער מאַסע, און די אַלע פּנים'ער פּערטהון אין אַ שווער ליידען און פול אָנגעזאַפּט מיט אַנ־איינגעהאַלטענעם קרעכץ האָבען זיך ווי איין קופּקעלע צום ברעג געצויגען, און טהייל פון זיי זענען גאָר פון הינטען נאָכגעשוואומען און דאָס קופּקעלע נאָך די פּלייצעס נאָכגעשטופּט צום ברעג אַרויס...

אַ געלע וואַקסענע פיגור מיט נאָכגעלאָזטע הענד און פיס און אַרונטערגעהאַנגענעם קאָפּ, ווי נאָך אַ געשאָכטענעם הערינג האָט מען דעם דערטרונקענעם פון וואַסער אַרויסגעטראָגען אויף די הענד. די ליפּען זענען שוין בלאָה געווען, די אויגען פּערגאָסען און פון אָפענעם מויל האָט זיך אַ וואַסערדיגער שלאַם געגאָסען.

דער גאַנצער עולם אַרום איז שוין אויף איין קופּע געשטאַנען, אַלע

מיט פערטהוענע פנים'ער אין דער מיט אריין, און אין דער מיט האט זיך די מוטער געריסען און מיט ביידע הענד דעם דערטרונקענעם ביי'ם פנים געריסען:

— מיין זוהן, מיין זוהן!..—

— נישט אויף דער ערד... נישט אויף דער ערד!..— האט דער עולם ארום געקאכט, ווי אין א קעסעל.

— פלאכטעס... פלאכטעס!..— האבען אנדערע געשריגען.

און דעם דערטרונקענעם האט מען אויף די הענד אין דער לופט געשאקעלט און געוואָרפען.

באלד האט מען פון קאוואלם שטיבעל פלאכטעס ארויסגעחאפט, און געוואָרפען דעם דערטרונקענעם פון איין פלאכטע אין דער אנדערער, געשאקעלט און געוואָרפען. די קולות ארום האבען זיך פערגרעסערט, און הענד איבער הענד און קעפ איבער קעפ האבען געהאלטען אין איין ווארפען זיך און שאקלען זיך. דער גאנצער עולם ארום האט געשטורמט און עס האט אויסגעזעהן, ווי די גאנצע קופע מענשען איז אונטער איין אומגליק ארונטערגעחאפט געוואָרען און אלע ארבייטען, אמפערן זיך און ראנגלען זיך, דאס אומגליק פון זיך אראבצורייסען.

פלוצלונג איז דער דאָקטאָר אָנגעקומען.

דער עולם האט אויף א רגע א חאפ געטהון די קעפ אין דער הויך. אלע האבען זיך מיט א פינקלענדיגען בליק איבערגעקוקט אויפ'ן דאָקטאָרס זייט, און עס איז א מינוט שטיל געוואָרען...

דער דאָקטאָר איז אריין אין דער מיט און אנבויגענדיג זיך איבער דעם דערטרונקענעם'ס געלען געזיכט און קוקענדיג א ווייל׳ע מיט א פארשענדיגען בליק, האט ער געהייסען איהם אויף דער ערד אראבלאזען...

— נישט אויף דר'ערד!.. נישט אויף דר'ערד!.. האט דער עולם מיט קולות געפלייצט, און דאס שטורמען און שאקלען האט זיך ווייטער אויפגעחאפט.

דער עולם האט זיך אבער באלד ארומגעקוקט, אז זיי ראטעווען א טויטען, און מען האט ווייטער דעם דאָקטאָר צוגעלאזט. און אצונד זענען שוין אלע געשטאנען מיעד און דערשלאגען מיט אבגעלאזטע הענד און געקוקט דעם דאָקטאָר אין די אויגען אריין...

ער האט נאך געמאכט איין פרוב, געהייסען איהם מאכען „וויקטאָוואניע" מיט די הענד, דערנאך האט מען איהם שפירטוס אויפ'ן הארץ אנגעצונדען, און דער דאָקטאָר האט בעשטימט אז ער איז טויט.

דער עולם האָט שוין געקוקט מיט שטילען טרויער אויף דעם אויס־געלעגטען טויטען קערפּער אויף דער ערד. די מוטער האָט זיך אין אַ זייט געריסען צווישען אַ גאַנץ רעדעל ווייבער, וואָס האָבען געגאָסען מיט טרערען, קוקענדיג אויף איהר — אַ צוריסען געהעשריי האָט זיך אין דער לופט איבער אַלעמענס קעפּ אַרומגעטראָגען, און מענער האָבען פון דערווייטענס צוגעזיפצט, קוקענדיג איבער דעם טויטען קערפּער און געשאָקעלט מיט די קעפּ: „אַ יונג, אַ גרויס!..“

מען האָט געשאַפט אַ פוהר און דעם טויטען אויפגעלעגט. דער עולם האָט זיך צוזייעט אין בעזונדערע שטילע קופּקעלעך, מיט בלאַסע פערזונקענע פּנים׳ער, ביז דער פערד־און־וואָגען האָט פון אָרט געריהרט און אַלע האָבען אָנגעהויבען נאָכצוגעהן פערזונקען, שווייגענ־דיג, און די מוטער האָבען ווייבער אונטער די הענד נאָכגעפיהרט.

באַלד איז אויף דער לאָנקע שטיל געוואָרען. צוקאָפּעטע צייכענס פון די מענשענס טריט זענען געבליבען אין גראָז איינגעקריצט, פּוסט איז געוואָרען אַרום און איבער דעם טייך. אַ פערזונקען שווייגען האָט זיך אין דער לופט אַרומגעטראָגען, ווי נאָך עפּיס אַזוינס, וואָס איז שוין פון דער וועלט אָבגעווישט געוואָרען... און איך האָב נאָך מיין לעצטען אָבשיידס־בליק געוואָרפען איבער דער ווייטער וואַסער־דעק פון טייך, וואָס האָט זיך געיאָגט איינע נאָך דער אַנדערער, ווי זיי וואָלטען דער־פיהלט דאָס אויסגעלערטקייט וואָס האָט זיך אין דער לופט איבער דעם שוואַרצען וואַסער־שפּיגעל אַרומגעטראָגען.

נאָך דעם זעלבען אָבענד, ווען די זון האָט זיך געזעצט מיט אַ געלען אָבשיין פון אונטערן שוואַרצען וואָלקען אַפער אויף מערב זייט, און אויף דער וואַנד און איבער דער שפּיץ פון דער שכנ׳טעס הייזעל האָבען זיך די לעצטע בלייכע שטראַהלען צוגאָסען מיט אַ פערזונקען שווייגען — האָבען שוין פון די אייגענע פענסטער רויטע אָנגעצונדענע ליכט אַרויס־געשיינט, און אַ קופּקעלע בלאַסע יודען זענען שווייגענדיג געשטאַנען, ווי צונויפגעטוליעם קעגען איבער די פענסטער און אָבגעוואַרט די לויה...

די לויה איז געגאַנגען שטיל אינאיינעם צונויפגעפּרעסט אַרום דער מיטה, ווי שעפּסען דערפיהלענדיג אַ וואָלף פון שוואַרצען וואַלד אַרויס.

די לויה איז פערשוואונדען, די נאַכט איז אָנגעקומען, מיט איהר שוואַרצקייט האָט אַ פערבאָרגענער סוד אויף דער ערד אַראָבגעשוועבט

און אַלע הײַזלעך אין אַ טיפֿער נאַכטיגער אימה פֿערהילט. האַלבע נאַכט האָבען די הינד אין דרויסען געוואָיעט, און איך האָב מיך אײַנגעקורטשעט אונטער דער צודעק און פֿעסט דעם טאַטען אַרומגעהאַלטען אַרום די אָרעמס, פֿיהלענדיג, ווי די נשמה פֿון דעם דערטרונקענעם בלאָנדזיעט אַרום אַ פֿערוואָגעלטע אויפ'ן לעדיגען ברעג פֿון טײַך און זוכט זײַן גוף, וואָס מען האָט פֿון וואַסער אַרויסגעצויגען...

די משוגענע אין דארף

די משוגענע אין דארף.

(ערצעהלונג).

אויף דעם לובלינער שאסיי פאהר איך איינמאל ביי נאכט מיט א פוהרמאן, א יונגער יונג מיט ברייטליבע פלייצעס. ביידע זיטצען מיר שטיל, און דאס וועגעלע שאקעלט זיך מיט אונז, לייכט רוישענדיג איבער'ן שטיין־געפרעסטען וועג. ווייט פינקלען שטערענדלעך, צאנקען און ציטער'ן, ווי איינגראבענדיג זיך טיעף, טיעף אין דער טונקעלער נאכט... א קיהל ימים נוראים'דיג ווינדטעל האלזט מיך, גלעט מיר דאס פנים, פאכט מיר איבער די אויערן און זשומט צו לייכט, שטיל... דער טונקעל־בלאהער הימעל הילט ארום דאס פעלד אין א קיילעכדיגען שטח, טיעף געבויגט צו דער ערד, און שטיל איז אלץ ווי די נאכט. ווייט ארום שלאפט דאס פעלד איינגעהילט אין א זילבער־ווייסען טהוי־שלייער, אויף וועלכען עס שאטענט זיך ווי חלומות־געדאנקען די צווארפען שטעהענדיגע בוימלעך. א פערזארגטע בלאסע לבנה, און ווי פערטראכט אין רעיונות, הערט זי זיך איין אינ'ם שארך פון די בלעטלעך אויף די וויעגענדיגע שפיטצען בוימער. בעזילבערט מיט דער לבנה־שיין, בלאנקען צוויי שורות קאלך־ווייסע שטיינער אויף ביידע זייטען שאסיי, און מיר פאהרען אין דער מיט, טריט ביי טריט.

דער פוהרמאן, זעהט אויס, דרעמעלט, און איך זיטץ הינטער זיינע פלייצעס פערטראכטערהייט, און קוק איבער זיין קאפ אין ווייטען העלען וועג אריין.

ווייט, ביי דער רעכטער זייט וועג, שווארצט זיך צוויי טונקעלע פלעקען, אז מיר קומען נעהנטער, איז עס דעכער פון צוויי געביידעס. דא קוקט זיך אום דער פוהרמאן און זאגט, אז ער שטעלט זיך פאשען דאס פערד. מ'פאהרט אריבער איבער א הילצער'ן בריקעל, וואס ליעגט איבער'ן וואסער'ל קעגען ביידע הייזער, און דאס וועגעלע שטעלט זיך פאר דער טהיר פון איין הויז.

ביידע זענען גרויס אומגעלומפערט מיט אבגעשיילטע לעהמענע ווענט. פון איין האלב הויז, וואו מיר שטעהען, זענען צו ביידע לאדענס, נאר דורך די אויסגעשניטענע האלבע לבנה אין איין לאדען, פאלט ארויס א ליכטיגער שטראהל, אויסציהענדיג זיך ביז הינטער'ן פערד'ס בויך. די פענסטער פון אנדער'ן האלבען הויז, זענען פערקלאפט מיט ברעטער... דאס

צווייטע הויז פון דעם, האָט אין צווי זייטען צוויי גרויסע איינפאָהר־טויערן, נאָר צושפּאָלטען און אויסגעקרימט. די הוילע פענסטער, ווי אויגען־לעבער פון אַ סקעלעט, קוקען מיט אַ פינסטער׳ן בליק אין דער ווייטער וועלט אריין... זיי זוכען אפשר פערפאלענע סוחרים און בעלי עגלות מיט גע־לאָדענע בריקעס?... פערטראַכט קוקט די לבנה אויף דעם אויסגעדרעהטען צוהוידערטען דאַך, וואָס דרעמעלט, דאַכט זיך, פערטיפט אין אַלטע זכרונות. ווייט ערגיץ, קרעהט אַ האָהן. איך קוק מיך אום — נאָך אַ מענגע צווייטע דעכלעך פערזונקען אין אַ טהאָל, וועלכע די נאַכט האָט פער׳כשופ׳ט אין אַ לאַנגען טיפען חלום, וואָס וועבט זיך צוזאַמען מיט מיליאָנען זילבערנע פעדעם, וואָס שפּראָצען אַרויס פון דער בלאַנקער לבנה. פּלוצלונג טהוט דאָס פערד אַ שנאָרך, איך קוק מיך אום — דער פוהרמאַן שטעהט און הענגט עם אָן אַ זעקעל האָבער. איך שפּרינג אַראָב אויף דר׳ערד, און שטעהענדיג אָנגעלעהנט אָן וועגעלע עפען איך מיין זייגערל — פונקט צוועלף!

אין שטוב איז עפּיס אַ גערודער הער איך, און פּלוצלונג מישט עס זיך צונויף מיט פערדומפּענע קולות... „וואָס איז דאָס?" קנייטשט מיין פוהרמאַן די פּלייצעס, אויסשטעלענדיג זיינע פינקעלדיגע אויגען צום לאָדען וואו עס לייכט זיך. ער רוקט זיך צו נעהנטער און לעגט צו דאָס לינקע אויער, קוקענדיג אויף מיר, וואָס וועל איך זאָגען דערצו.

— ווער וואָהנט דאָ? — פרעג איך.

— אַן׳אַלמנה! — ענטפערט ער אַראָבלאָזענדיג די בליקען אויף זיין ברוסט, און רוקט זיך אָב פון לאָדען.

— איינע אַליין? — וויל איך וויסען.

— אַ טאָכטער מיט אַן׳איידעם אויך. דאָס איז איהר, דער טאָב־טער׳ס קול, איהר הערט?...

— וואָס שרייט זי?

— אַ נביא בין איך? קומט אריין, וועלען מיר וויסען! — ענטפערט ער, צוגעהענדיג צו דער הויז־טהיר, און דערלאַנגט דאָרט עטליכע קלעפּ מיט דער פויסט, פון וועלכע די טהיר האָט אַ גרילץ געטהון.

באַלד דערהערט זיך פון אינוועניג אַ ווייבעריש קול:

— ווער איז עס?

— עפענט, פעסעלע! — שרייט דער יונג.

— מ׳קען נישט ערשט! — ענטפערט דאָס קול.

מ'קען נישט ? — פרעגט ער מיט אַ בעהאַלטענעם כעס — אַזוי... נו, וועל איך קענען!...

— ווער איז עס? ווער, דו, יאָסעל?...

— איך. איך! — שרייט ער בעז, און צו מיר ווענדט ער זיך מיט אַ פייערדיגען בליק, נאָר מיט אַ ווייכער'ן טאָן — אוי, אַ רוח אין איהר מאַמען אַריין, זי קען מיך שוין גאָר נישט...

דאָס קייטעל קלינגט אָב און די טהיר עפענט זיך. אויף דער שוועל בעוויזט זיך אַ יודענע אין אַ טונקעל קליידעל מיט אַ דערע אויף די אַקס־לען און אַ ווייס ציפיקעל אויפ'ן קאָפּ. איהר בלאַס פּנים קעגען שיין פון דער לבנה, דריקט אויס שרעק און אונצופריעדענהייט.

— יאָסעל, — הויבט זי אָן — איך האָב דיך שוין שיער נישט דערקענט.

— נו, נו, מ'ווייסט שוין... — טהוט ער אַ מאַך מיט דער האַנד, ווי ער וויל נישט הערען; און צו מיר גיט ער אַ ווינק, איך זאָל איהם נאָכגעהן.

די יודענע, ווי ברוגז'דיג, רוקט זיך צוריק אונטערוואַרלעכס, און עפענט אין הויז נאָך אַ טהיר, און מיר געהען איהר נאָך אין שטוב אַריין.

אַריינקומענדיג, בלייב איך שטעהן ביי דער טהיר. פינסטער איז, האָב איך מורא אַ פוס צו שטעלען, דאָך אין דער וואַנד, קעגען מיר, לייכט זיך פון אַ קליין קיילעכדיג פענסטערל. דאָרט איז אַ פּנים, נאָך אַ חדר'ל. די יודענע איז צוגעגאַנגען, און צוזאַמען מיט'ן פענסטער'ל עפענט זי אַ טהיר. דאָ ווערט דערוויילע אַ ביסעל ליכטיגער און איך רוק מיך שוין אַריין אין דער מיט שטוב. די יודענע איז אַריין אין צווייטען חדר און באַלד קומט זי צוריק צו אונז מיט אַ ברענענדיג לעמפעל אין דער האַנד.

איך דערזעה פאַר מיר אַ קרעמער־טישעל, אַ געקעסטעלטע שאַנק ביי דער וואַנד, וואו עס ליגען פעקלעך פאַפּיראָסען, טאַבאַק דריטער סאָרט, סטערין־ליכט, עטליכע פעקלעך ציקאָריע און אַ סך פודלעס גילזעס... גאָר הויך איז אויסגעשטעלט עטליכע פאַפּירענע האַלבע און פולע ביי־טלען, און אין עק — נאָך אַ גלעזערנער סלאָיי מיט געטריקענטע קאַווע. אַ חוץ דעם, שטעהען ביי דער זייט טיש, אויף אַ ברעט ביז דער סאַמע ערד, צוויי האַלבע זעקלעך מעהל, איין זעקעל זאַלץ און אַ בלעכענע באַנקע מיט

א זייטיג גים־רעהרעל, אַרויסגעשטאַרט קרום־אוים מיט'ן מײלכעל קעגען פּאַטענט אויף דער וואַנד.

— דאַרפסט האָבער? — פרעגט פּעסעלע צוגעהענדיג צו יאָסלען און לײכט איהם אין פנים אַרײַן.

— איידער כ'וועל פּאָהרען! דערווײל עסט עס... — ענטפערט יאָסעל זשמורענדיג די אויגען קעגען ליכט.

— ווער וועט שפּעטער קלעטער'ן, דער האָבער איז אין קאַמער.

— קלעטערן? ניִשט, דאַרף מען נישט!...

— אבי געריסען פון שלאָף, — פיהרט זי אָן דאָס לעמפּעל קעגען דער טהיר און דרעהט זיך אוים.

— שטעהט נור, שטעהט! וועמען?

— נו וועמען? — קוקט זי זיך צוריק אום און הויבט אויף דאָס לעמפּעל העכער צו יאָסעלס פנים.

— אייך? אז מ'הערט הינטער'ן לאַדען קולות... זענט איהר גע־שלאָפען? דער באָבען דערצעהלט!

— שונא ישראל, יאָסעל קרוין! — מאַכט זי אַ וועה־האַרציגע מינע — איך וועל די ערד קיהלען פאַר די צייט.

— וואָס איז?

— גאָר נישט, אַלץ דאָס איינענע, דאָס משוגעת טרעט נישט אָב פון איהר איין רגע. זי רעכט דאָס מיר צו נעכט, איז אַ קלאָג צו דער מאַמעס קאָפּ — קלאָגט זי זיך צולעגענדיג אַ האַנד צום הויט־גען פנים און די דלאָניע פערשטעלט די שוואָמען־געבראָטענע ליפּעלעך.

— מ'זאָגט דאָך: איהר זענט שולדיג.

— אוי קינד, וואָס דו בייסט! אַ מאַמע, אַ זינדיגע מאַמע איז שולדיג אין אַ דבוק? פרעגן די שכנים אין דאָרף...

— וואָס, ער שרייט אַרוים פון איהר?

— וואָס דען? דאָ שרייט זי, דער דבוק הייסט עס, זי וועט שעכטען די מאַמען, דאָ שעלט זי דעם רבי'ן, וואָרום די אַלע לײט ציטער'ן פאַר אַ רבי'ן און האָבען איהם פיינד.

— און דעם מאַן?

— מילא... זי שעלט אפילו נישט, נאָר משוגע, בעהאַלט זי זיך פאַר איהם.

— מ'זאָגט דאָך, אז זי וויל איהם נישט.

— זאָל מען די קלאָגען!

— איך האָב עס פון איהר אַליין געהערט.

— גוט געהערט! שעכטען די מאַמען, אָדער שעלטען דעם רבי'ן, ווייס זי וואָס זי רעדט? דאָס אַנדערע, וואָס געהט ווען אָן?

— טאַקי נישט, אַט שמועסט מען.

— נו שוין, נו... האַקט זי אָב און דרעהט זיך אַוועק מיט'ן לעמפעל צו דער טהיר, נאָר איך פערהאַלט זי ווידער און פרעג:

— אפשר איז דאָ אַ גלאָז טהיי?

— עס קען באַלד זיין, צייט עטליכע מינוט.

— גוט! — טהו איך אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, און זי מיט'ן לעמפעל אין דער האַנד ווערט נעלם אין צווייטען חדר אַריין.

— ווען מיר זיין אין דער פינסטער? — פרעג איך יאָסלען.

— ווילט איהר, געהט אַריין... — ווייזט ער מיט דער האַנד צום ליכטיגען פענסטער'ל.

— און איהר?

— איך נישט, איך וויל דאָ זיין...

— זאָל מען אָנצינדען אַ ליכט, וועל איך בעצאָהלען. — זאָג איך.

— פּעסעלע! — רופט ער.

זי קומט אַריין.

— וואָס איז? באַלד איז די טהיי...

— ניין, צינדט אָן אַ ליכט, אַ פּוערער'דיג ליכט. — זאָגט ער איהר.

— זי נעמט אַרויס פון דער שאַנק אַ ליכט, צינדט עס אָן און דער־לאַנגט עס יאָסלען.

— איך בין שולדיג, זאָגט מען? בעגראָבען אַזאַ יונג בלוט, אַ ווייבעל אַ צדיקת, מילא האָסט זי דאָך געקענט, מן הסתם בין איך זי נישט ווערטה, ערשט לעגט מען מיר נאָך שטיינער אויפ'ן האַרץ... גע־בליבען די צוויי שוועלבעלעך, און דאָ דער יונגער מאַן קלעבט אָן די שטוב, מיך האַלט ער פשוט פאַר אַ מאַמען, וואָס זשע זאָל אַ מאַמע, אַ פערבי־טערטע מאַמע, טהון, ווען זי האָט נאָך אַ דערוואַקסענע בתולה? דעם יונגען מאַן אַרויסיאָגען, די שוועלבעלעך פעריאָגען צו אַ שטיפמאַמען און דאָס מיידעל חתונה מאַכען מיט אַ פרעמדען טייוועל?

— מילא, האָט איהר דאָך גוט געטהון, הייסט עס!...

— אַ וודאי האָב איך געמיינט, אַז די וואונד אין האַרץ ווע'ט אַ

ביסעל פערצווינגען ווערען... ערשט, א גאנץ שטראף... זאלסט מיר לעבען, יאסעל פאר מיין געשמדטען האלז האב איך דאס געטהון? חלילה נישט אנגעפרעגט דעם רבי'ן? וויים איך! א צדיק'ס ענטפער, זאגט מען, דארף מען פערשטעהן, און אז איך האב איהם געפרעגט און דערצעהלט, וואס איך קלער צו טהון, האט ער געענטפערט „א וודאי איז א שאד די קינדער זאלען פער'יתומ'ט ווערען!" וואס, זאלסט מיר לעבען, האט ער אנדערש געמיינט?... ערשט נעכטען געווען אין שטאדט, ווידער אבגעטרע-טען... זיינע זכות אבות זאלען מיר ביישטעהן! האט ער מיר געגעבען שאבעכץ פון טייפעלס-פינגער און פערשפראכענער בוימעל. מילא, קאסט עטליכע גילדען, נישט אויסגערעדט זאל עס זיין, אפשר וועט זיך גאט פארט מרחם זיין, און וועלכע מאמע גיט עס נישט אוועק דאס העמד פון זיך פאר איהר קינד?

יאסעל געריהרט פון די טרערען, וואס הענגען אויף איהרע איינ-געשרומפענע ציטערדיגע ברעמען, האט א מאך געטהון מיט דער האנד און ער רוקט זיך אב אן א זייט, זי, ווידער געהט צוריק אין צווייטען חדר אריין.

יאסעל זעצט זיך אויפ'ן טיש, אראב הענגענדיג די פיס און טריפט אן דאס ליכט נעבען זיך, דערווייל קומט פעסעלע צוריק מיט צוויי גלעזער טהיי אין די הענד, זי שטעלט זיי אוועק אויפ'ן טיש און געהט באלד צוריק אין חדר, פערמאכענדיג נאך זיך די טהיר.

אבגעטרונקען די טהיי פער'רויכער איך א פאפיראס און בין יאסלען אויך מכבד מיט איינעם.

מען רויכערט און מ'שווייגט. דאס ליכט-פלעמעל ציהט זיך צום בעליק מיט א העל-בלאהע לויטערקייט, צושאקלענדיג זיך שטיל און ערנסט ווי א צנועה צו ליכט בענטשען. אויף דער מאט-ליכטיגער וואנד שטעהט יאסעל'ס שאטען, דאכט זיך ער שלאפט, אדער גלאט פער'חלומ'ט, און יאסעל אליין זיצט שטיל, און פערטראכט קוקט ער אויף דעם דין-איינגע-לעגטען רויך, וואס בלאנדזיעט אין לופטען אויסגעשפרייטערהייט, ווי א בלאה טישטוכעל און פלעכט זיך וויגענדיג און צוגעהט ווי א לייכט וואל-קענדעל, און וואס לענגער אונזער שווייגען, אלץ פערטראכטער זעהט יאסעל אויס, און א שטיל טרויעריג נגונ'דעל פייפט ער זיך צו. דאס ברוינ-ליכע פנים בעציהט זיך אפט מיט א בע'צער'טע מינע, די בולט'ע אויגען הינטער די סאמעט-שווארצע ברעמען שטעהען ברייט געעפענט און קוקען פאר זיך מיט א פערגליווערטען בליק, און די פולע צונויפגעצויגענע ליפעלעך

בעשאטענט פון די שווארצע וואנסעלעך, פייפען, דאכט זיך, אהן זיין ידיעה. פערטיפעפט אין געדאנקען, קאן זיין, הערט ער נישט זיין אייגען נגונ'רעל, בפרט פעסעלעס רעד אין צווייטען חדר — א וודאי נישט; און איך רוק מיך צו אליין צו דער טהיר און ווארף א בליק דורכ'ן קליינעם שויבעל.

א בעטעל מיט צוויי שלאפענדיגע קינדער, אויבען־אן שטעהט א טיש צווישען צוויי בעטען איינם קעגען אנדערן, שטעהענדיג ביי די קאלך־געווייסטע ווענט. אין איינם זעהט זיך פון הינטערן איבערבעט צוגעדעקט ביז'ן האלז, א בלאסליך פנים מיט א שווארץ בערדעל און א קאפעל אויפ'ן קאפ, ביי וועלכען די אויגען קוקען שטיל צום צווייטען בעט, וואו א יונג ווייבעל מיט א געשטריקט ווייס קאפקעלע אויפ'ן קאפ, ליעגט, דאס איבערבעט האלב אבגעדעקט און דאס פנים איז ווייסער פאר'ן העמד. אן בעט אנגעשפארט שטעהט די פעסעלע און קוקט אויף דעם ווייבעל מיט רחמנות־בעטענדיגע אויגען.

— ווי לאנג איז דער שיעור זיך נאריש צו מאכען? — טענה'ט פעסעלע כמעט וויינענדיג — ווענים נאך די מאמעס בלוט פערגאסען?

דאס ווייבעל שווייגט און קוקט טרויעריג אויף דעם ברענענדיגן לעמפעל, וואס שטעהט אויפ'ן טיש, נעבען איין אפען ספר'ל,

— זעה! — זאגט ווידער פעסעלע — א מאמע וויל נישט קיין שלעכטס, זי וויל נאר זאלסט דיך נישט מאכען קינדעריש, אדרבה, ווי נאך פיהרט זיך אזוי א יודיש קינד? שוין אכט וואכען, אכט בעשריגענע וואכען פון די חתונה, וועה צו מיר... ביסט חלילה ארוים פון יודישען דת? ווייסט דו וויפיעל קליפות און משחיתים בעשאפסט דורך דיין עקשנות?... גאט וועט אוודאי נישט שווייגען און די אלע דיינע משחיתים, הערסט, דיינע משחיתים, וועלען דיך אליין אומברענגען און ווארפען דיך אין כף־הקלע.

זי טרעט אפ פון בעט. לאנגזאם געהענדיג צו דער טהיר, איך חאפ מיך אוועק פון שויבעל און שטעה שוין נעבען יאסלען.

די טהיר עפענט זיך און פעסעלע רוקט זיך ארײן. זי נעמט די גלעזער און ברענגט נאך א מאל טהיי, און שווייגענדיג געהט זי צוריק, פערמאכט די טהיר נאך זיך. באלד חאפ איך מיין גלאז טהיי, און האלטענדיג עס אין דער האנד רוק איך מיך ווידער צו צום שויבעל...

— וועה צו די יאהר, — הויבט ווידער אן פעסעלע צוגעהענדיג צום ווייבעל — ווי נאך, ביי יודען, איז אזוי?... זעה! — ווייזט זי איהר אן אויף דעם אפענעם ספר'ל — זעה, טאכטער, וואס אין די היילינגע

תורה שטעהט: פון איינמאל איפהאלטען... ווערט בעשאפען א משחית, און ווייסט דו וואס משחיתים און מחבלים זענען? א משחית פערברענט, פערברענט און בעשאפט! הערסט מרשעת, הערסט! פערברענט וויעדער און בעשאפט וויעדער און טהוט א שליידער אין כף הקלע אריין, אין כף הקלע אריין, הערסט ווי דו וועסט א שווארצען סוף האבען, קיין שום תקומה!...

דא האט די טאכטער מיט האס א קוק געטהון אויף די מוטער און געחאפט דאס איבערבעט איבער'ן קאפ. די מוטער פערברעכט די הענד, און אויפהויבענדיג די אויגען צום בעליק קנייטשט זי דאס פנים וועהטיגליך.

— רבונו של עולם, — רעדט זי אוים פערביטערט — וואס איז מיר צוגעקומען? יענע טאכטער צוגענומען און מיך געלאזט. נעם מיך שוין צו. ווי כ'האב נאר א זכות!... — נעם טאכטער, — רייסט זי איהר אראב דאס איבערבעט פון פנים — נעם די מאמעס הארץ, לעג עס אויף ברענענדיגע קוילען, וועט עס שוין נישט געפייניגט ווערען אזוי פיעל!

די טאכטער בעהאלט צוריק דאס פנים אין איבערבעט, און אז די מוטער לאזט נישט, טהוט זי א קוק ארוים און בלייזט ארוים די צונג. די מוטערס אויגען בלישטשען אויף מיט א פייערל, זי רייסט אראב דאס איבערבעט צו דער ערד און נעמט לויפען איבער די שטוב אויף און אב. פלוצלונג בלייבט זי שטעהן פאר'ן בעט מיט א פינקעלדיגען בליק, און מיט א שניידענדיג קול'כעל שרייט זי אוים: — הולטייקע! אונטער מיין דאך זאל אזא זינד נישט געברענגט ווערען, איינמאל פאר אלע מאל, לעב, אדער שטארב! ענדיגט זי מיט שוים אויף די ציטערדיגע ליפען און לויפט אוועק צום קינדערשען בעטעל. וואו זי בויגט זיך איין און חאפט א שטריק איינגעלעגט אין צווייען און לויפט צוריק צו צו דער טאכטער וואו זי ליעגט איינגעקארטשעט און טוליעט איין די נאקעטע פיס הינטער'ן העמד, קוקענדיג אויף די מוטער מיט א צומישטען דערשראקענעם בליק, ווי זי שטעהט איבער איהר מיט דעם שטריק אין דער האנר און שרייט: — שוין גענוג זינד. גענוג צוגעדעקט, אויפגעדעקט מוז ווערען... א חטא אין מיין שטוב, א חטא, א חטא אין שטוב!

— אלטע קליפה!... — מורמעלט שטיל די טאכטער און וויל אנחאפען דעם שטריק, וואס ציטערט איבער איהר איינגעטוליעטען גוף אין דער מוטערס האנד.

— קליפה? יט האסטו א קליפה!... — לאזט זי איהר אראב א ריס מיט'ן טרוקענעם שטריק איבער'ן ווייכען לייב.

דער יונגער מאַן אין בעט קענגען איבער האָט אַ ציטער געטהון אין דער רגע. גלייך דער שטריק וואָלט זיך איהם אין זיין לייב איינגעשניטען, נאָר אַט דערהערט ער דעם ווייבעלס יעמערליך געשריי... און זיינע אויגען און בלאַס פנים פלאַמט אויף מיט אַ ווילדע נקמה. —

— זאָל זי וויסען וואָס הייסט עקשנות!... — קיהלט ער זיך דאָס האַרץ — זאָל זי וויסען!...

פלוצלונג קריג איך אַ שטויס אין אָרעם, איך קוק מיך אום — יאָסעל! דאָס האָט איהם איהר קול צוגעצויגען און ער קוקט דורכ'ן שויבעל...

אינווענייג טומעלט, די צווי קינדערלעך אין בעטעל זענען שוין אויפגעוועקט און זיי צאַפּלען זיך און שרייען ווי יונגע עופ'עלעך ערב יום כפור בענייגען... נאָר פעסעלע טהוט דאָס איהריגע.

— נו, עפּיס גוט געווען?... — קוקט זי אויף די טאָכטער מיט נקמה־שמייכעלדיגע גיפטיגע בליקען — עפּיס גוט, האַ, ווי מיינסט דו?...

— דער'הרגה מיך!

— טאַקי אַזוי! אַזוי... אַזוי...

— געוואַלט, געוואַלט! — שרייט זי מיט'ן גאַנצען כח, איבערשרייענדיג די קינדער'שע קול'כלעך, און זי וואַרפט זיך אַראָב מיט אַ האַלב גוף פון בעט, אַנשפּאַרענדיג איין האַנד אויף דער ערד און מיט דער אַנדערער וויל זי אָנחאַפּען דאָס איבערבעט... די מוטער אַמפּערט זיך מיט איהר, חאַפּט זי זיך צוריק און גראָבט איין דעם קאָפּ צווישען שטרוי הינטער די פלאַכטע...

אין דער מינוט האָט יאָסעל אַ קריטש טהוענדיג מיט די ציין אַ ריים געטהון די טהיר — פערקייטעלט!... — ברומט ער, עטוואָס זיך איינקורטשענדיג און דערלאַנגט נאָך אַמאָל אַ שטויס מיט'ן אַקסעל. דער קייטעל, אין יענער זייט פלאַצט מיט רעש, די טהיר שפּרינגט אָב און יאָסעל וואַרפט זיך אַריין אין חדר ווילד צוטראָגען. די מוטער שפּרינגט אָב מיט שרעק, און ער בלייבט שטעהן עטליכע טריט פאַר'ן בעט.

— דבורה! — דונערט זיין קול — האָסט דיך געהייסען הרג'נען? וועמען טהוסט דו דאָס אָב, דיין מאַמען? זי וועט דיך בערויערן נאָכ'ן טויט מיינסט דו?...

— דו שייגעץ, לאַבוס! — שפּרינגט אַרויס פון צווייטען בעט דער יונגער מאַן אין די בלויזע גאַטקעס, ווילד און די פאות צופלאַשט פאַר שרעק... — דו מחוצף, ביי מיר אין שטוב?...

— בײַ דיר. — שפּרינגט יאָסעל צו איהם צו, אַרײַנהאַקענדיג, אײנער נאָך די אַנדערע, בײדע פױסטען אין פּנים אַרײַן, און דער יונגער מאַן פאַלט אױף דער ערד פערגאָסען אין בלוט.

— רוצח! — שרײַט פּעסעלע אָנחאַפּענדיג יאָסלען בײַ'ם אַרבעל — רוצח, דער'הרג'ט אַ מענש!...

נאָר יאָסעל הערט נישט, נישט איהר, נישט די קינדערס געשרײ, ער פיהלט אױך נישט, דאַכט זיך, װי זי ציהט איהם דעם אַרבעל, און מיט אַנגעשטרענגטע פּנים, װי פון שטאָל געגאָסען, דריקט ער דעם שטעהענדיגען טריט, איבערגעבױגען רעדענדיג צום ליעגענדיגען אין קרעכצען.

— נו, װאָס ליעגסט דו?... דאָס שעפּעלע איז געבונדען, געה צו, שעכט!... אַה, װאַרט... גיכער װעסט דו געטײַט װערען! — גלײַכט ער זיך אױס אַרײַנשטעקענדיג בײדע הענד אין די הױזען־קעשענעס. און אין זײַנע אױגען שפּיעלט אַ בעזער שמײכעל פערמישט מיט אַ װילדער העזה צו קוקען אױף דעם בלוט־פערגאָסענעם פּנים.

אין דער רגע האָט אַ שרעקליכער געדאַנק אין מײַן מוח אױפגעבליצט — „אפשר אַ מעסער? װאָס זוכט ער אין די קעשענעס?" און איך שפּרינג צו און שטופּ איהם אָב מיט קראַפט.

— װאָס טהוט איהר? — שרײַ איך אױפגערעגט.

— איך טױט! שרײַט ער נאָך העכער, און די אױגען בליצען, קו־קענדיג צומישט אױף דעם יונגען מאַן.

— פאַר װאָס? אַ מענשען!... — שרײַ איך און האַלט איהם בײַ'ן אָרעם.

— אַ מענש איז דאָס? — שמײכעלט ער װילד — אַ װײך שװאָמעל, װאָס צוקװעטשט זיך אין דער האַנד!... אַ בלעטעל, װאָס ציטערט פון מינדסטען שאָקעל!...

— אָבער װאָס האָט איהר צו איהם?

— זעהט, אָה!... — װײַזט ער מיט אַ פינגער אױף דעם װײַבעל אין בעט

— נו װאָס?... די מוטער!...

— אָבער ער איז דאָך געלעגען קעגען־איבער און געקוקט... זײַנע שטילע אױגען האָבען דאָס געהײסען. אױ, איז דאָס אױגען!...

— זאָל עס איהם קרענקען!... זײַן װײַב... שטיל איך אײַן יאָסלען.

— זיין ווייב, זיין ווייב! — זיפצט ער אָב, אוועק מאַכענדיג מיט דער האַנד — פערפאַלען... לאָזט מיך אָב. איך בין שוין רוהיג. אז זי איז זיין ווייב, לאָזט־זשע מיך אַרויס צו מיין פערד...

יאָסעל איז אַרויס פון שטוב, און איך בלייב נאָך צו העלפען דער אַלטער, דעם יונגען מאַן אַרויפלעגען אויפ'ן בעט.

ער בלוטיגט איין דאָס קישען, לעגט זי איהם אונטער איהר פאַרטוך אונטער'ן קאָפּ און ווישט איהם דאָס בלוט פון פנים, קרעכצענדיג און שעלטענדיג.

דער יונגער מאַן איז בלאַס, די נאָז — פערשפּיצט, און די אויגען — פייכט, ווי פערגאָסען מיט טרערען, און רחמנות'דיג קוקען זיי צום בעליק מיט אַ מידען בליק.

איך לעג אַנידער אויפ'ן טיש עטליכע קאָפּיקעס און וואַרף נאָך אַ בליק צום ווייבעל אין בעט און געה אַרויס פון שטוב.

יאָסעל דרעהט זיך אַרום נישט ווייט פון דער שטוב, דעם קאָפּ האַלט ער אַראָב צו דער ברוסט און פייפט זיך ווידער צו עפּיס אַ מעלאָדיע'לע, אַזוי זיס, אַזוי האַרציג טרויעריג, ווי אַ נשמה וואָלט זיך געקלאָגט דאַרינען, און טהייל מאָל רייסען זיך די טענער שטאַרקער, העכער און בעזער, און איין טאָן יאָגט דעם צווייטען מיט אימפּעט, ווי די חוואַליעס אין טייך איינע די אַנדערע, ווען זיי צושפּיעלען זיך אין אַ געוויטער. און דאָ האָט זיך שוין נישט געהערט קיין זיס־וויינענדיגע נשמה, נאָר ווי דער טייוועל פון האַס און נקמה צופּלאַקערט זיך און ברענט מיט אַ ווילדען כעס.

דאָס פערד, דאַכט זיך, הערט זיך איין אין בעל הבית'ס פייפען, און פערזונקען שטעהט עס מיט'ן קאָפּ אין זעקעל האָבער, איבערלעגענדיג די אויערן אַמאָל צום קאַרק, אַמאָל פון פאָרנט. אַנגעלעהנט מיט די פּלייצעס אָן וועגעלע. שטעה איך און קוק אויף יאָסלען. וועלכער בעמערקט מיך, דאַכט זיך, גאָר נישט און האַלט נאָר אין איין פייפען, טרעטענדיג אויף און אָב איבער'ן סקריפּענדיגען זאַמד און קליינע שטיינדלעך, וואָס גלאַנצען קעגען דער שיין פון די לבנה.

פּלוצלונג בלייבט יאָסעל שטעהן און דאָס פייפען ווערט, ווי אָבגעשניטען. ער הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט מיך אָן מיט אַ לאַנגען פאַרשענדיגען בליק, ווי איינער רעדט: ווי געפעלט דיר אַזאַ מעשה?...

— נאָר איך שווייג און וויל איהם נישט שטערען זיינע מחשבות, —

ער איז — טראַכט איך — אַ קלײנער רעדנער מיט אַ ברייטער קרעפטיגער פּאַנטאַזיע, וועלכע, ווען זי צושפּיעלט זיך, איז זי אימשטאַנד צו שנײַדען אַ האָרץ, ווי מיט קאַלטע שטאָלערנע מעסערס, אָדער גלעטען עס מיט דער ווייכקייט פון אַ צערטליך געליעבטע מיידעל'שער האַנד. ער רעדט אויך נישט אַ וואָרט, נאָר געהט צו צום פערד, טהוט עס אַ פּעטשעל אין רוקען, איבערגליטשענדיג די האַנד צום קאַרק, און מיט דער אַנדערער האַנד טהוט ער אַ שאָקעל-אונטער דאָס זעקעל האָבער. דאָס פערד טהוט אַ צאַפּעל מיט'ן קאָפּ אין דער הויך און לאָזט איהם צוריק אַראָב רוהיג, איבערלעגענדיג די אויערן צום קאַרק, און פערטיעפט זיך אין עסען.

— עס, באַשקאַ! — טהוט יאָסעל אַ גלעט דעם פערד הינטער'ן בויך, צוגעהענדיג צום וועגעלע וואו איך שטעה. ער זוכט עפּיס הינטער מײַנע פּלייצעס אין רוישענדיגען שטרוי, ביז ער נעמט אַרויס די בײַטש פון דאָרט. אַצונד בעקוקט ער דאָס סטרעלדזעל און דעם קניפּ, און טהוט אַ פּאַך אין דער שטילער לופט אַריין. ער לאָזט צוריק אַראָב די האַנד מיט'ן בײַטששטעקעל צו דער ערד און דער צווייטער עק פאָהרט אַרום איבער'ן זאַמד, קריצענדיג אַ זיג-זאַג, און די בײַטש שלענגעלט זיך נאָך... ער קוקט עפּיס שטיל אויף די צייכענס, וואָס דאָס שטעקעלע קריצט אויס אין זאַמד, און ער שווײַגט, שטעהענדיג נעבען מיר. נאָר דאָס שווײַגען, דאַכט זיך מיר, פּרעסט זיין נשמה, און מיר דאַכט, אז ער וויל גערן איך זאָל איהם עפּיס פרעגען, חאָטש וואָס עס איז, חאָטש אָנהויבען... נאָר אַז איך ווייס נישט פון וואָס — הויבט ער אָן.

— נו, ווי געפעלט אייך די היינטיגע נאַכט?... — פרעגט ער שטיל אַראָבגעלאָזט די אויגען, ווי ער איז זיך גאָר נישט מכין צו רעדען.

— זעהר שעהן, די לבנה שײַנט!... — ווײַז איך איהם מיט אַ בליק צום הימעל, און קוק איהם אין פּנים אַריין, וואָס פאַר אַ רושם דאָס מאַכט...

— אַזוי? טאַקי?... גאָטס וואונדער!... שמײַכעלט ער שפּאָטיש און דרעהט זיך אַוועק, שעלמיש אָהויב טהוענדיג די אַקסלען.

— שטעהט נאָר, שטעהט! — ציה איך איהם צוריק — וואָס מײַנט איהר?

— נישט דאָס, צו וואָס אייער ענטפער איז! — קוקט ער מיר שאַרף אין די אויגען אַריין — איהר זענט דאָך מאָדיש געקליידט און מן הסתם אַ געלערנטער מענש, נו, פאַלט איהר אַריין מיט אַנ'ענטפער פון הודו ביז כוש?...

— מיינט איהר אפשר אַ ייער נאַכט?... האָב איך צוריק.

— אודאי נישט קיין לבנה מיט שטערען... נאָר מיין נאַכט טאַקי!...

— אינטערעסירט מיך זעהר, נאָר איך פערשטעה נישט...

— ווילט איהר, הייסט עס, יאָ פערשטעהן? — פרעגט ער מיט פייערלעך אין די אויגען.

— מיט'ן גאַנצען לעבען!

— לאָזט־זשע איך דינען און הערט אַ מעשה, וועט איהר שוין וויסען צי בין איך אַ רוצח...

„אויף דעם וועג דאָ, פאָהר איך גאַנץ אָפט. ווייל דער עיקר פערדיענסטלעך מיינע איז אויף דעם טראַקט, און שטענדיג שטעל איך מיך דאָ פאַשען, טאַקי שטענדיג פון צייט אָן איך פאָהר, און פאָהרען, דאַרפט איהר וויסען, פאָהר איך שוין נישט פון היינט און נישט פון נעכטען, נאָר פון נאָך מיין טאַטען'ס טויט אָן, אַזוי גרויס, ווי אַ יאָהר פינף, וואָרום אַ מאַמע, ביז הינדערט און צוואַנציג יאָהר, האָב איך, אַ שוועסטער אויך, דאַרף מען דאָך עסען, האָב איך מיר דעמאָלט געמאַכט דאָס געשפאַן. יאָ... פאָהר איך דאָ גאַנץ אָפט אַדורך און שטעל מיך דאָ אויף אַ שעה, אָדער צוויי. די דברה'לע טאַקע, וואָס איהר האָט געזעהן, איז נאָך געוועזען אַ מיידעל, און פלעגט זי מיך נאָר דערזעהן דורך דעם פענסטער — מיט'ן קוק, זי שטעהט שוין פאַר דער טהיר מיט אַ גלעזעלכטער'ל און פרעהט זיך, גלייך דער טאַטע וואָלט איהר אויפגעשטאַנען... פערשטעהט איהר מיך. קורץ דערפון, מיר און אפילו מיין פערד האָט זי נישט געוואוסט, וואו דאָס אָרט אָבצוגעבען. דאָס שענסטע עסען און טרינקען, נישט חלילה אומזיסט, ביי „אונזערע ברידער" געהט דאָס נישט, אֶלא מיר פערהאַלטען זיך גוט, דאָס געהט אין אַ בעזונדער'ן וועג. וואָרום איך, ווי איהר קוקט מיך אָן, האָב איך מיך ליעב צו שטעלען אָרענטליך, ווען ווער בעהאַנדעלט מיך גוט. און זי, אַלץ הייסט גוט!... שטעלט אייך פאָר: נישט איינמאָל פלעגט זי מיר זאָגען: דיך פאַר אַ ברודער וואָלט איך מיר געוואונשען! אַזוי געטריי... איך איהר, ווי דער אמת, אויך דאָס אייגענע. וואָרום אַזוינס צו הערען פון אַ פרעמד מיידעל, פיהלט מען, ווי דאָס האַרץ ווערט ווייך, צולאָזט ווי פוטער אויף וואַרעם ברויט... פאַר וואָס ווידער נישט? איך זאָג אייך דעם אמת, מיט מיין שוועסטער, טהייל מאָל, גיעבען מיר זיך אַ קללה אויך, און דאָ, די דברה'לע, ווי אַ שעהנע גוטע טויב... שטעלט אייך פאָר: דאָ, למשל, שטעהט מיין פערד, פלעגט זי טהייל

מאל צוגעהן געבען עס א גלעט איבער'ן רוקען... דאכט זיך דאך א תענוג, אז א פרעמדער לויבט און גלעט מיין פערד? גאר צופיעל... און איך האב אזש נישט געקענט קוקען... די אויגען ווילען זיך עפיס צומאכען פאר גוטסקייט, דרעה איך מיך אוועק און מאך מיך גאר קוקען אויפ'ן דאך... חאטש עס העלפט נישט, ווייל הינטער די פלייצעס, ווייס איך, גלעט זי מיין פערד... און א ווייך ווארעם ווינדטעל, פיהל איך, געהט מיר אדורך אין די ביינער, גלייך נישט דאס פערד, נאר מיך גלעט זי דאס אויפ'ן גאלען לייב. און נאר דאס אליין? שטעלט אייך פאר, אט קום איך, למשל, צו פאהרען און טרעף פונקט אין שטוב איז אבגעקאכט אנבייסען, אלע געהען עסען, נאר דברה'לע נישט, וואס איז? זי וויל איך זאל אויך מיט-עסען! און אלע אין שטוב ווילען דאס, די מוטער וועט חלילה נישט חושד זיין... ווייל אין דארף — פשוט א גוטע! און טאקי דער אמת — אזוי איז דאך!... מיר איז דאס אבער נישט ליעב געווען, איך פיהל, אז זי וויל מיך מכבד זיין, און „אונזערס א ברודער", פערשטעהט איהר מיך, שטעהט נישט נאך אזעלכע זאכען. זעהט איהר, א פאר גילדען דורכצולאזען מיט א גוטען ברודער, בין איך שטענדיג גרייט, און אויף אזעלכע גליקען בין איך א טויטער... נאר אבזאגען איהר קען איך נישט, און איך זעה שוין, אז איך מוז אריינפאלען... ווידער טרייסט איך מיך — איך וועל פרובען בעצאהלען נאך דעם עסען — און אזוי האב איך גענגעסען דאס ערשטע מאל, דערנאך, איך וויל בעצאהלען, — א נעכטיגער טאג! „פאר האבער און פאר פאפיראסען — זאגט זי — קומט צו בעצאהלען"... און דערביי שמייכלען די קליינע ליפעלעך אזוי זיס און די אויגען קוקען מיט אזא גנבה'שען בליק. ווי איינער רעדט „אבגעפרייערט!"... נו, ווי קלערט איהר? מיינער איז נאך נישט דער גאנצער פרייער! זי פערקוקט זיך, פוטץ איך מיך צו צו איהר קעשענע און לאז איהר דארט אראב א זילבערנע מטבע... קיטש!. איך ווער לינק פון שטוב ארויס און וואהן שוין אויפ'ן וועגעלע, — היידא, טרעט אב וואסקא!... גיעב איך א צופ מיין פערדעל און א שאקעל מיט די לייטשעס.

ערשט אויפ'ן שאסיי האב איך מיך אומגעקוקט צו דער שטוב און דערזעהן, ווי דברה'לע שטעהט אויף דער שוועל און קוקט מיר נאך, און פון ווייטענס נייגט זי צו מיר מיט'ן קאפ, ווי איינער רעדט — „פאהר געזונדטערהייט!" — „זיי געזונד!" — טראכט איך מיר און געב דאס פערד א גלאסענעם טריט, כדי מיר זאלען זיך לענגער אנקוקען, איך און דברה'לע.

אין עטליכע טעג אַרום פאָהר איך ווידער אַ דורך און שטעל מיך צו געבען דעם פערד אַ טרונק. איך האָב נאָך דעם קובעל נישט אָבגעבונדען פון וואַסינג, און דברה'לע שטעהט מיר שוין אונטער די פלייצעס.

— אָווי, — מאַכט זי צו מיר — אַזוי לעגט מען אַריין? נעם, זיי מוחל, צוריק! — שטופט זי מיר אַ ווייסען גילדען אין דער האַנד אַריין. — אַ ליגנער שטומפ!... ענטפער איך און פוטץ מיך אָב, ווי איך ווייס פון גאָר נישט. זי אָבער טענה'ט נישט קיין סאַך, און שווערט איבער איהר געזונד, אַז איך מוז צוריק נעמען. חאַפ איך אַ שוויַג און נעם דעם גילדען און לעג איהם אַריין אין קעשענע, פאַר דאָס, שפעטער, ווען זי האָט מיך ווידער געוואָלט מכבד זיין מיט מילב'ריגען באָרשט, זאָג איך: — ניין! ווי קלערט איהר. און זי האָט יאָ געגעסען? אַ נעכטיגער טאָג! זי איז אַריין אין שטוב, געשטעלט זיך ביי'ן פענסטער און קוקט אַרויס צו מיר. איך ווידער שטעה, אָן וועגעלע אָנגעלעהנט און קוק צו איהר, און ביידע שוויַגען מיר, נאָר איהרע אויגען רעדען, בעטען זיך עפּיס, אפשר איך זאָל אַריינגעהן אין שטוב, ווער ווייסט? נאָר דאָס מאָל האָב איך מיך איינגעשפאַרט — נישט! און אַזוי איז געווען. איך בין אַוועקגעפאָהרען ווייטער און אפילו נישט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ צו געזעגנען, אפילו נישט אומגעקוקט זיך, טאָמער גריסט זי מיך...

צומאָרגענס, איך פאָהר צוריק. שטעל איך מיך דאָ פאַשען, דברה'לע דערזעהט מיך פאַר'ן פענסטער, קומט זי אַרויס און שטעלט זיך אויף דער שוועל. דאָס פנים איז בלאַס, ווי קרייד, די אויגען — טרויעריג און מאַט, ווי פערטראַכט, און אַזוי שטיל, אַזוי רוהיג זעהט זי אויס, ווי אַ הוהן, ווען זי שטעהט הינטער'ן אַבדעכעל און קוקט אַפער אויפ'ן פערוואָלקענטען הימעל...

איך געה צו.

— דברה'לע — זאָג איך — וואָס איז דיר?

— גאָר נישט! — ענטפערט זי און טרערען שטעלען זיך אין די אויגען...

— ביסט עפּיס בלאַס — זאָג איך און מיך נעמט אָן אַ רחמנות.

— בלאַס? — מאַכט זי — אפשר, איך בין נישט אויסגערוהט.

— ביסט דען נישט געשלאָפען ביי נאַכט?

— ניין! — ענטפערט זי קוים.

— פאַר וואָס?

דו ווייסט שוין! — זאָגט זי און קעהרט אָב דאָס פּנים אָן אַ זייט און ווישט זיך די אויגען מיט'ן פאַרטוכ'על.

— זאָלען מיר אַזוי ביידע נישט וויסען פון קיין שלעכטס! — פערענטפער איך מיך און ווער שטאַרק צוקאָכט.

— פאַר וואָס נעכטען האָסט דו דיך אַפילו נישט אומגעקוקט?...

— אַ נייע מעשה! — זאָג איך — ווי קומט איינס צום אַנדערן? דורך דעם שלאָפט מען נישט?

— ניין: — זאָגט זי — עס האָט מיר באַנג געטהון, וואָס איך האָב דיך געגייט צוריק צו נעמען דעם גילדען...

— איבער אַ גילדען געהט עס? עס איז דיר אַ שאָד? אָט האָסט דו דריי, אַבי שלאָף! — נעם איך אַרויס מיין ביטעלע.

— און אַז איך וועל נעמען, וועסט דו שוין נישט זיין ברוגז?...

פרעגט זי מיט אַ שמייכעל און די אויגען בלישטשען פייכט פון טרערען.

— ניין! — ענטפער איך, חאָטש אין מיר טראַכט איך: ווען האָט מיר גאָר געחלומ'ט פון אַ ברוגז?...

— דריי — נישט! דעם איינעם גילדען — זאָגט זי — קען איך נעמען.

— זאָל זיין! — ענטפער איך, האַלטענדיג דריי גילדענס אויף דער האַנד,

— וועסט דו שוין נישט זיין ברוגז?...

— ניין! — זאָג איך איהר נאָך אַמאָל צו, און זי נעמט אַראָב איין גילדען.

אַזוי איז אַוועק אַ לאַנגע צייט און מיר לעבען זיך גאַנץ פריינדליך. מאַכט זיך אָבער אַן'אומגליק; דעם פאַר פּסח ווערט די עלטערע שוועסטער, דאָס ווייבעל, קראַנק, און עס געהט נישט אַוועק קיין צעהן טעג, פונקט דעם אַנדערן טאָג יום טוב, שטאַרבט זי, אַ ווייבעל אַ גאָלד, און אַזוי היימיש, אַ שוועסטער, זאָג איך אייך! האָט עס מיך — ווי איך בין אַ יוד — ביי'ן האַרץ געשניטען, און איך פלעג נישט קענען דערנאָך אַריינקומען אין שטוב, בפרט איהר, דבורה'לען, האָב איך נישט געקענט אין די אויגען אַריין קוקען. פריהער — אַזוי היימליך, אַזוי פרעהליך, פּלוצלונג — אַזאַ אומגליק! יעדעם ווינקעל אין שטוב קלאָגט, די מוטער, צווישען צוויי ווערטער גיסען זיך די טרערען, און דבורה'לע דרעהט זיך אַזוי אַרום ווי אַ שאָטען, דאָס פּנים איז בלאַס ווי די וואַנד, און טרויעריג, דעם קאָפּ

אראב, אפילו די ווענט זעהען אוים אומעטיג און עם טרייבט מיך פון שטוב ארוים איהר בעהאלטענער צער...

נאר איינמאל, דעם זומער, פאר שבועות איז עם געוועזן, פאהר איך מיט א ביסעל חסידים צום רבי'ן קיין קאליביעל, דא אין א נאהנט שטעדטעל... וויל איך מיך דא שטעלען געבען דעם פערד א טרונק, לאזען זיי נישט, די חסידים, און מאכען א יעלה, איך זאל פאהרען געשווינדער. נאר ווער הערט זיי? מיין פערד, קלער איך מיר, איז קיין חסיד נישט און איילט זיך נישט צום רבי'ם שלום, פונדעסטוועגען, איבעריג צייט פערברענגען וויל איך אליין נישט; פאהר איך נישט צו צום הויז, נאר בלייב שטעהן אויפ'ן שאסיי, פאר'ן בריקעל, און בינד אב דעם קובעל און געה צו דעם ברונעם, דא הינטער'ן הויז.... איך טהו א קוק, דברה'לע זיצט אויף דעם גראז, בלאס ווי א טויטע און דעם קאפ אראבגעלאזט, ווי פערטראכט. פלוצלונג, זי האט דערהערט די טריט מוז זיין, דערזעהט זי מיך, און די פארבען קומען איהר אין פנים אריין, ווי פערשעמט.

— וואס זיצט דו אזוי. פרעג איך.

— איך ווייס אליין נישט!... — ענטפערט זי — איך זיץ גלאט אזוי, פערטראכט האב איך מיך.

און פערטראכט האט זי טאקי אויסגעזעהן, און איך ווייס אליין נישט, — מיר האט זיך עפים געוואלט וויסען דעמאלט, וואס זי טראכט, נאר פרעגען איז נישט מיין טבע. נעם איך אנשעפען א קובעל וואסער, און צום אוועקגעהן פרעגט זי מיך, ווען מיר קומט אוים צוריק צו פאהרען. איך האב איהר געזאגט און בין אוועק צום וועגעלע.

אז איך האב אבגעשטעלט די חסידים אין רבינ'ם הויפעל אריין, דאכט זיך. קען איך שוין צוריק פאהרען? ווארען ווער דארף מיך דארטען, אדער וועמען דארף איך? אפשר טאנצען מיט די לייבסערדעקעס אין רעדעל, אדער זיך רייסען איבער א לעפיל ארבעס־זויך? טאקי, דער אמת, ווי קום איך?... נישט לאנג געקלערט, דרעה איך אוים דאס וועגעלע און מאך פליטה. „נישט קשה, מיין פערד, — טראכט איך מיר — וועסט קריגען ריינעם האבער, לאמיר זיך נאר שטעלען פאר דברה'לעס מהיר!" אזוי איז טאקי געוועזן, א גאנצען וועג נישט געפאשעט, ערשט שפעט ביי נאכט, ווען איך בין אהער צוגעפאהרען, שפאן איך אוים דאס פערד און דרעה עם אוים אין די האלאבליעס, מיט'ן קאפ צום וועגעלע, און איך רוק אונטער דאס זעקעל האבער.

די לאָרענס זענען שוין געווען פערהאַמערט, נאָר אינעווענינ לייכט זיך נאָך... און דורך די אויסגעשניטענע האַלבע לבנה זעה איך, ווי דברה'לע דרעהט זיך אַרום איינע אַליין. מיך האָט אפילו געגלוסט אַריין צו געהן, ווייל אַ גלעזעל טהיי האָט מיר זעהר געשמעקט, בפרט ביי נאַכט, און אַ גאַנצען וועג, פערשטעהט איהר מיך, קיין לעפעל וואַרעם וואַסער אין מויל נישט געהאַט, און דאָ, ווייס איך, מיט'ן קוק קאָכט זי מיר אויף טהיי אין אַ קופּער'ן פענדעל. פון דעסטוועגען, בין איך מיך מישב, און וואַרף מיך אַריין אין וועגעלע צווישען שטרוי, און ליעג. שלאָפען האָב איך נישט געקענט, האַלט איך גלאַט די אויגען פערמאַכט און הער מיך איין, ווי דאָס פערד חראַפּעט מיר צוקאָפּענס...

פלוצלונג דערפיהל איך, ווי אַ געדיכטע פינסטערניש, ווי אַ שאָטען האָט זיך מיר אָנגערוקט פאַר'ן פּנים; איך טהו אַ מאַך־אויף די אויגען: — דברה'לע איז עס!... זי שטעהט ביי'ן וועגעלע איינגעהילט אין אַ טיכעל אויף דעם קאָפּ און קוקט אויף מיר... אַ ציטער האָט זי געטהון ווען איך האָב די אויגען געעפענט, און זי פרעגט, ווי צומישט: — „שלאָפסט שוין יאָסעל?“ איך האָב אַרויפגעהויבען דעם קאָפּ פאַר אַ סימן... און זי זאָגט ווידער: — מ'קען דיך נאָך אַוועק גנבה'נען!... — און דערביי שמייכעלט איהר בלאַס פּנים.

— נישט אַזוי גיך! אַ צו־שווער פּעקעל... — ענטפער איך.

— עס שלעפערט דיך טאַקי? — פרעגט זי שטיל.

— ניין! —

— ליעג נישט, קום אַראָב. — בעט זי זיך.

עס האָב מיך אַ דורך גענומען איהר בלאַס פּנים און אונטערטהעניגע רעד און איך האָב איהר צוליעב געטהון.

אַ צונד זענען מיר שוין געשטאַנען איינער קעגען אַנדערען, שטיל שווייגענדיג. די שטילקייט, האָב איך געפיהלט, האַלט מיך ווי אין אַ פרעס, וואו איך האָב נישט קיין רשות אַ ריהר צו טהון מיט אַן אבר. און פאַר וואָס? פרעג איך מיך אַליין אין זיך; און בשעת מעשה פאַלט מיר איין אַ שכל איבער צו שלאָגען די שטילקייט, און טהו אַ פרעג: —

— הערסט, ווי דאָס פערד חראָפּעט?...

— איך הער, — זאָגט זי און לעגט נאָך צו: וואָס זאָלען מיר שטעהן דאָ? קום אַ ביסעל ווייטער!

מיר געהען צו צום שאָסיי, און ביי דער זייט גראָבען, אויפ'ן גראָז זעצען מיר זיך.

זיצענדיג, קוקט זי אין הימעל אריין, גלייך זי האָט נישט מעהר אין זינען, ווי די שטילע שטערען, וואָס פינקלען איבער אונזערע קעפּ. איך, ווידער, פערקוק מיך גלאַט אין דער וועלט אריין, און חאָטש איך האָב מעהר אין זינען אונז ביידע, ווי אַלץ ארום, פון דעסטוועגען מאַך איך מיך, ווי גע'פּגר'ט. און קוק גאָר אויף דעם איינגעבויגענעם ווירבע־בוים מיט די רוישענדיגע בלעטלעך, וואָס שטעהט ביי דער אַנדערער זייט שאָ־סיי... אַלץ איז שטיל, און דברה'לע, אָהן אָטהעם, דאַכט זיך, קוקט פערטראַכט אויף די שטילע שטערען.

— וואָס זעהסט דו דאָרט? — האַלט איך נישט אויס.

— וואָס זאָל איך זעהן?

— צעהלסט די שטערען?...

— איך זוך אַ שטערן, מיין שטערן — ענטפערט זי.

— נו, זעהסט איהם?

— ער איז דען אַזוי ליכטיג?... — פרעגט זי און טהוט אַ קוק אויף מיר, און בשעת מעשה שפּאַרט זי אָן דעם עלענבויגען אויף איהר שויס, און דעם קאָפּ אויף דער שטעהענדיגער האַנד, איך זאָל איהר נישט קוקען אין פּנים אַריין.

— וואָס איז, דברה'לע? נעם איך זי אָן ביי דער האַנד.

— גאָר נישט! — ענטפערט זי אָבגעהאַקט.

זי בענגט, אַ פּנים, נאָך די שוועסטער, טראַכט איך מיר:

— נאָך אַזא שוועסטער, — זאָג איך — איז טאַקי דאָ וואָס צו בענ־גען, נאָר איז זי דאָך שוין געשטאָרבען...

— עה, נישט דאָס! — זיפצט זי אָב.

— וואָס דען?

— וואָס איך לעב... — ציטערט איהר קול, ווי צום וויינען.

איך בין שטיל געבליבען, די האַנד איז מיר עפּיס, ווי אַליין אוועק געפאַלען, אראָב געגליטשט פון איהרע, און טיעף אין הארץ האָט עפּיס געצופּט אַ מין רחמנות...

— דו שווייגסט, — זאָגט זי — שווייגסט! ביסט, הייסט עס מודה...

— איך שוויג, — ענטפער איך, ווי דער אמת — וויל איך ווייס נישט וואָס צו זאָגען.

— דו שווייגסט, — חזרט זי איבער — וויל ס'איז גלייכער צו שווייגען...

— גלויב מיר, אז נישט! איך ווייס טאקי נישט, גלויב מיר. — פערענטפער איך מיך.

— גלויב מיר! איך וויל דיר גלויבען, ווי א קראנקער וויל געזונד זיין, אבער וואס טויג בלויז גלויבען?...

— אבער זאג!... לאמיך וויסען! וואס, זאגסט דו, ווייס איך? — ווער איך שוין בעז פון אידהרע געטאקטע רעד, וואס קענען א הארץ אויסציהען. ווארום טאקי דער אמת, מי יודע וואס פאר אנ'אנטשעפעניש! איך ווייס, זאגט זי, וואס זי איז טרויעריג. געהערט רעד פון א מיידעל!

— ווייסט דו נישט, — זאגט זי — און ווילסט דו וויסען? זאג איך דיר! אלץ איינס, צי פערברענט אין פייער צי דערטרונקען אין וואסער... הער'זשע צוויי ווערטער: ווילסט מיך ראטעווען? נעם'זשע מיך אוועק פון דאנען...

— פאר וואס, און וואהין? — פרעג איך דערשראקען פאר א שלעכטע מחשבה... און מיר האט א קלאפ געטהון אין הארץ.

— וואו דו ווילסט, אפילו אין די ווייסעל אריין, אבי ארויס פון מיין מאמעס שטוב. — פאלט זי מיר אויפ'ן הארץ מיט א געוויין.

— אין די ווייסעל אריין פיהרט מען נישט, ביסט א נאריש מיידעל! — זאג איך — נאר קענסט דו נישט זאגען, וואס איז דא פאר א נייעס געווארען? — פרעג איך; נאר זי הערט נישט, אדער וויל נישט הערען, און זי טוליעט צו דעם קאפ צו מיין הארץ, ווי א חדר־יונגעל טוליעט זיך ביי נאכט צו דער מאמען און שרעקט זיך פאר א מעשה מיט גזלנים...

— וואס איז געשעהן? פרעג איך נאך א מאל, און דאס הארץ צוגעהט מיר פאר רחמנות.

— דערווייל גאר נישט, עס דארף ערשט געשעהן... שיט זי אויס, און טהוט א ציטער מיט'ן גאנצען גוף. — עס דארף ערשט געשעהן; מ'וויל מיך ארונטער שטעלען מיט'ן שוואגער אונטער איין חופה...

ווי מיט א שטיק גלאז מ'וואלט מיר א ריטץ געטהון אין מח; דן לעבער פלאצט מיר אזש... נאר איך האלט מיך איין...

— וואס זשע קלערסט דו, וואס פאר אנ'עצה?

— אה, ניין! — חאפט זי אוועק דעם קאפ פון מיין הארץ, ווי איך וואלט איהר א ביס געטהון, און זי קוקט מיר שארף אין די אויגען אריין —

אז דו האלסט ערשט ביי פרעגען, וואָס איך קלער צו טהון, איז אַ סוף...
קעהר איך צום מלאך המות!

— קעהרסט נישט! קעהרסט נישט!... — חאַפּ איך זי אַרום און
הויב זי אָן צו קושען — גלויב מיר, דבורה'לע, אַז נישט... מיין קאָפּ
גיב איך אַוועק פאַר דיר! — פאַל איך איהר אַרויף אויפ'ן אַקסעל און
וויין מיט . . . .

איך העשע, זי העשעט... זי גלעט מיך — שאַ... איך זי —
שאַ... נאָר מ'קען זיך נישט איינהאַלטען!

שטאַרק איך מיך:

— פאָרט אַזוי, וואָס טהוט מען?

— זאָג דו, וואָס זאָל איך טהון? — העשעט זי.

— זאָג דו, — בעט איך זי נאָך אַ מאָל.

— וואָס דו ווילסט טהו מיט מיר!

— שטעה'זשע נאָר! — זאָג איך — ס'איז שוין אָבגעשטעלט אַ זמן
חתונה?...

— יאָ, אָבגעשמועסט אויף שבת נאָך שבועות, נאָר איך האָב
אָנגעהויבען צו וויינען, אַז... אַז איך וויל נישט אַזוי פריה... האָט מען
אָבגעלעגט אויף שבת נחמו.

— שאַ, זשע... — זאָג איך — איז שוין באַלד נישט אַזוי שלעכט.
קען מען נאָך עפּיס אויפטהון! איך וועל דיך נעהמען, פערשטעהסט דו
מיך, גאָר אין אַ פרעמדע שטאָט אַריין, קיין קאַ=אַ=ל=ווישין צו מיין מוהמען...
און וועסט זעהן, גאָט וועט העלפען...

— וואַרט נישט, יאָסעל! — גלעט זי מיך און בעט שטיל —
וואַ=אַרט נישט, דאָס האַרץ שרעקט זיך מיר...

— שרעק דיך נישט, — גלעט איך זי איבער די ווייכע האָר —
וועסט זעהן...

— ניין, יאָסעל, ניין!...

— וואָס דען?

— נעם מיך שוין, חאָטש צו דיר אַ היים... — זאָגט זי שטיל,
ווי פערשעמט.

דאָ בלייב איך שוין שטעהן ווי צומישט... עפּיס אַ קלייניגקייט! איין
איינפאַל פון אַ מיידעל! נעם זי אַהיים! — למשל איך טהו שוין אַזוי: —
שפּעט ביי נאַכט קלאַפּ איך אָן אין לאָדען „מאַמע עפען!” זי קייטעלט אויף די
טהיר און איך מיט דבורה'לען גיב=מיר אַ קום אַריין — ברוך=הבא!...

די מאַמע מײַנע, נישט קײַן נאַרישע יודענע, פערשטעהט אַנ׳עסק... טהוט ראשית אַ פרעג — „דברה׳לע וואָס מאַכסט דו גוטס?" און דערווײַל טהוט זי אַ טאַפּ דעם דופק... דערווײַל הויבט מײַן שוועסטער אויף דעם קאָפּ, ליעגענדיג אין בעט, און קוקט פערוואונדערט, אַ מאָל אויף מיר, אַ מאָל אויף דברה׳לען, ווי איינער רעדט — געחאַפּט בעצײַטענס!... אַ געשעפט האָט ער, אַז די שוועסטער איז עלטער...

נאָר דאָס, זאָג איך, איז נאָך גאָר נישט, באָבקעס!... דער עיקר שבת! מ׳גיט מיר הגבה אין מײַן חברה׳לע, און אַ גוטער ברודער, אַ שטײַגער, שטעהט מיר אונטער די פּלײַצעס, אַראָב געדרוקט דאָס דאַ־שיקעל איבער די אויגען, און ווינקט איבער מײַן קאָפּ... און מאַכט זיך אַ געלעכטער׳ל — „הע, יאָסעלע, לאָז דיך קאָסטען צוויי מאָל ח״י אויף אַ מי־שברך!... האָסט געפּאַקט אַ קליוועַ יולדה׳וקע"...

אָט אַזוי וואָלט עס צוגעגאַנגען, האָב איך נאָך פריהער בערעכענט, ווען איך טהו ווי זי וויל!

בין איך מיך מישב:

— הער, דברה׳לע, רעדסט ווי אַ קינד! דײַן מאַמע וועט קומען נאָך צו לויפען אין שטאָדט אַרײַן, און דער רב וועט באַלד שיקען דעם שמש...

— דו שרעקסט זיך פאַר׳ן רב?... — שאָקעלט זי מיט׳ן קאָפּ — שרעקסט זיך? און איך?... גלויב מיר, יאָסעל, אַז קײַן שרעק און קײַן טוידט איז פאַר מיר נישט דאָ, אויב דו ווילסט עס נאָר! נאָר אפשר... אפשר ווילסט דו, איך זאָל מיך יאָ שרעקען!...

נישט קײַן שלעכטע שטעכווערטלעך, טראַכט איך מיר, און איך ענטפער באַלד אָב:

— גלויב מיר, דברה׳לע, מיט׳ן גאַנצען האַרצען וויל איך דיך פאָלגען, נאָר זעה, עס האַלט נישט אוים... איבער מענשען...

זי איז שטיל געבליבען, ווײַזט אוים פערשטאַנען, אַז איך בין נישט אין גאַנצען אומגערעכט, און בײַדע זיצען מיר פערטראַכט, דאָס האַרץ האָב איך געפיהלט, פּלאַצט מיר פאַר רחמנות, נאָר וואָס טהוט מען? מען מוז שוין וואַרטען ביז נאָך שבועות...

אין מיר זיצען.

זי האַלט דעם קאָפּ אויף מײַן האַרץ און בײַדע שווײַגען מיר, מע׳רעדט נישט אַ וואָרט, נאָר טהייל מאָל טהוט זי אַ זיפץ און אַ ציטער מיט׳ן גאַנצען גוף. און אַזוי ביז דער מאָרגען־שטערען איז אויפגעגאַנגען. ערשט

דעמאָלט האָבען מיר זיך אויפגעשטעלט, אָנגעקושט, אָנגעהאַלזט. איז זי אַוועק צו דער שטוב און איך האָב נאָכגעקוקט נאָך איהרע געשווינדע לײַכטע טריט, ביז איך האָב געהערט דאָס ריגלען פון דער טהיר...

איך האָב אײַנגעשפּאַנט און שפּרינג שוין אַרײַן אין וועגעלע, אין דעם מאַכט זיך אויף די הויז־טהיר און דברה'לע בעווײַזט זיך נאָך אַ מאָל. זי שטעהט אויף דער שוועל, רעדט נישט אַ וואָרט — אַ צײַכען, און מיר ווערט עפּיס זעהר בענגליך, עס לאָזט מיך נישט אַוועק פאָהרען, ווײַס איך אַלײן נישט וואָס מע'טהוט; יאָ מיט נעמען... נישט מיט נעמען, ס'איז נישט קײן פּלאַן, נישט אַזוי, נישט אַזוי!... און דערווײַל שטעהט זי... הויב איך מיך אויף און געה צוריק אַראָב פון וועגעלע:

— דברה'לע, — זאָג איך און נעהם זי בײַ דער האַנד — זײַ נישט טרויעריג, דברה'לע... וועסט זעהען, גאָט וועט העלפען... האַלט זיך אויף ביז נאָך שבועות...

זי האָט נישט געענטפערט, בלאַס ווי די וואַנד, און מיט טרערען אין די אויגען קוקט זי מיך אָן... איך האָב מיך לײַבט צוגעבויגען צו איהר פּנים און אַ קוש געטהון, האָט זי זיך ווי צוגעקלעבט צו מיר מיט'ן גאַנצען גוף, און ציטערנדיג געקושט און געקושט...

איך האָב מיך געזעגענט, פײַן, שטיל, און בין אַרויף אויפ'ן וועגעלע נאָר זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען און נאָכגעקוקט מיר ווײַט אויפ'ן שאָסײַ... ווי אײנער רעדט: „דאָס לעצטע מאָל!"...

און טאַקי דאָס לעצטע מאָל, וואָרען מען האָט זי גענאַרט, די מוטער האָט עקסטרע געזאָגט — „שבת נחמו"... כדי אײַנצושטילען זי, דברה'לען, זי זאָל נישט ווײנען... און באַלד שבת נאָך שבועות, ס'הײסט דעם אײגענעם פרײַטאָג פאַר נאַכט, האָט די מוטער צוגויף געקלאַפּט אַ מנין מענשען, געחאַפּט פיער דרענגער מיט אַ פלאַבטע, און פאַרטיג שטאָם!.. פּטור אַנ'עסק...

דער הימעל האָט שוין אָנגעהויבען בלײַך צו ווערען, די שטערענדליך — פּאַט, אויסגעלאָשען, ווי די בית־המדרש לאָמפּען חנוכה בײַ נאַכט... און די לבנה איז שוין געשטאַנען האַלב פערזונקען אין דער ערד, און רויט ווי אין בלוט אײַנגעטונקען, האָט זי האַלב אַפער געקוקט פון

אונטער'ן עק הימעל, וואַרפענדיג נאָך אַ לעצטען טרויעריגען בליק צום הויז, וואו מיר שטעהען.

איך האָב אַ קוק געטהון אויף יאָסלען וועלכער האָט אויסגעזעהן פערפראַכט, און איך זאָג:

— וואָס וועלען מיר שטעהן דאָ?

— איהר זענט גערעכט, — ענטפערט ער, פערטראַכטערהייט אַרויף שטעלענדיג אַ פוס אויף דעם פאָדערשטען ראָד — איהר זענט גערעכט... איך האָב שוין גאָר נישט וואָס צו טהון!...

. . . .

וויאָ!...

אינהאַלט :

קנאה און תאוה	7
א זומער טאג	105
א חוב	115
פון פייער און וואסער . . .	131
א דערטרונקענער . . .	141
משוגענע אין דארף . . .	151